STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00153

OREME MENTSHEN

Fyodor Dostoyevsky

Permanent preservation of this book was made possible by
Abraham & Rose Stein
in memory of
Sadie & Morris Stein and Leah & William Chitron

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. דאָסטאָיעווסקי

אָרימע מענשען

ВѢДНЫЕ ЛЮДИ

איבערזעצט פון

צ. סארין.

פערלאַג
מאַקס יאנקאָוויץ, 181 איסט בראָדוויי
נויארק.

אך! די וואָס טראַכטען אויס מעשות. ניין, זיי וועלען ניט אָנשרייבען עפּעס אנגענעהמעס, ביי וואָס מען זאָל קענען זיך אָפּרוהען, נאָר זיי רייסען ביי דער ערד אַלץ פון אונטער'ן נאָגעל אַרויס!... אָט ווען מען פאַרבאָט זיי אינגאַנצען צו שרייבען, נו, וואָס פאַר אַ פּנים האָט דאָס: ליִיענסט, פאַרטראַכסטו זיך ניט ווילענדיג, און יעדער שוואַץ דאָרטען קריכט דיר אין קאָפּ אַריין. איך וואָלט זיי באמת פאַרבאָטען צו שרייבען.

אָט, נאָר פּשוט, איך וואָלט זיי אינגאַנצען פאַרבאָטען און שוין.

קניאז וו. פ. אדאיעווסקי.

דעם 8טען אַפּריל.

הויכגעשעצטע ווארווארא אלעקסיעוונא!

נעכטען ביז איך געווען גליקליך, איבער גליקליך, גליקליך ביז דער אונמעגליכקייט, ווייל איהר אזא איינגעשפּארטע, האָט מיך האָטש איין מאָל אין לעבען געפאָלגט. אין אָווענד א זייגער אכט, איך כאַפּ זיך אויף, (איך האָב ליעב זיך דורכשלאָפען א פּאָר שטונדען נאָך דער ארבייט) און קריעג א ליכט, גרייט צו די פּאַפּירען, פאַריכט די פען און הויב אזוי אויף די אויגען, — און באמת מיין הארץ האָט אויפגעציטערט! איהר האָט טאקע פארשטאַנען וואָס מיר האָט זיך געוואָלט, וואָס מיין הארץ האָט געגלוסט. איך זעה דער עק פון פאַרהאַנגעל איז אָבגעבויגען און פארטשעפּעט פאר דעם טאָפּ מיט בלומען קוים באַמערקבאַר. ווי איך האָב אייך דאַן אָנגעמערקט. דערביי האָט זיך מיר אויסגעוויזען אז איהר זענט פארביינעגאַנגען ארום דעם פענסטער, און אז איהר האָט געקוקט צו מיר פון אייער צימעריל, און האָט וועגען מיר געטראַכט. מיר האָט שטארק באנג געטאַן, מיין טייבעלע, וואָס איך האָב ניט געקענט גוט זעהען אייער מילדען פּנים. עס איז געווען אמאָל א צייט ווען איך האָב א ליכטיגע־איה געהאט, אבער די עלטערע איז קיין פרייד ניט, טייערע.

אַט שווינדעלט מיר עפּעס אויך איצט אַליין פאַר די אויגען! קוים אַרבייטסטו אַביסעל אין אָווענד, שרייבסט עפּעס וואָס; שטעהסטו שוין אויף אין דער פריה, מיט רויטע אויגען, וועלכע טרערען, אַזוי אַז עס איז דיר אַנאַנגענעהם פאַר פרעמדע. דאָך האָט אין מיין פאָרשטעלונג דורכגעשיינט אייער שמייכעל, אייער גוטינקער, ליבינ־קער שמייכעלע, מלאכ׳ל מיינס, און אין האַרצען האָב איך געפילט, ווי ד׳אַן, ווען איך האָב אייך אַ קוש געטאָן, וואַרינקאַ! — געדיינקט איהר דאָס מיין מלאכ׳ל? ווייסט איהר, טייבעלע מיינע, אַז מיר האָט זיך אפילו אויסגעדוכט, אַז איהר האָט מיר געדראָהט מיט׳ן פינגעריל. איז דאָס ריכטיג שטיפערען? איהר זאָלט למען־השם מיר דאָס אַלעס באַשרייבען אויספיהרליך אין אייער בריעף. נו, וואַרינקאַ, וואָס זשע דענקט איהר עפּעס וועגען דעם פאָרהאַנגעל? וואונדער׳ליך! ניט וואָר אפשר? סיי איך זיץ ביי דער אַרבייט, סיי איך לייג זיך שלאָ־פען, סיי איך כאַפּ זיך אויף, ווייס איך שוין אַז איהר טראַכט וועגען מיר, געדיינקט מיך און אַליין זענט איהר געזונט און פרעהליך. ווען איהר לאָזט אַראָפּ דאָס פאָרהאַנגעל, מיינט דאָס זייט געזונט. מאַקאַר אַלעקסעיעוויטש, עס איז צייט שלאָפען, הויבט איהר דאָס אויף, הייסט דאָס: גוט מאָרגען מאַקאַר אַלעקסעיעוויטש! ווי זענט איהר היינט געשלאָפען? אָדער ווי פילט איהר אייך געזונט, מאַקאַר אַלעק־סעיעוויטש? וואָס אַנבעלאַנגט מיך, איז אַ דאַנק דעם באַשעפער! איך בין געזונט און מונטער! זעהט איהר, נשמה׳ניו, אַט דאָס הייסט צוגעטראַכט! מען דאַרף אפילו קיין בריעף ניט. פאַרשפּיצט, ניט אמת אפשר? דאָס האָב איך דאָך צוגעטראַכט! ווי געפעלט אייך אייך עפּעס אין די זאַכען, וואַרוואַראַ אַלעקסעיעווגאַ?

איך קען אייך מיטיילען, מאַמעלע מיינע וואַרוואַראַ אַלעקסעי־עוונאַ, אַז איך בין געגען אַלע מיינע ערוואַרטונגען, גוט געשלאָפען די נאַכט; מיט וואָס איך בין עכסט צופריעדען. ניט קוקענדיג דערויף וואָס די ערשטע נאַכט אין אַ נייער דירה שלאָפט זיך עפּעס ניט. אַלעס איז דאַכט זיך אַזוי און דאָך ניט אַזוי! אויפגעשטאַנען בין איך היינט אַ מונטערער — ליעב און פרעהליך; וואָס איז דאָס אַזעלכעס, ס׳אַראַמין גוטער פרימאָרגען עס איז היינט מאַמעלע! ביי אונז האָט מען צועפענט דעם פענסטער; די זון שיינט, די פויגעי לאָך זינגען די לופט אָטעמט מיט פריליגגס רויחות, און די גאַנצע

נאַטור וואַכט אויף. און דאָס איבעריגע איז אויך אַלעס געווען אין דעם זעלביגען גייסט. אַלעס אין אָרדנונג אַלעס ווי אין פרילינג. איך האָב היינט אַביסעלע זעהר אנגענעהם געטרוימט, און אַלץ ווע־גען אייך, ווארינקא, האָב איך געטרוימט. איך האָב אייך פאַר־גלייכט מיט א פויגעלע פון הימעל, וועלכע איז באַשאַפען געוואָרען אַלס א נחמה פאַר מענשען, און א צירונג פאַר דער נאַטור. דערביי, ווארינקא, האָב איך א טראַכט געטאָן אז מיר מענשען, וואָס לעבען שטענדיג אין זאָרג און אין דאגות דאַרפען מקנא זיין דעם זאָרגלאָזען אונשולדיגען גליק פון די פויגעלאַך אין הימעל. און נאָך אַזעלכע חלומות, ענליכע צו דעם. איך מיין כ'האָב אַלץ געמאַכט אַזוינע מינים ווייטע פאַרגלייכונגען. איך האָב א ביכעל אין וועלכען, ווארינקא, עס באַשרייבט זיך וועגען דעם זעלביגען. איך שרייב דאָס דערפאַר, מאַמעלע, ווייל טרוימערייען זענען דאָ פאַרשידענע. אַט איצט איז פרילינג אויף דער וועלט, קומען דיר אַלץ אין קאָפּ אַזוינע אנגענעהמע געדאַנקען און שאַרפע. די טרוימערייען זענען אַזוינע צאַרטע אין ראָזעווען ליכט אַלץ. צוליעב דעם האָב איך דאָס אַלעס אנגעשריבען: איך האָב דאָס אַלעס גענומען פון ביכעל. דאָר־טען ווייזט דער מחבר ארויס דעם זעלבען פאַרלאַנג אין פערזען, און — שרייבט: „וואָרום בין איך ניט קיין פויגעל קיין בלוט דורשטיגער פויגעל!"

נו: און א. וו. עס קומען נאָך אַזוינע פאַרשידענע אַנדערע געדאַנ־קען. אָבער, צו אַלדע גוטע יאָהר מיט זיי! ווארוואַרא אַלעקסעיעוונא, וואוהין זענט איהר דאָס געגאַנגען היינט אין דער פריה? איך האָב זיך נאָך ניט געקליבען צו דער אַרבייט, ווען איהר ווי אַן אמת־פרילינגס פויגעלע האָט ארויסגעשוועבט פון צימער און זענט דורכ־געגאַנגען דעם הויף, אַזאַ פרעהליכינקע. מיר איז אַזוי פרעהליך גע־וואָרען אויף אייך קוקענדיג! אַך, ווארינקא, ווארינקא! — טרויערט ניט: מיט קיין טרערען קען מען די צרות ניט העלפען: דאָס ווייס איך מאַמעניו, פון ערפאַרונג ווייס איך דאָס. איצט זענט איהר דאָך אַזוי רוהיג. מיט'ן געזונט האָט איהר זיך אויך אַביסעל פאַרבעסערט. — נו, וואָס־זשע הערט זיך מיט אייער פעדאָרא? אַך, ס'אַרא מין גוטע פרוי זי איז! ווארינקא, שרייבט מיר אַז ווי איהר לעבט מיט איהר איצט דאָרטען און צו איהר זענט מיט אַלעס צופריעדען?

פעדארא בורטשעט אונטער, אבער איהר קוקט ניט דערויף. זאל גאט זיין מיט איהר, ווארינקא, זי איז אזא גוטע!

איך האב שוין אייך געשריבען וועגען דער אונזער טערעזא, — זי איז אויך א גוטע און טרייע פרוי. איך האב זיך אזוי באונרוהיגט פאר אונזערע בריעף! ווי וועלען מיר זיי איבערגעבען? און אט דא האט גאט צו אונזער גליק צוגעשיקט טערעזען. זי איז אזא שטילע, אזא מילדע פרוי, אזא ניט בערעדעוודיגע. נאר אונזער בעל־הבת'טע איז פשוט אן אונברחמנות'דיגע, און ווי א מין שמאטקעלע צורייבט זי זי אין דער ארבייט. נו, און סארא מין לאך איך בין אריינגעפאלען, ווארחווארא אלעקסעיעווגא! איז דאס א וואוינונג! פריהער וויסט איהר דאך אליין ווי איך האב געלעבט: — אזוי רוהיג און שטיל, אז א פליג איז ביי מיר דורכגעפלויגען האט מען די פליג געקענט הערען. דא איז א טומעל, א געשריי, א געוואלט: יא איהר ווייסט דאך נאך ניט ווי דא איז אלעס איינגעארדענט. שטעלט זיך פאר: א לאנגער קארידאר א שמוציגער און פינסטערער. אין דער רעכטער האנט פון קארידאר איז א טויבע וואנט, און אין דער לינ־קער טירען און טירען. פונקט ווי צימערען אין א האטעל. יעדער טיר פיהרט בלויז אין איין איינציגען צימער, ווי מען וואוינט אין צווייען אדער אין דרייען. וועגען ארדנונג פרעגט ניט, דאס איז א מין נח'ס קאסטען! דאכט זיך וואוילע מענשען, אלע אזעלכע געלע־רענטע, און געבילדעטע. די שכנים מיינע זיינען: — איין טשינאוו־ניק, ער איז באשעפטיגט ערגעץ אין א ליטעראר־ישער אבטיילונג. ער איז א מענש א באלעזענער. ער רעדט אי וועגען האמערען, און וועגען עפעס א ברובעסען און עפעס אלץ אזעלכע מינים פארשידענע שרייבער: — א קלוגער מענש! אויסער איהם וואוינען נאך צוויי אפיצערען, וואס שפ.ילען אימער אין קארטען. אויך א מיטשמאן וואוינט דא, א לערער און אן ענגלענדער. — ווארט אקארשט וועל איך אייך פארשאפען אביסעל שפאס אין קומענדען בריעף, מאמעלע מיינע: איך וועל זיי אייך באשרייבען סאטיריש און מיט אלע דעטאַ־לען. די בעל־הבת'טע אונזערע איז זעהר א קליינינקע און אומריינע אלטינקע, וועלכע געהט אום דעם גאנצען טאג אין א שלאפראק, מיט הויז שיכלאך. און שרייט כסדר: דעם גאנצען טאג לאנג שרייט זי אויף טערעזען. איך וואוין אין קיך, אדער בעסער געזאגט נעבען קיך

איז דאָ א קליין צימערל. איך מוז באמערקען אז אונזער קיך איז זעהר א גוטע, א גרויסע און א ליכטיגע): דאָס צימערל איז א קלענ־טשיקער באשיידענער ווינקעלע. אבער בעסער געזאגט די קיך איז א גרויסע מיט דריי פענסטער, האָט מען אבגעצאמט א שטיקעל קיך אין עס באקומט זיך א שפּאַגעל נייער צימער, אזוי צו זאגען. מיין ווינקעלע איז זעהר א באקוועמעס; עס פאַרמאָגט א פענסטער — און איז גענוג גרויס. מיט איין וואָרט אלעס איז באקוועם. אט דאָס איז מיין ווינקעלע, אבער, מאַמעלע, דיינק ניט אז דאָ איז פאַרבאָר־גען עטוואס אנדערש, א מין פארבאהאלטענער זין. אט עפּעס א קיך! איך וואוין טאַקע אונטער דעם אבגעצאַמטען ווענטעל, אבער דאָס איז גאָרניט. איך וואוין זיך אבגעזונדערט פון אלעמען, שטילינ־קערהייט, פאַמעלעך לעב איך מיר. איך האָב ארייגעשטעלט צו זיך אין צימער א בעט, א טיש א קאָמאָד א פּאָר ביינקלאך, און האָב אויפגעהאַנגען דאָס הייליגע בילד. אמת עס זענען דאָ בעסערע דירות, מען קען זאגען א סך א סך בעסערע, אבער צום אלעם ערשטען קומען די בעקוועמליכקייטען. אלץ איז דאָך צוליעב בעקוועמליכקייט. ־ענק ניט אז איך האָב דאָס געטאָן צוליעב עטוואָס אנדערש. אייער בענסטער איז פּונקט אנקעגען איבער דעם הויף. דער הויף איז א שמאָלינקער און איך קען אייך זעהען פארבייגעהענדיג. אלץ איז מיר, אין ליידען אנגעטונקטען, פרעהליכער און דערביי אויך ביליגער. דאָ ביי אונז איז דער ערגסטער צימער מיט קעסט 35 רובעל, ניט פאָר אונזער קעשענע. איצט קאָסט מיר דער צימער 7 רובעל, קעסט 17½ צוזאמען 24 רובעל מיט 50 קאָפּיקעס. פריהער האָב איך גע־צאָלט 30 רובעל. דערפאַר האָב איך זיך געמוזט פון א סך זאכען אבזאגען. טעה ניט אימער געטרונקען. איצט האָב איך אויף טעה און צוקער געוואונען. איהר פערשטעהט, טייערע מיינע, ניט צו טרינ־קען קיין טעה איז א שאנדע. דאָ ביי אונז איז אלץ א פארמעגליכער עולם. אזוי אז דאָס איז דאָ א שאנדע. פאַר לייטען בלויז, וואַרינקאַ, טרינקסטו טהע, צוליעב דעם גוטען טאָן; פאַר מיר אליין איז אלץ איינס, איך בין באשיידען און פאָדער ניט צופיעל. לאָמיר זאגען קעשענע געלד איז דאָך נויטיג ווי פיעל ניט איז, נו און שיך, א קלייד, בלייבט שוין עפּעס א סך? אט האָט איהר אייך מיין גאנץ געהאַלט. איך באקלאָג זיך ניט, און בין צופריעדען. דאָס איז גענוג. דערצו

קריעגט מען דאך נאך ווען ניט ווען א נאגראדע. — נו, זייט געזונט, מלאכיל מיינער. איך האב ביליג געקויפט א פאר טעפלאך באלזא־מינטשיקעס און א גערענקא. מעגליך אז איהר גלייכט גאר רעזידא. איהר שרייבט בלויז און שרייבט וואס אויספיהרליכער, אבער מא־מעלע, טראכט ניט איבער וועגען מיר, וואס איך האב אזא צימערעל גענומען. ניין, בלויז מיינע אייגענע בעקוועמליכקייטען האבען מיך געצוואונגען דאס צו טאן׳ בלויז די בעקוועמליכקייט האט מיר גע־שמייכעלט, ווייל איך, מאמעלע, קלייב דאך געלט; לייג אפ צו בים־לאך, ביי מיר לאזט זיך דער גראשען ניט אוים. קוקט ניט דערויף, וואס איך בין אזא שטילינקער, אז עס דוכט זיך אז א פליג קען מיך צודריקען מיט איהר פליגעלע. ניין, מאמעלע, איך בין פאר זיך ניט קיין גולם, און מיין כאראקטער איז פונקט אזעלכער, ווי דאס פאסט פאר א מענשען מיט א רוהיגער און שטארקער נשמה. זייט געזונט מלאכ׳ל מיינער! זעהט, אויף גאנצע צוויי בויגען פאפיר האב איך זיך צושריבען, און צו דער ארבייט איז שוין לאנג צייט. איך קוש אייערע פינגערלאך, און פארבלייב אייער טרייעסטער דיענער און איבערגעבענסטער פריינד, מאקאר דעוואושקין.

פ. ס. וועגען איין זאך בעט איך אייך, מאלכ׳ל מיינער, ענט־פערט מיר, ווי מעגליך אויספיהרליכער, דערביי שיק איך אייך א פונטעלע קאנפעקטען, עסט זיי געזונטערהייד, און אין גאטעס נאמען זארגט ניט וועגען מיר, און האט קיין פאריבעל ניט. נו, זייט זשע מיר נאך אמאל געזונט, מאמעלע.

דעם 8טען אפריל.

הויכגעשעצטער מאקאר אלעקסעיעוויטש!

איך האב מורא אז סוף כל סוף וועל איך זיך מוזען מיט אייך איינגאנצען צוקריעגען. איך שווער אייך מאקאר אלעקסעיעוויטש אז מיר איז אפילו שווער צוצונעהמען אייערע מתנות. איך וויים וואס אט די מתנות קאסטען אייך, איהר זאגט זיך אפ פון דעם נויטיגסטען. וויפיעל מאל האב איך אייך געזאגט, אז איך דארף גאר נישט ניט אבער אבסאלוט גארניט. אז איך בין ניט אימשטאנד אייך אבצור־

דאַנקען פאַר אַלע פריינדליכקייטען מיט וועלכע איהר האָט מיך ממש אַבגעשאָטען ביז אהער, צו וואָס דאַרף איך אָט די טעפּלאַך בלומען? נו די באַלזאַמיקעס זענען נאָך ווי ניט איז, אבער נאָך וואָס די גע־ראַנקאַ? גענוג אז איך זאָל זיך אונפאַרזיכטיג אויסריידען מיט א וואָרט, ווי למשל וועגען אָט דער געראַנקע, און איהר פליהט גלייך און קויפט, עס קאָסט דאָך זיכער טייער! אַבער וואָס פאַר א פּראַכט די בלומען זענען! ווי האָט איהר דאָס געקראָגען אַזאַ מין שעניקע געראַנקע? איך האָב זי אַוועקגעשטעלט אין דער סאַמע מיט פון פענסטער, אין דעם אַנגעזעהענסטען פּלאַץ: איך וועל אַוועקשטעלען א באַנק אויפ'ן דיל און אויף דער באַנק וועל איך אַוועקשטעלען נאָך בלומען. אָט לאָזט מיך אַקאַרשט אַליין רייך ווערען. פעדאָרא קען זיך ניט גענוג אַנפרעהען. ביי אונז איז איצט אַז אמת'ער גן־עדן אין צימער — ריין ליכטיג! נו, און די קאָנפעקטען נאָך וואָס? באמת איך האָב גלייך נאָכ'ן בריעף פאַרשטאַנען, אז ביי אייך איז עפּעס ניט אַלעס אַזוי גלאַט, אי א גן'עדן, אי פרילינג און עס טראָגען זיך בשמים רחות — פויגעלאַך פליהען אום און זינגען. איך טראַכט, וואָס איז דאָס אַזוינס. אפשר זענען אויך פערזען פאַראַנען. ווירק־ליך, בלויז פערזען פעלען אוים אין אייער בריעף מאַקאַר אַלעקסע־יעוויטש! עמפּפונדונגען איידעלע, טרוימען אין ראָזעווען ליכט — אַלעס אַלעס איז דאַ דאַ. מכח דעם פאַרהאַנגעל האָב איך אפילו ניט געטראַכט: עס האָט זיך אַליין פאַרטשעפּעט ווען איך האָב איבער־געשטעלט די טעפּלאַך מיט בלומען; אָט האָט איהר אייך! אייך מאַקאַר אַלעקסעיעוויטש, וואָס איהר זאָלט דאַרטען ניט זאָגען, ווי איהר זאָלט ניט רעכענען אייערע איינקינפטע אום מיך אָבצונאַרען, אום צו דערווייזען מיר אז אייערע פאַרדינסטען געהען אינגאַנצען אַוועק אויף אייך אַליין, אבער פון מיר וועט איהר קיין זאַך ניט אויס־בעהאַלטען: עס איז קלאַר, אז צוליעב מיר זאָגט איהר זיך אָפּ פון דעם נוטיגסטען, וואָס איז אייך מיט אַמאָל אַנגעפאַלען צו נעהמען אַזאַ צימער. זיכער שטערט מען אייך, געווים באַאונרוהיגט מען אייך, עס איז אייך איינג און אוּ־בעקוועם. איהר גלייכט אַזוי איינזאַמקייט, אַבער וואָס נאָר, האָט איהר דאַ ניט אַרום זיך. איהר וואָלט געווים געקענט בעסער לעבען לויט אייערע פאַרדינסטען. פעדאָראַ זאָגט אַז אַמאָל האָט איהר א סך א סך בעסער געלעבט. עס איז גאָר

קיין פאַרגלייך מיט דערמיט ווי איהר לעבט איצט. שוין־זשע האָט איהר אַזוי אָבגעלעבט דעם גאַנצען לעבען, אין אַ געדונגענעם ווינ־קעלע ביי יענעם, אין שטענדיגער איינזאַמקייט און נויט, אָהן פרייד, און אַ פריינדליכען וואַרימען וואָרט? אַך, ליעבער פריינד, ווי איהר טוט מיר באַנג! היט זשע האָטש אייער געזונד, מאַקאַר אַליעקסע־יעוויטש! איהר זאָגט אַז אייערע אויגען ווערען שוואַכער, שרייבט ניט ביי קיין ליכט; נאָך וואָס שרייבען? אייער איבערגעבענהייט צו אייער אַמט איז געוויס גוט באַוואוסט צו אייערע נאַטשאַלניקעס.

איך בעט אייך נאָך אַמאָל פאַטערט ניט אויף מיר אַזוי פיעל געלד. איך וויים אַז איהר האָט מיך ליעב. אָבער אַליין זענט איהר דאָך אַזוי ניט רייך... היינט בין איך אויפגעשטאַנען פרעהליך. מיר איז אַזוי גוט געווען: פיעדאָרא האָט שוין לאַנג געאַרבייט, זי האָט אויך פאַר מיר געקראָגען אַרבייט: איך האָב זיך אַזוי געפרעהט; איך בין בלויז אַרויס צי קויפען זייד, און זיך גלייך גענומען צו דער אַרבייט. אַ גאַנצען פריה־מאָרגען איז מיר געווען אַזוי לייכט אויף דער נשמה, און איך בין אַזוי פרעהליך געווען, און יעצט האָבען מיך ווייטער איינגעהילט שוואַרצע געדאַנקען, עס איז אַזוי אומעטיג; דאָס האַרץ נאָגט אַזוי מורא'דיג.

אַך, וואָס וועט זיין מיט מיר, וואָס וועט זיין מיין שיקזאַל! שווער איז דאָס וואָס איך וויים גאָרנישט ניט, וואָס איך האָב ניט קיין צו־קונפט, וואָס איך קען ניט פאָראויסזעהן וואָס וועט זיין מיט מיר. אויף צוריק אַ קוק צו טאָן איז ממש שרעקליך, דאָרטען זענען אַלץ אַזעלכע צרות, אַז דאָס האַרץ רייסט זיך אין צווייען, ווען דו דער־מאָנסט זיך בלויז. איך וועל אייביג וויינען אויף יענע שלעכטע מענ־שען, וואָס האָבען מיך רואינירט!

עס ווערט פינסטער. שוין צייט זיך צו נעהמען צו דער אַרבייט.

איך האָב אייך געוואָלט ווענען אַ סך זאַכען שרייבען, אָבער עס איז נישטאָ קיין צייט, מען מוז די אַרבייט מאַכען אין צייט. איך דאַרף היילען. געוויס זענען בריעף זעהר אַ גוטע זאַך; עס איז דאָך ניט אַזוי לאַנגווייליג. אָבער פאַרוואָס נעהט איהר קיינמאָל אַליין ניט אַריין צו אונז? פאַרוואָס איז דאָס מאַקאַר אַליעקסעיעוויטש? יעצט איז דאָך אייך נאָהענט, און אַ מאָל האָט איהר דאָך אָביסעל פרייע צייט. געהט אַריין איך בעט אייך! איך האָב געזעהן אייער טערעזען. זי זעהט אויס

צו זיין אזא קראנקע; א רחמנות אויף איהר: איך האב איהר גענגע־בען צוואנציג קאפיקעס. יא! שיער ניט פארגעסען, אונבאדינגט שרייבט אן אלעס און מעגליך אויספיהרליכער וועגען אייער לעבען. וואס זענען דאס פאר מענשען ארום און ארום אייך און ווי לעבט איהר מיט זיי גוט? מיר ווילט זיך זעהר וויסען דאס אלעס. זעהט זשע שרייבט אונ־באדינגט אן. הייגט וועל איך אומיסטען פארבויגען דעם ברעג פארהאנג. לעגט זיך שלאפען פאר פריה; געכטען האב איך ביז האלבע נאכט געזעהן פייער ביי אייך. נו, זייט געזונט. עס איז אומעטיג, לאנגוויילינ און טרויעריג. אזא מין טאג האט זיך שוין אויסגעגעבען. זייט געזונט, אייער
ווארווארא דאבראסעלאווא.

דעם 8טען אפריל.

גנעדיגע ווארווארא אליעקסעיעוונא!

יא, מאמעלע, יא טייערע מיינע, עס זעהט אויס אז אזא טאג האט זיך איינגעגעבען אויף דעם מזל מיינעם דעם צרה'דיגען. יא, איהר האט א שפאס געטאן מיט מיר, אן אלטיטשקען, ווארווארא אליעקסיע־יעוונא! איבעריגענס, בין איך אליין שולדיג, ארום און ארום שולדיג! זאל זיך ניט לאזען אן אלטער, מיט א דריי הערעלעך אויפ'ן קאפ צו־שפילען זיך און אמורען און א. ז. וו.... און אט נאך וואס, איך וועל אייך זאגען מאמעלע, אז וואונדערליך איז אמאל דער מענש, זעהר וואונדערליך. און הייליגע מיינע! פון וואס ער צורעדט זיך און צו־פלאפעלט זיך אמאל, גלייך דערלאנגט ער דאס אייך, און וואס קומט ארויס, וואס קומט ארויס דערפון? עס קומט ארויס עפעס אזא מין בישטינקייט, אז היט מיך, גאט! איך בין ניט ברוגז מאמעלע, אבער עס איז פשוט אזוי זיך פארדראסיג צו דערמאנען זיך אין דעם אלעס, פארדראסיג וואס כ'האב געשריבען אזוי בילדליך נאריש. צו דער אר־בייט בין איך אוועק אזא אויסגעפוצטער; אין הארצען האט די שכנה געהוהט, און אויף דער נשמה איז מיט אמאל דיר ניט, מיר ניט אזוי יום טוב'דיג געווען: פרעהליך און גאר. צו די פאפירען האב איך זיך גענומען מיט אזא ברען, און וואס איז דערנאך דערפון געווארען. דער־נאך שוין ווען איך האב זיך ארומגעקוקט—איז אלץ געווארען ווי געווען, און גרוי און פינסטערליך, אלץ די זעלביגע טינטען פלעקען די טישען.

פּאַפּירען אַלץ די זעלביגע, און איך אַליין בין אויך געבליבען דער זעל־
בער ווי געוועזן. טו וואָס איז דאָ געווען צו פאָהרען אויפ'ן פּעגאַס?
און פון וואַנעט האָט זיך דאָס אַלעס גענומען? דערפון וואָס די זון
האָט זיך באַוויזען און דער הימעל האָט זיך פאַרוויטעלט? דערפון,
צו וואָס? און וואָס איז דאָס פאַר בשמים אַזעלכע שמעקענדיגע, וועז
ביי אונז אין הויף, וואָס טרעפט דען ניט צו זיין! עס ווייזט אויס אַז
דאָס האָט זיך מיר אַלץ אויסגעוויזען פון משוגעת.

אַט אַזוי טרעפט זיך אַמאָל אַ מענשען זיך צו פאַרפּלאָנטערען אין
זיינע אייגענע געפיהלען און אַנצופּלוידערען גאָט ווייסט וואָס. דאָס
קומט ניט פון אַנדערש וואָס, ווי פון איבערמעסיגער נאַרישער צו־
היצטקייט פון האַרצען. אַ היים בין איך ניט געקומען נאָר קוים פאַר־
שלעפּט זיך. דיר ניט, מיר ניט האָט מיר שטאַרק אַנגעהויבען וועה טאָן
דער קאָפּ; דאָס איז שוין ווי עס ווייזט אויס צוגעפּאַסט איינע צו די
אַנדערע. עס האָט אַנגעבלאָזען אין פּלייצע, צי וואָס. איך האָב זיך
מיט'ן פריהלינג דערפרעהט, און ווי אַ נאַר פון נאַראָנים בין איך אַוועק
אין מיין לייכטען מאַנטעל. אין מיינע געפיהלען, טייערע מיינע, האָט
איהר אַ טעות געהאַט. מיין נשמה אויסגום האָט איהר אינגאַנצען
פאַלש פאַרשטאַנען. מיך האָט אַ פאָטערליכער געפיהל באַהערשט, איין
און איינציגע ריינע פאָטערליכע פריינדליכקייט, וואַרוואַרא אַלעקסיע־
יעוונאַ: ווייל איך פאַרנעהם ביי אייך דעם פּלאַץ פון אַ פאָטער,
ווייל איהר זענט אַ ביטערע יתומה: איך זאָג דאָס פון מיין גאַנ־
צער נשמה, פון ריינעם האַרצען, אַלס אַן אייגענער. ווי עס זאָל דאַר־
טען ניט זיין, בין איך כאָטש אַ ווייטער קרוב, אָבער, ווי אַ גלייך־
ווערטעל זאָגט, אַז אפילו די זיבעטע וואַסער פון קעסעל איז אויך אַן
אייגענע זאַך, ווייל דאָרטען, וואו איהר האָט פריהער פון אַלץ געהאַט
אַ רעכט צו באַליידיגונג: וואָס אַנבאַלאַנגט צו ליעדער, וועל איך אייך
זאָגען מאַמעלע, אַז עס איז ניט שעהן, ניט אַנשטענדיג, אַז אויף די
עלטערע יאָהרען זאָל איך זיך פאַרנעהמען מיט מאַכען פערזען. ליעדער
זיינען אַ נאַרישקייט. פאַר פערזען שמייסט מען די קינדער אין די
שולען... אַט וואָס דאָס איז טייערע מיינע.

און דאָס וואָס איהר שרייבט מיר, וואַרוואַרא אַלעקסיעיעוונאַ,
וועגען באַקוועמליכקייטען, רוה און פאַרשידענע אַנדערע זאַכען?
מאַמעלע מיינע, איך בין ניט קיין איבערקלייבער, און פאָדער ניט צו־

פיעל, איך האָב קיינמאָל בעסער ווי איצט ניט געוואוינט, און ניט גע־לעבט, אזוי אז אויף די עלטערע יאָהרען איז ניטאָ וואָס זיך צו חן'ען! איך בין זאַט, אָנגעטאָן און ניט באַרוועס: נו, איז צו וואָס דאַרף מען דאָס זאָרגען? איך שטאַם ניט פון גראַפען! — מיין פאָטער איז ניט געוועזען קיין אַרעלמאַן, און לויט די איינקינפטע זיינע איז ער מיט דער גאַנצער פאַמיליע זיינער געוועזען אָרימער פון מיר. איך בין ניט קיין געפּעסטעטער. אבער דעם אמת געזאָגט, איז מיין אַלטע וואוינונג געווען אונפאַרגלייכליך א בעסערע. עס האָט זיך אין דער אַלטער דירה פרייער געאָטעמט. מאַמעלע מיינע! געוויס איז מיין איצטיגע וואוינונג אויך א גוטע, און אויב איהר ווילט, איז דאָ אפילו אין א געוויסען זין פרעהליכער און פאַרשידענאַרטיגער. איך האָב ניט וואָס אויסצור־זעצען געגען דעם, אָבער די אַלטע דירה טוט מיר באַנג. מיר עלטערע, אבער בעסער געזאָגט באַיאָהרטע מענשען געוואוינען זיך אזוי שטאַרק צו צו זאַכען, אז זיי ווערען אונז טייער. די אַלטע דירה איז געווען אַזאַ קליינינקע, ווייסט איהר, עס זענען געווען ווענט. — אבער וואָס איז דאָ צו ריידען, ווענט זענען געוועזן, ווי אַלע ווענט, ניט אין זיי האַנדעלט זיך דאָ. אבער די ערינערונגען וועגען מיין גאַנצער פאַר־גאַנגענהייט יאָגען אַן אן אומעט אויף מיר. א מאָדנע זאַך, עס איז אזוי שווער זיך צו דערמאָנען און דאַך זענען די ערינערונגען אזוי אַנ־גענעהם, אפילו דאָס וואָס איז ניט גוט געווען, און וואָס האָט אָפּט געוועקט אין מיר פאַרדרוס, ערוואַכט אין מיין פאָרשטעלונג אין אַן אַנ־ציהענדען ליכט. שטיל האָבען מיר געלעבט, וואַרינקאַ! איך מיט דער אַלטיטשקער בעל־הבית'טע מיינער, ע"ה. איך דערמאָן זיך איצט מיט טרויער אין מיין בעל־הבית'טע, זי איז געווען זעהר א וואוילע פרוי, און האָט אויך ניט טייער גענומען פאַר דער דירה. זי פלעגט זיך באַשעפ־טיגען מיט שטריקען קאָלדרעס פון אַלערליי שטיקלאַך. מיר פלעגען צוזאַמען אַרבייטען ביי איין טיש אין די אָווענטען און צוזאַמען ברענען ליכט. זי האָט געהאַט אן אייניקעל מאַשאַ, וועלכע איך געדענק נאָך אַלס קינד. — איצט איז זי א מיידעלע פון א יאָהר דרייצעהן. איז דאָס געווען א שטיפעריז, און אַזאַ מין פרעהליך קינד, אז זי פלעגט אונז אימער מאַכען צום לאַכען. אָט אזוי האָבען מיר זיך גנליקליך געלעבט אין דרייען. אין די לאַנגע ווינטער אָווענדען, פלעגען מיר זיך אַרומזעצען אַרום א קיילעכדיגען טיש, אויסטרינקען צו גלעזלאַך טהע און דאַן צוטרעטען צו דער אַרבייט. כדי מאַשאַ זאָל זיך ניט

לאנגווייליגען. און אויך צופיעל ניט שטיפען פלעגט די אלטע נעהמען דערצעהלען מעשיות. אך וואס פאר מעשיות דאס איז געווען, אז ניט נאר א קינד, נאר אויך אן ערוואקסענער פארנינפטיגער מענש האט געקענט פארכאפט ווערען. עט! איך אליין פלעג פארויכערען די לייל־קע, און איינהערענדיג זיך, אויך פאראינטערעסירען, אז איך פלעג ניט איינמאל זיך איינגאנצען פארגעסען אויף מיין ארבייט. און דאס קינד, די שטיפערין אונזערע פלעגט זיך אזוי פארטראכטען. פלעגט אונטער־שפארען מיט'ן הענטעל דאס בעקעלע, ברייט צועפענען איהר שעהנעם מויל, און קוים ענטהאלטען די מעשה עטוואס שרעקליכעס. ווי זי טוליעט זיך שוין און נורעט זיך איין אין דער אלטיטשקער. און אונז איז אזוי ליעב געווען צו קוקען אויף איהר. דו מערקסט ניט ווי די ליכט ברענען אוים אפט הערסטו ווי אין דרויסען בייזערט זיך אזוי דער ווינט. דער שניי שיט און שיט, פארקערט, און ווישט אפ אלע וועג־גען. גוט איז אונז געווען צו לעבען אויף דער וועלט, ווארינקא! אזוי האבען מיר צוזאמען אפגעלעבט ארום 20 יאהר. — אבער וואס האב איך זיך דא אזוי צופלאפעלט? עס קען זיין אז אייך געפעלט גאר ניט אזוי שטארק דער שטאף, און מיר איז גאר ניט אזוי לייכט צו ערינערען זיך אין די אלע זאכען, באזונדערס איצט אין אווענט. טערעזא עסק'ט זיך דא מיט עפעס און מיר טוט אזוי וועה דער קאפ. די פלייצעס טוען מיר אויך אביסעל וועה. די געדאנקען זענען עפעס אויך אזוי מאדנע, פונקט ווי זיי וואלטען אויך וועה געטאן. מיר איז עפעס אזוי אומעטיג היינט ווארינקא! — וואס שרייבט איהר דאס טייערע מיינע? — ווי? איך זאל קומען צו אייך? טייבעלע מיינע, און וואס וועלען מענשען זאגען? מען מוז דאך איבערגעהן דעם הויף. אונזערע וועלען באמער־קען! זיי וועלען זיך אנהויבען פארנאנדערצופרעגען און עס וועלען זיך אנפאנגען רייד און רכלות. מען וועט, געווים, צוגעבען דער זאך אן אנדער זין. ניין, מלכ'ל מיינער, איך וועל אייך שוין בעסער זעהן מארגען אין קלויסטער, (צו דעם אווענט־געבעט) דאס וועט זיין א סך פארזיכטיגער און זיכערער פאר אונז ביידען. זיים ניט בייז אויף מיר מאמעלע וואס איך האב אייך אזוי געשריבען: איך האב דורכגע־לעזען דעם בריעף, זעה איך עס קלעבט זיך ניט א ווארט צו א ווארט. אבער איך בין אן אלטער און ניט קיין געלערענטער מענש, ווארינקא. ב'האב זיך פון דער יוגענד ניט אויסגעלערענט, און איצט קריכט שוין

קיין זאך ניט אין קאָפּ, איך גיב צו, מאַמעלע, אַז איך בין ניט קיין מייסטער צו שילדערען, און איך ווייס דאָס גאַנץ גוט אָהן אימי־צענס אַ באַמערקונג אָדער אַנווייזונג פון דער זייט, אַז וויל איך עט־וואָס אַזעלכעס אינטערעסאַנטעס אָנשרייבען, קומט גאָר ניט אַרויס און איך שרייב אַ גאָט ווייס וואָס. — היינט האָב איך אייך געזאָגט ביים פענסטער, ווען איהר האָט אַראָפּגעלאָזען די שטאָרע. זייט געזונט, זייט געזונט, היט אייך גאָט! זייט געזונט וואַרוואַרא אַליעקסיעוונא.

אייער איבערגעבענער פריינד,

מאַקאַר דעוואַשקין.

פּ. ס. — טייערע מיינע, קיין סאַטירען שרייב איך שוין ניט מעהר אויף קיינעם ניט. צו אַלט דערצו, מאַמעלע מיינע, וואַרוואַרא אַליעקסיעוונא, אומזיסט די ציין צו סטירטשען. און ווי זאָגט אַ רו־סיש ווערטעל, מען וועט מיך אַליין אויסלאַכען, ווער עס גראָבט אַ גרוב פאַר יענעם, דער פאַלט אַהין אַליין אַריין.

דעם 9טען אַפּריל.

גנעדיגער הער מאַקאַר אַליעקסיעוויטש!

נו, ווי שעמט איהר זיך ניט פריינד און באַשיצער מיינער, מאַקאַר אַליעקסיעוויטש, אַזוי שטאַרק זיך צו פאַרזאָרגען און פאַרקאַפּרי־זיווען, שוין זשע האָט איהר זיך באַליידיגט! אַך, איך בין גאַנץ אָפט אונפאַרזיכטיג, אָבער עס איז מיר ניט איינגעפאַלען, אַז איהר זאָלט מיינע ווערטער צונעהמען פאַר אַ בייזען וויץ. זייט זיכער, אַז איך וועל זיך קיינמאָל ניט דערוועגען צו שפּאַסען איבער אייערע יאָהרען אָדער כאַראַקטער. פּאַסירט האָט דאָס צוליעב מיין לייכטזיניגקייט, נאָך מעהר דערפאַר, ווייל עס איז אַזוי גרויליך לאַנגווייליג. און צו וואָס וועסטו זיך ניט נעהמען פון לאַנגווייליגקייט? מיר האָט זיך געדוכט אַז איהר ווילט אַליין אויך אָביסעל לאַכען אין אייער בריעף. מיר איז אַזוי אומעטיג געוואָרען ווען איך האָב דערזעהן, אַז איהר זענט אונ־צופריעדען מיט מיר. ניין, פריינד מיינער טייערער און באַשיצער, איהר מאַכט אַ טעות אויב איהר פאַרדעכטיגט מיך אין געפילענלאָזיג־קייט און אונדאַנקבאַרקייט. איך קען אָפּשעצען אין מיין האַרצען אַלץ

וואָס איהר האָט פאר מיר געטאָן, באשיצענדיג מיך פון שלעכטע מענ־שען, פון זייערע פארפאָלגונגען און האַס. איך וועל אייביג פאר אייך גאָט בעטען. און אויב מיין געבעט זאָל קומען צו גאָט, און דער הימעל זאָל דעם געבעט פארנעהמען, וועט איהר גליקליך זיין.

איך פיהל זיך היינט זעהר ניט געזונט. עס וואָרפט מיך רעגעל־מעסיג אין היץ און אין קעלט. פיעדאָרא באַאונרוהיגט זיך זעהר וועגען מיר מאקאר אליעקסיעיעוויטש, אומזיסט שעהמט איהר זיך צו געהען צו אונז, וועמעס עסק איז דאָס! איהר זענט מיט אונז באקאנט, און א סוף!... זייט געזונט מאקאר אליעקסיעיעוויטש, מעהר איז יעצט נישטאָ וואָס צו שרייבען, און איך קען דאָס אויך ניט. איך פיהל זיך שטארק לא עליכם'דיג.

איך בעט אייך נאָך אמאָל זיך ניט ברוגז'ן אויף מיר און זיין זיכער אין יענער אכטונג און צוגעבונדענקייט מיט וועלכער כ'האָב די עהרע צו פארבלייבען אייער טרייעסטער און איבערגעבענסטער פריינד,

וואַרוואַרא.

דעם 12טען אפריל.

הויכגעשעצטע וואַרוואַרא אליעקסיעיעוונא!

אַך מאמעלע מיינע, וואָס איז דאָס מיט אייך. אָט, יעדעס מאָל שרעקט איהר מיך אזוי. איך בעט אייך אין יעדען בריעף איהר זאָלט זיך אָפּהיטען און זיך ניט פארקיהלען, איהר זאָלט ניט ארויסגעהן אין א שלעכטען וועטער, איר מוזט אין אלעם פארזיכטיג זיין און אכטונג געבען אויף זיך, — און איהר מלאך'ל מיינער הערט מיך ניט. אַך, טייבעלע, מיינע, פונקט ווי א ברעקעל קינד זענט איהר. זעהט איהר זענט דאָך א שוואכינקע, ווי א שטרויעלע, א שוואכינקע, איך ווייס דאָס. קוים א ווינטעל טוט א בלאָז און איהר זענט שוין קראנק. אזוי אז מען מוז זיך אָפּהיטען, אליין זיך באמיהען וועגען זיך און אויסמיידען געפאהרען, און ניט אנטון קיין צרות פריינט, זיי ניט אריינברייננגען אין פארצווייפלונג.

איהר דריקט אויס א פארלאנג, מאמעלע, צו וויסען אויספיהר־ליך וועגען מיין לעבען און וועגען אלעם דעם וואָס רינגעלט מיך

ארום. מיט פרייד הייל איך צו ערפילען אייער פארלאנג, טייערע מיינע. איך וועל אָנפאנגען פון אָנהויב מאמעלע: וועט מעהרער סדר זיין. פריהער פאר אלעס, איז ביי אונז אין הויז פון דעם פאדערשטען ארייגאנג די שטיגען זעהר וואוילע, ברייטע, ריינע ליכטיגע געמאכט פון טשוגון און רויטען האלץ. אָבער וועגען אונטערשטען ארייגאנג פרעגט בעסער ניט: דער קארידאָר איז א מורא'דיגער, די שטיגען זענען שמוציג און צובראכען, און די ווענט זענען אזעלכע פעטע אז די הענט קלעפען זיך צו ווען דו ריהרסט זיך צו צו זיי. אויף יעדער פלאסטשאדקע: קאסטענס,ביינקלאך, און צובראָכענע שאפעס, עס זער־נען אויסגעהאנגען שמאטקעלאך, די טאפלים פון די פענסטער זענען אויסגעשלאָגען. עס שטעהען גאנצע קאַרזינעס מיט אומריינקייט, שמוץ, מיסט, שולאכץ פון אייער און אזוי ווייטער. „עס שמעקט דאָרטען" מיט איין וואָרט ניט גוט.

איך האָב שוין אייך באשריבען ווי עס לויפען די צימערען: דאָס, — באמת גערעדט איז, גוט, ווירקליך, בעקוועם. עס שטינקט ניט חלילה, אָבער עס הערשט אין די צימערען אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען, אביסעל א פוילע שארף־פארזיסטע אטמאָספערע. אין דער ערשטער מינוט מאכט דאָס א שלעכטען איינדרוק, אָבער דאָס איז גאָרנישט. עס איז גענוג צו פארברייגען ביי אונז א פאָר מינוט, אז אלץ זאָל פאריבער, פיהלסט אפילו ניט ווי אלץ געהט אריבער, ווייל שטעקסט אליין אָן מיט'ן שלעכטען ריח זיך, דיינע קליידער, די הענט — איינגאנצען ווערסטו דורך און דורך דורכגענומען מיט דעם ריח — אזוי ווערסטו צוגעוואוינט. ביי אונז קענען קיין פויגעלעך ניט לעבען. יער מיטשמאן קויפט שוין דעם פינפטען טשיזיק און זיי האלטען ־יך ניט. פון דער לופט שטארבען זיי אויס. זיי קענען אין אונזער אט־מאָספער ניט לעבען. די קיך איז ביי אונז א גראָמע און א ליכטיגע. אין די פריהמאָרגענס איז אביסעל טשאַדנע, ווען מען פרעגעלט פיש, אָדער מען בראט פלייש, מען גיסט אָן דערביי און מען מאכט נאָס איבעראל. דערפאר איז שוין אין אָוועגט א גן־עדן. אין קיך ביי אונז זענען איבערגעצויגען שטריק, וואו עס הייגגט שטענדיג אלטע וועש. מיט דער קיך שטערט דאָס מיר אביסעל: אָבער דאָס איז גאָרנישט. אזוי ווי מיין צימער איז ניט ווייט פון קיך, דאָס הייסט ער גרענעצט זיך ו־אוינסט דאָרט אביסעל, געוועהנסט זיך צו. פון באגינען ווארינקא

הויבט זיך אָן ביי אונז אַ טומעל, — דאָס שטעהען אויף אַלע, ווער עס דאַרף זיך היילען צו דער אַרבייט, ווער אַזוי זיך. אַלע הויבען אָן טרינקען טהע, די סאַמאָוואַרען באַלאַנגען מעהרסטענ טייל צו די בעל־הבתים, און זענען וועניג אין צאָהל, אַזוי אַז מיר שטעהן אין דער רייע, ווער עס קומט מיט זיין טשייניק ניט אין זיין רייע, דער קריגט שוין אַ חלק. אָט בין איך צום ערשטען מאָל אריינגעפאַלען. איב־ריגענס וואָס איז דאָ צו שרייבען! דאָ האָב איך זיך מיט אַלעמען באַקענט. דער ערשטער מיט וועמען כ'האָב זיך באַקענט איז געווען דער מיטשמאַן; ער איז אַזאַ אָפּענהערציגער, אַלעס האָט ער מיר דער־צעהלט, וועגען זיין פאַטער און מוטער, וועגען זיין שוועסטער, וואָס איז פאַרהייראַט צו אַ טולער ריכטער, און וועגען דער שטאָט קראָנ־שטאָט. ער האָט מיר צוגעזאָגט אין אַלעס אַרויסצוהעלפען און אונ־טערהאַלטען, און האָט מיך גלייך איינגעלאַדען צו זיך אויף טהע. איך האָב איהם געפונען אין יענעם צימער, וואו מען שפּילט ביי אונז גע־וועהנליך אין קאַרטען. דאָרטען האָט מען מיר געגעבען טהע און פאַר־לאַנגט פון מיר אַז איך זאָל אונבאַדינגט שפּילען מיט זיי אין קאַרטען: צי האָבען זיי געלאַכט פון מיר אָדער ניט, ווייס איך ניט, נאָר אַליין האָבען זיי אויך געשפּיעלט. קרייד, קאַרטען און דער געדיכטער רויך אין צימער האָט געגעסען די אויגען. שפּיעלען האָב איך ניט געוואָלט, און מען האָט מיר גלייך באַמערקט, אַז איך רעד וועגען פילאָסאָפיע. דערנאָך האָט שוין קיינער די גאַנצע צייט צו מיר ניט גערעדט; דעם אמת געזאָגט, בין איך געוועזן זיכער צופריעדען דערמיט. איך וועל ניט געהען צו זיי מעהר! ביי זיי איז אַ סך ערגער, אַ סך, מיין גאָט! ביים טשינאָווניק פון ליטעראַרישען פעלד קומען אויך אין אָווענט פאַר פאַרזאַמלונגען. נו, דאָ ביי איהם איז אַלץ באַשיידען גוט, אונ־שולדיג און דעליקאַט: אַלץ אַזוי איידעל.

נו, וואַרינקאַ, איך וועל נאָך באַמערקען פאַרבייגעהענדיג, אַז אונ־זער בעל־הבית'טע איז אַ פּאַסקודנע פרוי, און דערצו נאָך אַן אמת'ע מכשפה. איהר האָט געזעהן טערעזען. נו, וואָס שטעלט זי מיט זיך פאַר אין דער ווירקליכקייט? אויסגעדאַרט, ווי אַן אָפּגעפּליקטער קראַנקער הינדעל, אויף דעם גאַנצען הויז איז בלויז צוויי מענשען. טערעזאַ און פאַלדאָני, דעם בעל־הבית משרות. איך ווייס ניט, פיי־לייכט האָט ער נאָך אַ נאָמען, אָבער ער רופט זיך אָפּ אויף דעם אויך.

ער איז א רויטער, א קרומער טשוכאנגעץ, א קורנאסער און א גראבער יונג. ער רייסט זיך אלץ ארום מיט טערעזען, זיי שלאגען זיך כמעט אין אלגעמיין גענומען, איז מיר דא ניט אינגאנצען גוט צו וואוינען... צט למשל עס טרעפט זיך קיינמאל ניט, אז זיי זאלען זיך לייגען שלאפ־פען, און עס זאל ווערען רוהיג. שטענדיג זיצט מען ערגעץ יואו און מען שפילט אין קארטען. אפטמאל טוט זיך אזעלכעס, וואס עס איז א שאנדע צו דערצעהלען. יעצט בין איך שוין ווי ניט איז צוגעצ־וואוינט געווארען. איך וואונדער זיך נאר ווי קענען אין אזא גהינום וואוינען פאמיליען־מענשען, גאנצע פאמיליען פון ארימע לייט האב־בען אפגעדונגען ביי אונזער בעל הבית'טע א צימער. זיי זענ־נען שטילע מענשען, וועגען זיי הערט קיינער גאר ניט. זיי וואוינען אין איין צימערל, וועלכע זיי האבען אפגעצאמט מיט א שפאניש ווענטעל. ער איז עפעס א טשינאווניק אהן אן אמט. שוין א יאהר זיבען ווי ער איז פארטריבען פון דיענסט פאר עפעס. זיין פאמיליען־נאמען איז גארשקאוו; אזא מין קליינינקער, א גראאינ־קער, ער געהט ארום אין אזעלכע פארשמאלצעוועטע אויסגעריבענע קליידער, אז עס טוט וועה צוצוקוקען. א סך ערגער פון מיר איז ער אנגעטאן! אליין איז ער אזא אומגליקליכער קרענקליכער. (מיר טרעפ־פען זיך אמאל אין קארידאר). עס ציטערען ביי איהם די קניה, עס ציט־טערען די הענט, דער קאפ ציטערט ביי איהם אויף פון אזא מין קראנק־הייט צו וואס, ווייסט איהם דער גוטער יאהר; אזא מין שעמעוודיגער איז ער, האט מורא פאר אלעמען, אימער געהט ער מיט א זייט. איך בין גענוג שעמעוודיג מאנכעס מאל, אבער ער איז נאך ערגער. זיין פאמיליע באשטעהט פון א פרוי מיט דריי קינדער. דער עלטערער אינ־געלע איז אינגאנצען אין פאטער געראטען, ער איז אויך אזא קרענק־ליכער. זיין פרוי איז אמאל געווען א שעהנע, דאס מערקט זיך נאך יעצט. אנגעטאן איז זי נעבעך אין שרעקליכע שמאטקעלאך. געהערט האב איך אז זיי האבען זיך פארבארגט ביי דער בעל־הבית'טע; און זי איז צו זיי ניט צופיעל צוגעלאזען. איך האב אויך געהערט ביי גארשקא־ווען אליין איז עפעס זעהר א סך צרות, צוליעב וועלכע ער האט אויך זיין שטעל פארלארען... עפעס האט ער אויף זיך א פראצעס, ניט קיין פראצעס, א משפט, ניט קיין משפט, ער געפינט זיך עפעס אונטער א מין אונטערזוכונג. דאס קען איך שוין אייך באמת ניט זאגען.

און אָרעם זענען זיי, אַך, ווי אָרעם, גאָט מיינער! אַלע מאָל איז ביי זיי שטיל און רוהיג אין צימער, פונקט ווי קיינער וואָלט דאָרטען ניט געוואוינט. מען הערט אפילו די קינדער ניט. עס איז ניטאָ אַז אַ קינד זאָל אמאָל אַ שטיף טאָן אָדער אַ שפּיעל טאָן, און דאָס איז שוין אַ שלעכטער סימן.

אמאָל אין אָוונט האָט זיך מיר געטראָפען דורכגעהן פאַרביי זייער טיר: צו יענער צייט איז געווען שטיל אין הויז ניט ווי געוועהנליך, איך הער אַ שלוכצען, דאַן אַ געמורמעל, און ווייטער אַ שלוכצען, אזוי ווי מען זאָל וויינען שטילערהייט, אבער אזוי שטיל און באַנג אַז עס כאַפּט אָזש אָן ביים האַרצען. דערנאָך האָט מיך דער געדאַנק וועגען אַט די אומגליקליכע ניט אָפּגעלאָזען, און עס האָט זיך מיר ניט איינגעגעבען איינצושלאָפען.

נו, זייט זשע געזונט וואַרינקאַ, אונשעצבאַרער פריינדעלע מיי־נער, איך האָב אייך דאָס באַשריבען ווי איך האָב געקענט. איך טראַכט היינט דעם גאַנצען טאָג בלויז וועגען אייך. מיין האַרץ איז מיר היינט אויסגעגאַנגען פאַר אייך טייערע מיינע. יאָ, נשמה׳לע, איך ווייס דאָך, אַז איהר האָט ניט קיין וואַרימען מאַנטעל, אַך, אָט דער פּע־טערבוראָרער פריהלינג, ווינטען, רעגענס און שנייעלאַך. — דאָס איז דער טוים מיינער, וואַרינקאַ! דאָס איז אזאַ מין גוטע פאַרשמעלצונג פון לופטען, אַז היט מיך גאָט! זייט ניט בייז, נשמה׳לע, פאַר מיין שרייבען. איך פאַרמאָג קיין סטיל ניט, וואָלט כאָטש געווען אַ וואָסע־רער ניט איז! איך שרייב וואָס עס קומט אויף׳ן זינען, אזוי אום בלויז כּ'ים וואָס ניט איז אייך צו דערפרעהען. אָט ווען איך וואָלט געלעהרענט וואָס ניט איז, דאַן איז אַנאַנדער זאַך, אבער ווי האָב איך זיך דאָס געלערענט, אפילו אויף קופּערנע געלט אויך ניט...

אייער שטענדיגער און טרייער פריינד,

מאַקאַר דעוואושקין.

דעם 25טען אַפּריל.

פיעל געשעצטער הער, מאַקאַר אַליעקסעיעוויטש!

היינט האָב איך באַגעגענט מיין געשוועסטערקינד סאַשאַ! אַ גרויל, אויך זי, אָרימע, וועט פאַרלוירען געהן! איך האָב געהערט פון

דער זייט, אַז אַנא פּיעדראַוונא באַמיהט זיך וועגען מיר אַלעס אויס־ציגעפינען, עס דוכט מיר אַז זי וועט קיינמאָל ניט אויפהערען מיך צו פאַרפּאַלגען. זי זאָגט, אַז זי וויל מיר פאַרגעבען, פאַרגעסען די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט און אַז זי וועט אונבאַדינגט מיך אַליין באַזוכען. זי זאָגט, אַז איהר זענט מיר גאַר קיין קרוב ניט, זי זאָגט אַז זי איז מיר אַ נעהענטערע קרובה, און אַז איהר האָט קיינע רעכט ניט זיך אַריינמישען אין אונזערע פאַמיליען־באַציהונגען, און עס איז ניט אַנשטענדיג, איך דאַרף זיך שעמען צו לעבען אויף אייערע נדבות און אויף אייער חשבון... זי זאָגט אַז איך האָב פאַרגעסען איהר ברויט וועלכען איך האָב געגעסען, אַז זי האָט מיך מיט דער מאַמען מצל געווען פון אַ הונ־געריגען טויט, און אַז זי האָט אונז העכער ווי 2½ יאָהר אויסגעהאַלטען, זיך אויסגעבראַכט אויף אונז, און חוץ אַלעם דעם האָט זי אונז דעם חוב מוחל געווען. די מאַמע האָט זי נאָך געוואָלט שאַנעווען. אַך, ווען די אָרימע מאַמעניו מיינע זאָל וויסען וואָס זיי האָבען מיט מיר גע־טאָן! גאָט זעהט!... אַנא פּיעדראַוונא זאָגט, אַז צוליעב מיין נאַ־רישקייט האָב איך ניט געקענט איינהאַלטען מיין אייגען גליק, אַז זי האָט בלויז געוואָלט מיך אַריינברענגען אין גליק, און אין דעם אַלעם איבעריגען איז זי ניט שולדיג. זי זאָגט אַז איך האָב אפשר ניט געקענט און אפשר ניט געוואָלט זיך איינשטעלען פאַר מיין עהרע. ווער זשע איז דאָ שולדיג, גרויסער גאָט! זי זאָגט אַז הער בעקאָוו איז פאָלקאָמען גערעכט. דאָך ניט מיט יעדער אייענער קען מען חתונה האָבען. וועל־כע... נאָר וואָס איז דאָ צו שרייבען, עס איז גרויזאַם צו הערען אַזאַ פּיין אונרעכט, מאַקאַר אַלעק! איך ווייס אַליין ניט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר יעצט. איך ציטער אין גאַנצען, וויין און קלאַג: דעם בריעף האָב איך אייך צוויי שטונדען געשריבען. איך האָב גע־דיינקט אַז זי פּיהלט איהר שולד געגען מיר; און אָט ווי זי רעדט איצט!

אָדער אין גאָטעס ווילען באַאונרוהיגט זיך ניט פריינד מיינער, איינ־אונאיינציגער פריינד מיינער! פּיעדאָרא טרייבט אַלעס איבער. איך בין ניט קראַנק, איך האָב זיך בלויז צוגעקיהלט נעכטען, ווען איך בין געגאַנגען אויף וואָלקאָווא צו מאַכען אַ מי שברך פאַר דער מאַמעניו. וואָרום זשע זענט איהר ניט געגאַנגען צוזאַמען מיט מיר: — איך האָב אייך דאָך אַזוי געבעטען, אַך, אָרימע, אָרימע מאַמע מיינע, ווען

דו זאלסט אויפשטעהן פון קבר, ווען דו זאלסט וויסען, ווען דו זאלסט זעהען וואס זיי האבען געטאן מיט מיר...

וו. ד.

דעם 20טען מאי.

טייבעלע מיינע, ווארינא!

איך שיק אייך אביסעלע וויינטרויבען, נשמה'ניו; מען זאגט אז דאס איז גוט פאר שוואכע, און דער דאקטאר רעקאמענדירט דאס אויך אום צו זעטיגען דעם דורשט. בלויז צוליעב דעם דורשט, אייך האט זיך דאן געגלוסט, ראזאנטשיקעס מאמעלע; טו שיק איך אייך זיי איצט. האט איהר אפעטיט, נשמה'ניו? — דאס איז דאס וויכטיגסטע, איבריגענס, גאט צו דאנקען, וואס אלעס איז פאריבער און זיך געענדיגט, און וואס אלע אונזערע אונגליקען ענדיגען זיך אויך אינגאנצען. דערפאר ווען מיר דאנקען דעם הימעל! און וואס אנ־באלאנגט צו ביכער, קען איך דערווייליע קיין ביכער אין ערגעץ ניט קריגען. דא איז דא איין גוטער ביכעל וועלכער איז געשריבען זעהר אין א הויכען סטיל; מען זאגט אז דער ביכעל איז גוט, אבער איך האב איהם אליין ניט געלעזען. דא לויבט מען זעהר דאס ביכעל. איך האב געבעטען דאס ביכעל פאר מיר, מען האט מיר צוגעזאגט איהם ברייג־גען. איהר זענט דאך ביי מיר אן איבערקלייבעריו, צו וועט איהר אבער דאס ביכעל לעזען? עס איז שווער צו צוטרעפען אייער געשמאק. איך קען דאך אייך, טייבעלע מיינע, איהר דארפט געוויס דאבען ליעדער און זיפצען פון אמארען — איך וועל אייך ליעדער קריגען, אלץ וועל איך קריגען, דארטען איז דא א העפט אזא, אן אי־בערגעשריבענער. איך לעב גוט. — איהר מאמעלע באאונרוהיגט זיך ניט וועגען מיר, איך בעט אייך... און וואס פעאדארא האט אייך אנ־גערעדט אויף מיר, דאס אלץ איז ניט געשטויגען און ניט געפלויגען; זאגט איהר, אז זי האט געליינט, אונבאדינגט זאגט דאס איהר, דער רכילות־טרייבעריו... איך האב מיין נייע יוניפארמע אינגאנצען ניט פארקויפט, און נאך וואס, זאגט אליין וואס פארקויפען? אט זאגט מען, אז איך קריעג פערציג רובעל א נאגראדע, צו וואס זשע דארף

מען פארקויפען. איהר מאַמעלע האָט קיין יסרים ניט, פעאַדאָרא איז קרענקליך, קרענקליך איז זי. וועלען מיר דאַס אַנהויבען לעבען טייערע מיינע, אַבער איהר מלאכ'ל ווערט שוין געזונט. אום גאָטעס ווילען, ווערט געזונט, און פארשאַפט ניט קיין עגמת נפש דעם אַלטען. ווער האָט דאָס אייך געזאָגט אַז איך בין ארונטער? עס איז א ליגען, און ווידער א ליגען! איך בין געזונט און בין אַזוי גראָב געוואָרען אַז איך שעם זיך פאַר זיך אַליין, איך בין זאַט און צופריעדען, ביז איבער'ן האַלז; אַט בלויז איהר זאָלט נאָר געזונט ווערען. כו זייט געזונט מיין מלכ'ל; איך קוש אייערע פינגערלאַך און פארבלייב אייער אייביגער איבערגעבענער פריינד,

מאַקאַר דעוואושקין.

פּ. ס. אַך בשמה'ניו מיינע, וואָס האָט איהר דאָס מיט איין אמת אנגעהויבען שרייבען?... וואָס רעדט איהר דאַרטען! ווי אַזוי זשע זאָל איך געהן צו אייך אַזוי אָפט מאַמעלע, ווי אַזוי, פרעג איך אייך. אפשר זיך באַנוצען מיט דער פינסטערניש פון דער נאַכט, אָבער יעצט זענען כמעט קיין נעכט ניטאַ, אַזא צייט איז דאָס שוין. איך האָב אַזוי אויך כמעט ניט אָפּגעטראָטען פון אייך אין דער קראַנקהייט ווען איהר זענט געלעגען באַוואוסטלאָז, דאַ ווייס איך שוין אַליין ניט ווי דאָס וועט זיין, ווען זיי וועלען זיך דערוויסען וועגען אונז? איך האָב אויפגעהערט געהן, ווייל מען איז נייגעריג געוואָרען און זיך גענומען דערפרעגען. דאַ האָט זיך שוין אריינגעוועבט א מין רכילות. אָבער איך האָף אויף טערעזען, זי פּלאַפּעלט ניט; דאָך זאָגט אַליין, מאַמעלע, ווי וועט דאָס זיין ווען זיי וועלען זיך דערוויסען וועגען אונז? וואָס וועלען זיי דיינקען? וואָס וועלען זיי דאַן זאָגען? — טאַ מאַכט זיך הארץ, מאַמעלע, און וואַרט איבער די צייט, ביז איהר וועט געזונט ווערען, דאַן וועלען מיר שוין ערגעץ אויסער דער היים באַשטימען א ראַנדעוווי.

דעם 1טען יוני.

ליעבסטער מאַקאַר אַליעקסיעיעוויטש!

מיר ווילט זיך אַזוי שטאַרק טאָן פאַר אייך עטוואָס אַנגענעהמעס. עטוואָס וואָס אַזעלכעס עס זאָל אייך געפעלען פאַר אַלע אייערע אַנ־

שטרענגונגען און צרות צוליעב מיר, פאר אייער גאנצער ליעבע צו מיר, אז איך האב פון אומעט באשלאָסען א זוך טאָן אין מיינע שיפלאָדען. איך האָב אָפגעזוכט מיין אַלטע העפט, וועלכע איך שיק יעצט איבער צו אייך. איך האָב אנגעהויבען צו שרייבען דאָרט, נאָך אין דער גליקליכער צייט פון מיין לעבען. איהר פלעגט מיך אָפט פרעגען וועגען מיין פאַרגאַנגענעם לעבען, וועגען מיין מוטער, וועגען פּאַקראַווסקי'ן, וועגען מיין זיין ביי אנא פיעדאָראָוונא.

און אָם ענדע וועגען די ניט לאנג פארגאנגענע אומגליקען מיינע. איהר זענט געוועזן אזוי אונגעדולדיג אין אייער פארלאנג דורכצולעזען די העפט, אין וועלכער מיר אין אייגעפאלען; גאָט ווייסט פאַרוואָס, צו פארצייכענען אייניגע מאָמענטען פון מיין לעבען. איך צווייפעל ניט דערין אז איך וועל אייך פארשאַפען א סך פרייד מיט מיין מתנה. מיר איז עפּעס אומעטיג געווען. איבערצולייענען דאָס מיר דוכט זיך, אז איך בין שוין צוויי מאָל אזוי אַלט געוואָרען זינט איך האָב אריינגעשריבען אין מיינע נאָטיצען די לעצטע שורות. דאָס אַלעס איז אַנגעשריבען אין פארשידענע צייטען. זייט געזונט מאַקאַר אַליעקסיעיעוויטש! מיר איז שרעקליך אומעטיג יעצט, און עס מאַטערט מיך אָפט די שלאָפלאָזיגקייט. מיין געזונט ווערען איז אן איבערלאַנגווייליגער.

וו. ד.

1.

איך בין אַלט געווען 14 יאָהר ווען מיין פאָטער איז געשטאָרבען. די קינדהייט איז געווען די גליקליכסטע צייט אין מיין לעבען. מיינע קינדערשע יאָהרען האָב איך פאַרבראַכט נישט דאָ, נאָר ערגעץ ווייט אין א טויבען־ווינקעל אין דער פּראָווינץ. מיין פאָטער איז געווען דער אויפזעהער פון אן אונגעהויער גרויסען גוט פון קניאַז (פּרינץ) פּאַקראַווסקי אין טולער גובערניע. מיר האָבען געוואוינט אין איינעם פון דעם קניאַז' דערפער, שטיל, אונבאַמערקבאַר און גליקליך... איך בין געווען אזא לעבעדיגע אזא קליינינקע, איך פלעג ארומלויפען איבער די וועלדער און וועלדלאַך, איבער דעם גאָרטען דאָס אַלעס, וואָס איך פלעג טאָן וועגען מיר האָט זיך קיינער ניט געקימערט. מיין פאָ־

טער איז אימער געווען פארנומען מיט געשעפטען און מ׳ין מוטער מיט׳ן בעל־הבית׳ישקייט. מען האט מיך קיין זאך ניט געלערענט, און איך האב זיך געפרעהט דערמיט. עס פלעגט זיין אז גאנץ פריה פלעג איך שוין אנטלויפען אויפ׳ן פרוד אדער אין וועלדעל אדער אויף דער לעוואדע, וואו מען שניידט דאס היי. עס מאכט ניט אויס וואס די זון ברענט, אז פארקריכסט ערגעץ ווײט פון שטוב און ווייסט אליין ניט וואו. דו דראפעסט זיך אין די שטאמען, צורייסט דאס קלייד־דעל, און דא שרייט מען אויף דיר און דו גארנישט. ווי ניט דיך מיינט מען. מיר דוכט אז איך וואלט אזוי גליקליך געווע, ווען עס זאל מיר געווען אויסקומען אפילו מיין גאנצען לעבען ניט ארויספאהרען פון דארף און לעבען אויף איין ארט. צו דער זעלבער צ׳יט בין איך, נאך אלס קינד געווען געצוואונגען צו פארלאזען מיין געב׳רט־פלאץ. איך בין בלויז 12 יאהר אלט געווען, ווען מיר האבען אי־בערגעוואנדערט קיין פעטערגראד. אך, ווי אומעטיג עס איז געווען א׳ונזער גרייטען זיך אין וועג. און ווי איך האב געוויינט זעגענענדיג זיך מיט אלץ וואס עס איז מיר אזוי ליעב און טייער געווען. איך געדיינק, ווי איך האב זיך ארויפגעווארפען צום טאטען אויפ׳ן האלז און מיט טרערען איהם געבעטען צו פארבלייבען אין דארף כאטש נאך א קליין ביסעלע. מיין פאטער האט זיך צושריען אויף מיר, מיין מוטער האט געוויינט און געזאגט, אזוי מוז זיין, און אז די געשעפטען פאדערען דאס. דער אלטער קניאז פ. איז געשטארבען. זיינע יורשים האבען ענטזאגט מיין פאטער פון זיין שטעל. מיין פאטער האט פארמאגט עפעס געלט, וואס איז געלעגען אין געוויסע געשעפטען פון פריוואטע מענשען אין פעטער־גראד. האפענדיג צו פארכטען זיינע אומשטענדען האט ער געפונען פאר נויטיג, זיין פערזענליך אנוועזענהייט דא. וועגען דעם אלעם האב איך זיך דערוואוסט שפעטער פון דער מאמען. דא האבען מיר זיך באזעצט אויף דער פעטערגראדער זייט, און געוואוינט אויף איין ארט ביז דער טאטע איז געשטארבען. אך, ווי שווער עס איז מיר אנ־געקומען זיך צוגעוואוינען צום נייעם ארט לעבען; אין פעטער־גראד זיינען מיר געקומען אין הערבסט, ווען מיר האבען פארלאזען דאס דארף, איז דער טאג געווען אזא מין העלער און ליכטיגער און וואַרימער. די ערד ארבייט האט זיך געענדיגט, און אויף די פעלדער זיינען שוין געלעגען גרויסע קופעס ברויט. און ארום זיי האבען זיך פארזאמעלט גרויסע סטייעס פון שרייענדיגע פויגלען; אלץ איז געווען

אזוי קלאָר און פרעהליך; און דאָ ביים ארייןפאָהר אין שטאָדט, האָט אונז באַגעגענט א פוילער הערבסט פרעסטעל, מיט איין וואָרט, א בייזער וועטער, א בלאָטע, מיט אן עולם אונבאַקאַנטע מענשען, אזוינע ניט גאַסטפריינדליכע, אונצופריעדענע און בייזע! ווי ניט איז האָבען מיר זיך איינגעאָרדנעט. איך געדיינק, אז אלע זענען אזוי אומגעלאָפען ביי אונז, געטומעלט זיך, און זיך פאַרזאָרגט מיט בעל־הבית׳ישקייט. דער טאַטע איז כמעט אין דער היים ניט געווען, די מאַמע האָט ניט געהאַט קיין פרייע מינוט — מיך האָט מען אינגאַנצען פאַרגעסען, מיר איז אזוי אומעטיג געווען אויפשטעהן אין דער פריה, און נאָך דער ערשטער נאַכט אין אונזער נייער וואוינונג. אונזערע פענסטער האָבען ארויסגעקוקט ערגעץ צו א געלען פאַרקאַן. אין גאַס איז שטענדיג געווען א בלאָטע. זעלטען האָט מען געזעהען וועמען דורכגעהן, און די דורכגעהער האָבען זיך אלע אזוי שטאַרק געהילט אין זייערע מאַנטעלס, אלעמען איז אזוי קאַלט געווען.

ביי אונז אין דער היים איז גאַנצענע טעג געווען אומעטיג און לאַנגווייליג. קיין אייגענע, נאָהענטע באַקאַנטע האָבען מיר כמעט ניט געהאַט. מיט אננא פיעדראָוונא איז דער טאַטע געווען ברוגז. (ער איז איהר עפּעס שולדיג געווען). עס פלעגען גאַנץ אָפט צו אונז ארייננקומען מענשען מיט געשעפטליכע צוועקען. געוועהנליך פלעגט מען זיך קריגען, טומלען, שרייען. נאָך יעדער אזא מין באַזוך פלעגט דער טאַטע בלייבען אזא אונצופריעדענער, אזא בייזער, און שטונדענווייז אומשפאַצירען פון ווינקעל צו ווינקעל א פאַרכמורעטער, און רעדט צו קיינעם קיין וואָרט ניט. די מאַמוניו פלעגט ניט וואַגען דאַן צו ריידען צו איהם און פלעגט שווייגען. איך פלעג זיך אוועקזעצען אין א ווינקעלע מיט א ביכעל, און זיצען אזוי שטיל, ניט וואַגען זיך אפילו א ריהר צו טאָן. אין דריי מינוטען ארום, נאָך אונזער קומען קיין פּעטערבוראַג האָט מען מיך אוועקגעגעבען אין א פּאַנסיאָן אַך ווי שווער און טרויעריג איז מיר געווען פון אָנפאַנג צווישען פרעמדע מענשען. אלץ איז אזוי קאַלט און טרוקען; די גובערנאַנטקעס זענען אזוינע שרייענדיגע און די מיידלאַך זענען אזעלכע אָפּלאַכעריגס, און איך בין אזא ווילדע. אלעס דאָרטען איז געווען אזוי שטרענג, און אזוי אָפּגעהיט. אלץ טוט זיך דאָרטען אין זיין צייט, דער טיש איז אן אלגעמיינער, די לעהרער לאַנגווייליגע. — דאָס אלעס האָט מיך פון אנהויב

אזוי פארמאטערט און צואווועהטאגט. אויך שלאָפען האב איך דארטען ניט געקענט. לאנג, קאלט און לאנגווייליג איז די נאכט און איך ווייז דורך דער גאנצער נאכט. אין די אווענטען פלעגען אלע לערנען און ווערדערהאלען די לעקציעס; איך זיץ זיך פאר די וואקאבולען, אדער געשפרעכען און וואג ניט א ריהר טאן זיך. און דערביי טראכט איך אלץ. וועגען אונזער היימיש ווינקעלע, וועגען דעם טאטען, וועגען דער מאמען, פון מיין אלטיטשקער ניאנע און איהרע מעשיות... און אך גאט כיינער ס'ארא טרויער עס נעמט מיך ארום! פון אפילו דער נישטיגסטער זאכעלע אין הויז, דערמאנסט זיך מיט אזא פרייד, טראכסט, טראכסט אלץ דערפון, ווי גוט עס וואלט געווען איצט אין דער היים! וואלסט געזעסען יעצט אין קליינינקען צימערלביים סאמאוואר צוזאמען: עס וואלט אזוי ווארים און גוט געווען, אזוי באקאנט! און דענקסט זיך שטארק היים דו וואלסט ארומגענומען איצט די מאמוניו. צואווייגסט זיך שטילערהייד פון פיין. שטיקסט אין ברוסט די טרערען, און עס קריכען ניט אין קאפ די וואקאבולען. צו מארגען זענען די לעקציעס ניט צוגעגרייט; ביינאכט חלומ'ען זיך דיר די לעהרער, די מאדאם און די מיידלאך. די גאנצע נאכט חזר'סטו אין שלאף די לעקציעס און אויף מארגען ווייסטו גאר נישט ניט. מען שטעלט דיך אויף די קניה, און מען גיט בלויז איין מאכל. איך בין געווען אזא מין ניט פרעהליכע, אזא לאנגווייליגע. פון אנפאנג האבען אלע מיידלאך געלאכט פון מיר, זיך גערייצט מיט מיר, מיר פארשמירט ווען איך פלעג זאגען מיינע לעקציעס, מיך שטופען ווען מיר פלעגען אין די רייהען געהן צו טהע יעדער מיטאג. פאר גאלע גארנישט מיך פארקלאגען צו דער גובערנאנטקע. אבער וואס פאר א גן־עדן פלעגט זיין, ווען די ניאנא פלעגט נאך מיר קומען שבת אווענט. איז א שטראם פון פרייד פלעג איך אזוי שטארק ארומכאפען מיין אלטינקע. זי טוט מיך אן, וויקעלט מיך איין און מיר געהען. און אין וועג קוים, קוים האלט זי זיך אן אין מיר, און איך האלט אלץ אין איין פלאפלען. איך פלאפעל און דערצעהל אלץ. אהיים פלעג איך קומען א לעבעדיגע, א פרעהליכע, שטארק ארומנעמען אונזעריגע, אזוי ווי איך וואלט זיי שוין צעהן יאהר ניט געזעהען. גלייך הויבען זיך אן געשפרעכען, טאלקען און דערצעהלונגען; דו גריסט זיך מיט אלעמען, לאכסט, פארגעהסט זיך, לויפסט אום, שפרינגסט. מיט'ן טאטען רעדסטו ערענסט, וועגען די לעהרער.

פון דער פראנצויזישער שפּראך, פון לימאנדס גראמאטיקע — און אלע זענען מיר אזוי פרעהליך, אזוי צופריעדען. מיר איז אפילו יעצט פריי־דיג צו ערינערען זיך פון יענע מינוטען. איך האָב מיט אלע כחות געשטרעבט צו לערנען אום צופריעדענשטעלען דעם טאטוניו. איך האָב געזעהן אז ער גיט אוועק פאר מיר דאָס לעצטע און אליין קומט ער אויס גאָט ווייס ווי אזוי. מיט יעדען טאָג איז ער געוואָרען אלץ ערגער, אונצופריעדענער און בייזער, זיין כאראקטער האָט זיך אינגאנצען געביטען צום ערגערען; די געשעפטען האָבען זיך ניט איינגעגעבען, די חובות זענען געוואקסען, די מאמע פלעגט ליגען אין קארטען, האָט מורא געהאט צו וויינען, אפילו א וואָרט צו זאָגען אום ניט בייז מאכען דעם טאטען. זי איז קראנק געוואָרען און איז אלץ מעהר און מעהר ארונטער פון לייב, דערצו האָט זי נאָך אנגעהויבען שלעכט צו הוסטען. ווען איך פלעג קומען פון פּאַנסיאָן, — האָב איך געטראָפען אומעטיי פאַריאָמערטע פנים'ער; די מאמוניו וויינט שטילערהייד, דער טאַטוניו ברוגז'ט זיך, עס הויבען זיך אָן אויסריידען און פאַרווירפען. דער טאטע הויבט אָן זאָגען אז איך ברייננ איהם ניט קיין פריידען, קיין נחמה, — און אז צוליעב מיר זאָגען זיי זיך אָב פון דעם לעצטען, און איך רעד נאָך אלץ ניט קיין פראנצויזיש; מיט איין וואָרט אלע דורכפאלע, אלע אומגליקען אלעס, אלעס פלעגט זיך אויסלאָזען צו מיין קאָפּ, און זיך אויסגיסען אויף דער מאמיניו? דאָס הארץ פלעגט ביי מיר צוריסען ווערען קוקענדיג אויף איהר. די באַקען זענען איינגעפאלען, די אויגען זענען אריין אין קאָפּ, און אין פנים איז געווען אזא צאכאַטאַצנע קוליער. מיר פלעגט אָנקומען מעהרער פון אלעמען. אָנפאַנגען פלעגט זיך שטענדיג פון קלייניגקייטען, און דערנאָך פלעגט עס דערגעהן גאָט ווייס צו וואָס; גאַנץ אָפט האָב איך ניט געקענט פאַרשטעהן אין וואָס האַנדעלט זיך דאָ. וואָס נאָר האָט מען מיר ניט אויסגערעדט!... סיי די פראנצויזישע שפּראך סיי דאָס אז איך בין א גרויסער נאַר, און אז די אייגענטימערין פון אונזער פּאַנסיאָן איז ניט קיין געשיקטע און דערצו נאָך א נארישע פרוי, און אז זי קימערט זיך ניט וועגען אונזער מאראל; אויך וועגען דעם אז דער טאַטע קען אליין אויך ניט געפינען קיין אַמט, און אז לימאנדס גראמאטיק איז א גרויסע שמאַטע, זאַפּאָלסקיס איז פיעל א בעסערע, און אז אויף מיר האָט מען ארויסגעוואָרפען א סך געלט אומזיסט; און ווי עס ווייזט

אויס, בין איך אַ געפילענלאָזע, אַ שטיינערנע. — און, איך ארימינקע, האָב זיך פון דער חויט געריסען חזר׳נדיג די געשפּרעכען און וואקאַ־בולען און אלץ בין איך געווען שולדיג, פאַר אלעס פאַראַנטוואָרטליך און דאַס איז געווען ניט דערפאַר ווייל ער האָט מיך ניט ליעב געהאַט: איך מיט דער מאַמיניו זענען געווען די גאַנצע נשמה זיינע, נאַר אַזאַ מין באַראַקטער איז דאַס שוין געווען.

די זאָרגען, פאַרדרוסען, און דורכפאַלען האָבען איינגאַנצען אויס־געמאַטערט דעם אָרימען פאַטער מיינעם. ער האָט פאַרלאָרען דעם צוטרויען צו מענשען, געוואָרען גאַליג. אַפּט איז ער נאָהענט געווען צו פאַרצווייפלונג, האָט ניט געהיט זיין געזונט ביז וואַנעט ער האָט זיך פאַרקילט. און איז מיט אמאָל קראַנק געוואָרען, ער האָט ניט לאַנג געליטען און איז געשטאָרבען, אַזוי פּלוצלונג, אַזוי אונערוואַרטעט: שנעל אַז מיר האָבען עטליכע טעג ניט געקענט קומען צו זיך פון דעם קלאַפּ. די מאַמיניו איז אריינגעפאַלען אין אַ מין מאַרנע פאַרגלי־ויערונג, איך האָב אפילו זיך געשראָקען פאַר איהר גייסטיגען צוש־טאַנד. ווי נאָר דער טאַטע איז געשטאָרבען אַזוי האָבען אונז בע־פאַלען די קרעדיטאָרען, ווי פון אונטער דער ערד זענען זיי אויסגע־וואַקסען, און אַנגעקראָכען אין די מאַסען. מיר האָבען אוועקגעגעבען אלעס וואָס מיר האָבען פאַרמאָגט. אונזער הייזקע, וואָס דער טאַטע האָט געקויפט אין אַ האַלב יאָהר ארום נאָך דעם ווי מיר האָבען זיך איבערגעצויגען קיין פעטראָגראַד, איז אויך פאַרקויפט געוואָרען. איך ווייס נים ווי מען האָט געענדיגט מיט דעם איבעריגען, איין זאַך בלויז איז קלאָר, אַז מיר זענען געבליבען עלענד, אָהן איין אייגען ווינקעלע, און איינגאַנצען אָהן מיטלען צום לעבען. די מאַמע האָט געליטען, פון אַ שווערער קראַנקהייט, און אליין זיך דעשלאָגען אויף אַ לעבען צו פאַרדינען האָבען מיר ניט געקענט. לעבען איז ניט געווען מיט וואָס, און אויף אונז האָט געוואַרט דער אַבגרונד. מיר איז דאַן גע־וואָרען בלויז פערצעהן יאָהר. אַט דאַן האָט אונז באַזוכט אננא פעד־ראָוונאַ. זי דערצעהלט אלץ, אַז זי איז אַ לאַנדבאַזיצעריין און אונז קערט זי זיך אָן אַ קרובה: די מאַמע האָט אויך געזאָגט אַז זי איז אונזערע אַ קרובה, אָבער זעהר אַ ווייטע. ווען דער טאַטע האָט גע־לעבט איז זי צו אונז קיינמאָל ניט געגאַנגען. געקומען איז זי מיט טרערען אין די אויגען. האָט געזאָגט אַז זי נעהמט אָן אַנטייל אין

אונז, אַז זי פיהלט מיט זיין אונזער שווערליכען פאַרלוסט, און אונזער צרה'דיגער לאַגע, דערביי האָט זי צוגעלעגט אַז דער טאַטע איז אַליין געווען שולדיג: אַז ער האָט געלעבט, ניט לויט זיינע כוחות, אַז ער איז ווייט פאַרקראָכען, און אַז ער האָט זיך צופיל פאַרלאָזען אויף זיינע כוחות. זי האָט אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג זיך דערנעהענטערען מיט אונז, און האָט פאַרגעשלאָגען צו פאַרגעסען די געגענזייטיגע אונאַנגענעהמליכקייטען. ווען די מאַמע האָט באַמערקט אַז זי האָט קיינמאָל ניט געפילט צו איהר קיין געפיל פון האַס אדער אונפריינדליכקייט, האָבען זיך ביי איהר באַוויזען טרערען. זי האָט אַוועקגעפירט די מאַמע אין קלויסטער, האָט באַשטעלט אַ מי שמרד נאָכ'ן, טייבעלע, (ווי זי האָט זיך אויסגעדירקט וועגען מיין פאָטער). נאָכדעם האָט זי זיך פריידיג איבערגעבעטען מיט דער מאַמען.

נאָך לאַנגע פאַרעדעס און אנדייטונגען, האָט אַננאַ פעדראָווונאַ, אָבגעמאָלען אין העלע פאַרבען אונזער, צרה'דיגע לאַגע, אונזער עלענד, האָפנונגסלאָזיגקייט און הילפלאָזיגקייט, האָט זי אונז איינגעלאַדען, (ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט) צו זיך צו גאַסט. די מאַמע האָט איהר באַדאַנקט, האָט זיך לאַנג ניט געקענט באַשליסען. אָבער מען האָט זיך ניט געקענט העלפען, עס איז ניט געווען קיין אויסוועג, האָט זי אם ענדע געזאָגט אַננאַ פעדראָווונאַ אַז זי נעהמט אָן איהר פאַרשלאַג מיט דאַנקבאַרקייט. ווי יעצט געדיינק איך דעם פרימאָרגען, אין וועלכען מיר האָבען זיך איבערגעקליבען פון דער פעטערבורגער זייט אויפ'ן וואַסיליעווסקען אונזער. עס איז געווען אַ קלאָרער טרוקען־פראָסטיגער הערבסט פרימאָרגען. די מאַמע האָט געוויינט: מיר איז געווען גרוליך אומעטיג. מיין ברוסט האָט זיך צוריסען. די נשמה האָט גענאַגט עפּעס אַ מין אונערקלערבאַרער שרעקליכער פיין... אַ שווערע צייט איז דאָס געווען.

2

פון אנפאַנג, ביז מיר, דאָס הייסט איך מיט דער מאַמען, האָבען זיך ניט איינגעלעבט אויפ'ן נייעם פּלאַץ אין אונז אויסגעקומען מורא'דיג ווילד ביי אַננאַ פיעדראָוונאַ: אַננאַ פיעדראָוונאַ האָט געוואוינט אין איהר אייגענער הויז, אויף דער זעקסטער ליניע. ריינע צימערען, אין

הויז זענען אינגאנצען געווען פינף. אין דריי פון זיי האט געוואוינט אננא פיעדראוונא מיט איהר א געשוועסטער־קינד סאשא, וועלכע האט זיך ביי איהר ערצויגען אלס א אייגען קינד. איז געבליבען אהן א פאטער און מוטער און איז איין צימער האבען מיר געוואוינט, און אין דעם לעצטען צימער איז שכנת מיט אונזערען האט געוואוינט אן ארימער סטודענט פאקראווסקי, אן איינוואוינער ביי אננא פיעדראוונא. אננא פיעדראוונא האט זעהר גוט געלעבט, רייכער ווי מען האט געקענט דיינקען. איהר וואוילזיין אדער רייכטום איז געווען פונקט אזא מין רעטעניש ווי איהר באשעפטיגונג. זי האט זיך שטענדיג געטומעלט זי איז שטענדיג געווען פארטאראמעט, אלע מאל וועגען וואס געזארגט, זי פלעגט ארויסגעהן און ארויספאהרען עטליכע מאל דורכ'ן טאג, אבער וואס זי האט געטאן, פארוואס און וועגען וואס זי איז געווען באשעפטיגט, דאס האב איך בשום אופן ניט געקענט טרעפען. זי האט געהאט א גרויסע און פארשיעדענארטיגע באקאנטשאפט. צו איהר פלעגען קומען געסט. גאט ווייס וואס פאר מענשען: שטענדיג אויף א מינוט צוליעב וואסער ניט איז געשעפטען. די מאמיניו פלעגט מיך שטענדיג אוועקפירען אין אונזער צימער, ווי דער גלעקעל פלעגט נאר אנהויבען קלינגען. אננא פעדראוונא פלעגט דערפאר זיין זייער ברוגז אויף דער מאמען און פלעגט שטענדיג זאגען אז מיר זענען ניט לויט אונזערע כוחות שטאלץ, וואלט האטש געווען מיט וואס שטאלצירען, און שטונדען לאנג פלעגט זי ניט אנטשוויגען ווערען. איך האב דאן ניט פארשטאנען אט די פארווירפע פון שטאלץ, פונקט אזוי ווי איך האב זיך יעצט דערוואוסט, אדער בעסער געזאגט געטראפען באר וואס די מאמע האט זיך ניט געקענט באשליסען צו וואוינען ביי אננא פיעדראוונא. א שלעכטע פרוי איז געווען אננא פיעדראוונא און זי האט אונז אונאויפהערליך געמוטשעט. ביז יעצט איז פאר מיר געבליבען א סוד פארוואס זי האט אונז איינגעלאדען צו זיך? צוערשט האט זי ארויסגעוויזען אונז גענוג פריינטשאפט, און דערנאך ערשט האט זי ארויסגעוויזען איהר אמת'ע נאטור, ווען זי האט דערזעהן אונזער אונבאהאלפענקייט. ווען זי האט זיך איבערציייגט אז מיר האבען אבסאלוט ניט וואוהין צו געהן. שפעטער איז א צייט ארום איז זי געווארען מיט מיר צערטליך, עפעס אזוי גראב צערטליך ביז חניפה, אבער צוערשט האב איך געליטען צוגלייך מיט דער מאמען.

זי פלעגט ארומגעהן, און ניט אויפהערען ריידען וועגען די מעשים טובים. צו זייטיגע מענשען פלעגט זי אונז פאר־שטעלען אלס איהר אָרימע קרובות: א הילפלאָזע אלמנה מיט א יתומה, וועלכע זי האט פון רחמנות וועגען צוליעב קריסטליכער ליעבע גענומען א ווינקעלע ביי זיך אין הויז. ביים טיש פלעגט זי אכטונג געבען אויף יעדען ביסען וואס מיר פלעגען נעמען, האבען מיר ניט גענע־מען, האט זיך ווידער אנגעפאנגען א געשיכטע; עס שטעהט אונז ניט אָן. אז מיר האבען זיך ניט מיט וואס איבערנעהמען, ווייל ביי אונז אין דער היים איז ניט בעסער געווען... דעם פאטער מיינעם האט זי אלע ווייל געזידעלט; זי האט געזאגט אז ער האט געוואלט זיין בעסער פון אנדערע און דערפאר האט ער געהאט א שלעכטען סוף; אזוי אז זיין ווייב און קינד האט ער געלאזען אזוי אז ווען עס זאָל זיך ניט געווען געפינען א גוטע קריסטליכע נשמה א קרובה, איז גאָט וויים וואס עס וואלט פון זיי געווארען, אין מיטען גאס וואלטען זיי געשטארבען פון הונגער. וואס, וואס האט זי ניט גערעדט! ניט אזוי ביטער, ווי עקעלהאפט עס איז געווען צו הערען אָט די אלע טענות. די מאמע פלעגט יעדע וויילע וויינען, איהר געזונט איז פון טאָג צו טאָג געווארען ערגער. זי איז באמערקבאר איינגעגאנגען, צו דער זעלבער צייט פלעגען מיר ביידע ארבייטען פון אינדערפריה ביז ביינאכט. מיר פלעגען קריגען באשטעלונגען, און נעהען, וואס איז זעהר ניט געפעלען אננא פיעדראָוונא. זי פלעגט אלע ווייל־זאגען אז ביי איהר אין הויז איז ניט קיין מאָדנע מאגאזין. נאר מיר האבען זיך באדארפט אנטאָן, מען האט געמוזט האבען אויף ניט פאראויסגעזעהענע אויסגאבען אפלייגען. מיר האבען אונבעדינגט געמוזט האבען אייגענע געלט. מיר האבען אויף יעדען פאל געקליבען האפענדיג, אז מיט דער צייט וועלען מיר קענען זיך איבערקלייבען ערגעץ וואו, אבער די מאמיניו האט איהרע לעצטע כוחות פארלארען ביי דער ארבייט. זי איז מיט יעדען טאָג שוואכער געווארען. די קראנקהייט האט זי ווי א ווארים געטאטשעט און זי דערנעהענט צום קבר. איך האב אלץ געפילט, אלץ געזעהען און אלץ דורכגעליטען; ווייל דאס אלעס איז פארגעקומען אויף מיינע אויגען.

אזוי זענען פאריבער טעג נאך טעג, און יעדער טאָג איז געווען ייגליך צום פריערדיגען. מיר האבען געלעבט שטיל, אזוי ווי ניט אין

שטאָדט. אננא פיערדראָוונא איז צוביסלאַך שטילער געוואָרען, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט'ן באוואוסטזיין פון איהר הערשאַפט. אייגענטליך האָט זיך איהר קיינמאָל קיינער ניט געשטעלט אנטקעגען.

אין אונזער צימער זענען מיר געוועזען אבגעטיילט פון איהר מיט א קאָרידאָר, ארום אונז האָט געוואוינט אין א צימער פּאָקראָווסקי וועמען איך האָב שוין דערמאָנט. ער האָט געלערענט מיט סאַשען די פראַנצויזישע און דייטשע שפּראַכען, געשיכטע, געאָגראַפיע — אלע וויסענשאַפטען, ווי עס פלעגט זאָגען אננא פיערדראָוונא: און דערפאַר האָט ער ביי איהר געקראָגען א צימער מיט עסען. סאַשאַ איז געוועזען מעהר ווי א פאַרשטענדליכע מיידעלע חאָטש א זעהר גרויסע שטיפערין. זי איז דאַן אַלט געוועזען א יאָהר 13. אננא פיערדראָוונא האָט באַמערקט דער מאַמען אז עס וואָלט זיין ניט שלעכט איך זאָל זיך אויך אנהויבען לערנען, ווייל אין פּאַנסיאָן האָט מען מיך ניט דערלערנט. די מאַמיניו האָט מיט פרייד איינגעשטימט און איך האָב א גאַנצען יאָהר זיך צוזאַמען מיט סאַשאַ'ן געלערענט ביי פּאָקראָווסקין. פּאָקראָווסקי איז געוועזען אן אָרימער זעהר יונגער מענש: זיין געזונט האָט איהם ניט ערלויבט צו געהן זיך לערנען יעדען טאָג און מען פלעגט איהם רופען ביי אונז סטודענט בלויז אלס געוואוינהייט. געלעבט האָט ער זיך שטיל און באַשיידען, אזוי אז מען פלעגט איהם ניט הערען פון אונזער צימער. זיין אויסזעהן איז געוועזען א מאָדנער, אזוי מאָדנע איז געוועזען זיין גאַנג, זיין מאַנער צו גריסען זיך, און אזוי מאָדנע האָט ער גערעדט אז פון אנפאַנג האָב איך אהן געלעכטער ניט געקענט קוקען אויף איהם. סאַשאַ האָט ניט אויפגעהערט צו שטיפען איבער איהם בעזונדערס ווען ער פלעגט אונז פאַרגעבען די לעקציעס. אלס צוגאָב איז ער נאָך געוועזען זעהר אן אויפגערעגטע נאַטור. ער פלעגט זיך אימער בס'ען יעדער קלייניגקייט האָט איהם ארויסגעבראַכט פון די כלים. ער פלעגט שרייען אויף אונז, זיך קלאָגען אויף אונז און אָפט ניט פאַרענדיגענדיג די לעקציע, פלעגט ער א צו'כעס'טער אוועקגעהן צו זיך אין צימער. ביי זיך פלעגט ער גאַנצע טעג זיצען איבער די ביכער. ביכער האָט ער געהאַט א סך און אלע אזעלכע טייערע, זעלטענע. ער האָט געהאַט נאָך א פּאָר לעקציעס, וואו ער האָט געקריגען ווי ניט איז באַצאָהלט.

אזוי אז קוים האָט ער נאָר געקראָגען געלט ווי ער פלעגט באַלד זיך קויפען ביכער.

מיט דער צייט האָב איך זיך בעקענט מיט איהם בעסער, נעהענטער. ער איז געווען דער בעסטער און ווירדיגסטער מענש, דער אייעדעלסטער פון אלע וואָס איך האָב ווען באַגעגענט. די מוטער מיינע האָט איהם זעהר געאַכטעט. פאַר מיר איז ער געווען דער בעסטער פריינד, נאָך מיין מוטער פאַרשטעהט זיך. אין אָנפאַנג, פלעג איך, אַזאַ גרויסע מיידעל, שטיפען פאַראיינס מיט סאַשען. מיר ביידע פלעגען שטונדענווייז ברעכען דעם קאָפּ, ווי אַזוי בעסער איהם צו־רייצען און ארויספיהרען פון געדולד. ער האָט זיך נאַריש לעכערליך געקאַכט און אונז פלעגט דאָס זעהר געפעלען. (איך שעם זיך אפילו צו עראינערען וועגען דעם) איין מאָל האָבען מיר איהם צורייצט כמעט ביז טרערען, און איך האָב קלאָר געהערט ווי ער האָט געשעפּטשעט: „שלעכטע קינדער" איך האָב זיך מיט אַמאָל פאַרלאָרען, איך האָב זיך פאַרשעמט. איך האָב רחמנות געהאַט אויף איהם און מיר איז אַזוי ביטער געוואָרען. איך געדיינק איך בין רויט געוואָרען ביז איבער די אויערען, און כמעט מיט טרערען אין די אויגען געבעטען איהם זיך באַרוהיגען. און זיך ניט באַליידיגען אויף אונזער נאַרישע שטיפערייען. נאָר ער האָט פאַרמאַכט דאָס בוך, האָט מיט אונז ניט געענדיגט די לעקציע און איז אוועק צו זיך אין צימער. אַ גאַנצען טאָג האָב איך זיך געמאַטערט פון חרטה. דער געדאַנק אַז מיר קינדער האָבען איהם מיט אונזער גרויזאַמקייטען געבראַכט צו טרערען איז געווען פאַר מיר אונערטרעגליך. הייסט עס אַז מיר האָבען געוואַרט אויף זיינע טרערען, מיר האָבען געוואָלט הייסט דאָס און עס האָט זיך אונז איינגעגעבען איהם ארויסברייגגען פון זיין לעצטען געדולד, און מיט גוואַלד איהם דערמאָנען אין זיין ביטערען מזל! איך בין אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען פון פאַרדרוס, פון אומעט און חרטה! מען זאָגט אַז חרטה מאַכט גרינגער אויף דער נשמה — עס איז נאָר פאַרקערט. איך ווייס ניט ווי צו מיין חרטה האָט זיך צוגעמישט זעלבסטליעבע. איך האָב ניט געוואָלט ער זאָל קוקען אויף מיר ווי אויף אַ קינד. איך בין שוין דאַן אַלט געווען 15 יאָהר. פון דעם טאָג האָב איך אָנגעהויבען מאַטערען מיין פאַרשטעלונג, און געשאַפען טויזענדער פּלענער, אויף וואָס פאַר אַן אופן זאָל איך צווינגען פּאָקראָווסקען אומצובייטען זיין מיינונג

וועגען מיר. אבער איך בין אָפּטמאָל געווען אַזוי שעמעוודיג, און אַזוי שרעקענדיג; און אין דער יעצטיגער לאַנגע מיינער, האָב איך זיך אויף גאַרניט געקענט באַשליסען און האָב זיך באַנוגענט מיט מיינע טרוימען, (גאָט ווייס מיט וואָס פאַר אַ טרוימען). איך האָב בלויז אויפגעהערט קאָמאַנדעווען צוזאַמען מיט סאַשען, און ער האָט אויפגעהערט צו זיין ברוגז אויף אונז. אבער פאַר מיר איז דאָס געווען ווייניג.

און יעצט וועל איך זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען אַ מאָדנע באַ־שעפעניש, דעם אומגליקליכסטען מענשען וואָס איך האָב ווען באַ־געגענט אין מיין לעבען. דערפאַר רעד איך וועגען איהם דאָ אין צו דעם אָרט פון מיינע נאָטיצען, ווייל ביז אָט דער לעצטער עפּאָכע, האָב איך איהם ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט, — יעצט איז אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט פּאַקראָווסקען איז געוואָרען מיט אַמאָל אינטערעסאַנט פאַר מיר.

צו אונז אין הויז פלעגט פון צייט צו צייט קומען אַ פאַר־שמירטער, שלעכט געקליידעטער אַלטער. דאָס איז געווען אַ קליינער, גרויער ניט געשיקטער, ביז גאַר מאָדנער נפש. פון ערשטען בליק אויף איהם האָט זיך געקענט דוכטען, אַז ער שעמט זיך פאַר עפּעס, אַז עס איז איהם עפּעס אונאַנגענעהם פאַר זיך אַליין. דערפאַר האָט ער זיך אַזוי צוזאַמען געדריקט, זיך געקרימט, ער האָט געמאַכט אַזעלכע גרימאַסען און טנעות, אַז איהר האָט כמעט אויף זיכער געקענט איהם אָננעהמען פאַר אַ משוגע'נעם. ווען ער פלעגט קומען צו אונז, פלעגט ער זיך אַוועקשטעלען אין קאָרידאָר ביי די גלעזערנע טירען און ניט וואַגען אַריינגעהן אין הויז. ווער פון אונז עס פלעגט פאַרביי געהן איך אָדער סאַשאַ, אָדער עמיצער פון די דינער, ווער עס איז געווען צו איהם צוגעלאָזענער, פלעגט ער אַלץ רופען צו זיך, מאַכען פאַרשידענע צייכענס, און דאַרפסט נאָר אַ שאָקעל טאָן צו איהם מיט'ן קאָפּ, טוסט איהם אַ רוף, דאָס איז געווען אַן אָפּגעמאַכטער צייכען, אַז עס איז ניטאָ אין הויז קיין פרעמדע, אַז ער קען אַריינגעהן אויב ער וויל, דאַן פלעגט דער אַלטער שטילינקערהייט עפענען די טיר, פרעה־ליך שמייכלען און רייבען די הענט פון פאַרגעניגען, און אויף די שפּיץ פינגער אוועק אין פּאַקראָווסקיס צימער. דאָס איז געווען זיין פאָטער.

שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט אויספירליך די געשיכטע פון

דעם אָרימען אַלטען. ער האָט אַמאָל ערגעץ אַוואו געדינט. ער האָט ניט פאַרמאָגט קיינע פעהיגקייטען, האָט פאַרנומען דעם ערגסטען אונוויכטיגסטען פּלאַץ דאָרטען, וועז זיין ערשטע פרוי איז געשטאָרבען, (די מוטער פון סטודענט פּאָקראָווסקין) האָט זיך איהם באַרוואַלט א צווייטען מאָל חתונה האָבען, און ער האָט חתונה געהאַט מיט א מעשטשאַנקע. ביי דער נייער פרוי איז אַלץ אין הויז אַוועק מיט'ן קאָפּ אַראָפּ: זי האָט אַלץ אַריינגענומען אין איהרע הענט און האָט קיינעם ניט געלאָזט לעבען. דער סטודענט פּאָקראָווסקי איז דאַן אַלט געווען א יאָהר צעהן. די שטיף מוטער האָט איהם געהאַסט, אָבער דעם קליינינקען פּאָקראָווסקין האָט דאָס מזל בעגליקט. דער גוט באַזיצער בעקאָוו, וועלכער האָט געקענט דעם טשינאָווניק פּאָקראָווסקין און וועלכער האָט אַמאָל איהם א טובה געטאָן האָט גענומען דאָס קינד אונטער זיין שוץ, און האָט איהם אַריינגעגעבען עפּעס אין א שולע. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט איהם, ווייל ער האָט געקענט זיין פאַרשטאָרבענע מוטער, וועלכע אננא פיעדראָוונא האָט נאָך געקענט אַלס מיידעל, האָט איהר פיעל גוטס געטאָן און זי חתונה געמאַכט פאַר פּאָקראָווסקין. הער בעקאָוו א פריינד, און נאָהענטער בעקאַנטער צו אננא פיעדראָוונא באַוועגט פון גרויסמוטיגקייט האָט געגעבען דער כלה 5000 רובעל נדן, וואוהין די געלד איז אַוועק איז ניט באַוואוסט. דאָס אַלעס האָט מיר דערצעהלט אננא פיעדראָוונא. ווייל דער סטודענט פּאָקראָווסקי האָט קיינמאָל ניט ליעב געהאַט צו ריידען פון זיינע פאַמיליען אַנגעלעגענהייטען. מען דערצעהלט אַז זיין מוטער איז געווען זעהר א שעהנע, און עס קוקט מיר אויס מאָדנע וואָס זי האָט אַזוי ניט געלונגען חתונה געהאַט פאַר אַזאַ נישטיגען מענשען... זי איז יונג געשטאָרבען, א יאָהר פיער נאָך דער חתונה.

פון דער שול איז דער יונגער פּאָקראָווסקי אַריין אין גימנאַזיע און פון דאָרטען אין אוניוועהזיטעט. הער בעקאָוו, וועלכער איז זעהר אָפט געקומען קיין פּעטראָגראַד האָט איהם אויך דאָ ניט איבערגעלאָזען צהן זיין שוץ. צוליעב זיין צושטערטען געזונד האָט פּאָקראָווסקי ניט געקענט פאָרטזעצען זיין שטודיום אין אוניווערזיטעט. דער הער בעקאָוו האָט איהם באַקענט מיט אננא פיעדראָוונא, האָט איהם אַליין רעקאָמענדירט צו איהר, און אויף אַזאַ אופן איז דער יונגער פּאָקראָוו־

סקי אָנגעקומען אהער אויף קעסט מיט'ן באַדינג צו לערנען סאַשען אַלעס וואָס עס וועט זיך פאָדערען.

דער אַלטער פּאָקראַוואָסקי, האָט פון צרות און פון דער ווייבס גרויזאַמקייטען זיך איבערגעגעבען צו שכרות, און פלעגט שטענדיג אומגעהן אין אַן אומנמעגליכען שכר'ן צושטאַנד. דאָס ווייב פלעגט איהם שלאָגען, האָט איהם געצוואונגען לעבען אין קיך און האָט געבראַכט דערצו אַז ער איז צוגעוואוינט געוואָרען צו פּעטש און שלעכטער באַהאַנדלונג, אַזוי אַז ער פלעגט זיך שוין אפילו ניט באַקלאָגען. ער איז נאָך ניט געווען קיין אַלטער מענש, נאָר פון שלעכטע נייגונגען איז ער כמעט פון זינען אַרונטער. דער איין איינציגער סימן פון אייד דעלערע מענשליכערע געפיהלען איז געווען זיין אומבאַגרענעצטע ליעבע צו זיין זון. מען זאָגט אַז דער יונגער פּאָקראַוואָסקי, איז ווי צוויי טראָפּען וואַסער, ענליך צו זיין פאַרשטאָרבענער מוטער. אפשר האָבען די ערינערונגען פון זיין פריערדיגער גוטער פרוי געבאָרען אין האַרצען פון דעם פאַרלאָרענעם אַלטען אַזאַ מין אומבאַגרענעצטע ליעבע צו איהם? דער אַלטער האָט פון קיין אַנדער זאַך גאָר ניט געקענט ריידען, ווי פון זיין זון, וועמען ער האָט באַזוכט צוויי מאָל אַ וואָך. אָפטער צו קומען האָט ער ניט געוואַגט, ווייל דער יונגער פּאָקראַוואָסקי האָט ניט געקענט איבערטראָגען דעם פאָטערס באַזוכען. פון אַלע זיינע חסרונות איז דער ערגסטער זיכער געווען זיין פאַראַכטונג צום פאָטער. אייגענטליך איז דער אַלטער אָפט געווען דאָס אונערטרעגליכסטע באַשעפעניש אין דער וועלט. ערשטענס איז ער געווען גרויליך נייגעריג, צווייטענס פלעגט ער מיט זיינע געשפּרעכען, און דער ליעבע זיך אַלץ פאַנאַנדערפרעגען שטערען איהם לערנען, און אַם ענדע פלעגט ער נאָך אַמאָל קומען אַ שכור'ער. דער זוהן האָט צוביסלאַך אָפּגעוואוינט דעם פאָטער פון שלעכטע נייגונגען; פון ניי:ערינקייט, פון שטענדיגען פּלאַפּלען, און אַם ענדע האָט ער געבראַכט דערצו אַז יענער פלעגט איהם אַלץ פאָלגען, ווי אַין אָראַקול. ער פלעגט ניט וואַגען עפענען דאָס מויל אָהן זיין ערלויבעניש.

דער אָרימער אַלטער האָט זיך ניט געקענט גענוג אַנוואונדערען און אָנפרעהען אויף זיין פּעטינקאַ, (ווי ער פלעגט רופען דעם זון) ווען ער פלעגט קומען צו איהם צו גאַסט, האָט ער שטענדיג אויסגעזעהן אַזוי פאַרזאָרגט און פאַרציטערט, דערפון וואָס ער האָט ניט געוואוסט

ווי עס וועט איהם אויפנעמען דער זון. געוועהנליך האָט ער זיך לאַנג ניט געקענט באַשליסען אַריינגעהן, און אויב איך פלעג זיין דאָ פלעגט ער מיך אַ מינוט 20 פאַנאַנדערפרעגען, — וואָס, און ווי אַזוי איז פעטינקא? צו איז ער געזונט, אין וואָס פאַר אַ שטימונג געפינט ער זיך, און צו טוט ער ניט עפּעס וויכטיגעס, צו שרייבט ער, אָבער ניט זיך אָפּ מיט וויכטיגע געדאַנקען? ווען איך פלעג איהם אין אַ גענוגענדער מאָס באַרוהיגען און ערמונטערען, פלעגט זיך דער אַלטער באַשליסען אַריינגעהן, און שטיל—שטיל, פאָרזיכטיג, —פאָרזיכטיג עפענען די טיר און אַריינשטעקען פריער די קאָפּ, אויב ער האָט געזעהן אַז דער זון איז ניט ברוגז און האָט אַ שאָקעל געטאָן צו איהם מיט'ן קאָפּ, פלעגט ער שטילערהייט אַריין אין צימער. ער פלעגט אַרונטערנעהמען די יוניאָן פאָרם העט, וועלכע איז ביי איהם אימער געווען צודרעהט און צוריסען, — האָט אַלעם אויפגעהאַנגען אויף אַ צוויאַק, דאָס אַלץ האָט ער געטאָן אַזוי שטיל אונהערבאַר; דאַן האָט ער זיך פאָרזיכטיג אוועקגעזעצט ערגעץ אין אַ ווינקעל אויף אַ ביינקעל און ניט אַראָבגענומען די אויגען פון זיין זון, וועלענדיג טרעפען אין וואָס פאַר אַ געמיט איז היינט זיין פעטינקא. אויב דער זון איז געוועזען עטוואָס אין אַ שלעכטער שטימונג, פלעגט דער אַלטער דאָס גלייך באַמערקען, און זיך גלייך אויפהויבען פון אָרט און ערקלערען, „אַז דאָס איז אַזוי זיך פעטינקא, בלויז אויף אַ מינוט. אַט בין איך ווייט געגאַנגען און פאַרבייגעהענדיג, בין איך אַריין זיך אָברוהען אַ ווייל.“ דאַן פלעגט ער אָהן ווערטער, געהאָרכזאַם נעמען דעם יוניפאָרם מיט'ן העט, נאָכאַמאָל שטילערהייט עפענען די טיר, און אוועקגעהן שמייכלענדיג אַריבער די כוחות, אום איינצוהאַלטען דעם אַנגסט אין דער נשמה, איהם ניט אַרויסווייזען פאַר'ן זון.

ווען דער זון פלעגט איהם פריינדליך אויפנעמען, פלעגט זיך דער אַלטער פאַרלירען פון פרייד. פאַרגעניגען פלעגט אַרויסקוקען פון זיין פּנים, פון זיינע דזשעסטען און באַוועגונגען. ווען דער זון הויפּט אַז צו איהם רעדען הויפּט זיך דער אַלטער אויף פון ביינקעל, ענטפערט שטיל—אונטערטעניג כמעט מיט פאַרגעטערונג. און שטענדיג האָט ער באַנוצט די אויסגעקליבענסטע און לעבערליכסטע אויסדריקע. אָבער ביי איהם האָט אינגאַנצען געפעהלט די פעהיגקייט צו רעדען. ער פלעגט שטענדיג צומישט ווערען און זיך פאַרלירען: רעדענ־

דיג, פלעגט ער ניט וויסען, וואס צו טאן מיט זיך. אויף פראגען פלעגט ענטפערען שטאמלענדיג און פלעגט דערביי אזוי ציהען די ווערטער זיך ווי ער וואלט אימער מורא האבען, אז ער מאכט עפעס א טעות. ווען עס פלעגט זיך שוין איהם אמאל יא איינגעבען צו ענטפערען, פלעגט ער דערביי זיך עסק'ן מיט זיין שניפס, די זשילעטקע און פראק. זיין גאנצער אויסזעהן פלעגט ווערען עפעס אזוי מאדנע רחמנות'דיג. א מאל פלעגט ער זיך אננעמען מיט אזוי פיל מוט, אז ער פלעגט שטילינ־קערהייט זיך אויפהויבען פון ביינקעל און צוגעהן צו דער פאליצע מיט ביכער און נעהמען א ביכעל און אויפ'ן פלאץ איבערלאזען עטוואס פון וואס פאר א בוך. דאס האט ער געטאן מיט אזא געמאכטער גלייכגילטיגקייט און קאלטבלוטיגקייט, פונקט ווי ער וואלט אימער אזוי געקענט בעלהבת'ווען מיט'ן זונ'ס ביכער, אזוי ווי דעם זונ'ס לאסקע וואלט ביי איהם ניט געווען קיין זעלטענהייט. איינמאל האט זיך מיר געטראפען צו זעהן ווי דער אלטער האט זיך דערשראקען ווען באקראווסקי האט איהם געבעטען ניט טשעפען די ביכער. ער האט זיך פארלארען, גענומען היילען, און אוועקגעשטעלט דעם בוך מיט די פיס ארויף, ער האט געשמייכעלט זיך פארוויטעלט און ניט גע־וואוסט מיט וואס פאריכטען זיין פארברעכען. פאקראווסקי האט מיט זיינע ראטען צוביסלאך אפגעוואוינט דעם אלטען פון שלעכטע מידות. און ווי נאר ער פלעגט איהם זעהן צוויי דריי מאל א ניכטערען, פלעגט ער איהם ביים ערשטען באזוך צום שיידען זיך געבען א פערטעלע, א האלבען רובעל און אמאל מעהר. אמאל פלעגט ער איהם קויפען שטיוועל, א שניפס אדער א זשילעטקע. דערפאר פלעגט דער אלטער אין זיין נייעם בגד זיין שטאלץ ווי א האן. אמאל פלעגט ער אריינ־געהן צו אונז. ער פלעגט ברייננען פאר מיר מיט סאשען לעקאכלאך עפעל, און אלץ פלעגט ער שמועסען וועגען פעטינקען. ער פלעגט אונז בעטען זיך לערנען אויפמערקזאם, פאלגען: פעטינקא איז א גוטער זון, א זון פון וועמען מען קען נעמען א ביישפיעל און דערצו נאך א געלערענטער. דערביי פלעגט ער אזוי לעכערליך ווינקען צו אונז מיט'ן לינקען אויג, זיך אזוי קרימען אז מיר פלעגען פון גאנצען הארצען לאכען פון איהם. מיין מוטער האט איהם זעהר ליעב געהאט, אבער ער האט געהאסט אננא פיעדראוונא, חאטש ער האט זיך געהאלטען פאר איהר שטילער פון וואסער און נידעריגער פון גראז. איינגיבען

האב איך זיך אויפגעהערט צו לערנען ביי פאקראווסקען, מיך האט ער ווי פריער געהאלטען פאר א קינד. א מיידעל א שטיפעריו, אזוי גוט ווי סאשא. מיר האט דאס זעהר וועה געטאן, ווייל איך האב מיט אלע כחות געשטרעבט צו פארגלעטען מיין פריערדיגע אויפירונג. אבער מיך האט מען ניט באמערקט. דאס האט מיך אלץ מעהר און מעהר גערייצט. איך האב כמעט קיינמאל ניט גערעדט מיט פאקראווסקען אויסער די קלאסען און ניט געקענט ריידען. איך פלעג זיך רויטלען, פארלירען, און דערנאך ערגעץ אין א ווינקעלע וויינען פון פארדרוס. איך וויים ניט מיט וואס דאס אלעס וואלט זיך געענדיגט, ווען אונזער דערנעהענטערונג וואלט ניט ארויסגעהאלפען א מאדנער צופאל. איינמאל אין אווענט ווען די מאמע איז געזעסען ביי אננא פיעטראוונא בין איך שטילינקערהייט אריין אין פאקראווסקעס צימער. איך האב געוואוסט אז ער איז ניטא אין דער היים און איך וויים באמת ניט פארוואס עס האט זיך מיר פארגלוסט צו איהם אריינגעהן. ביז אהער האב איך קיינמאל צו איהם ניט אריינגעשמעקט חאטש מיר האבען געוואוינט אזוי נאהענט א גאנץ יאהר. דאס מאל האט מיין הארץ אזוי שטארק געקלאפט, אזוי שטארק אז עס האט זיך געדוכט עס וויל פון ברוסט ארויסשפרינגען. איך האב זיך ארומגעקוקט מיט א באווונדערער נייגעריגקייט. פאקראווסקעס צימער האט אויסגעזעהן זעהר ארים, מיט ווייניג ארדנונג. אויפ'ן טיש און ביינקלאך זענען געלעגען אנגעווארפען פאפירען און ביכער. ביי מיר איז דורכגעגאנגען א מורא'דיגער געדאנק און דערביי האט מיך ארומגעכאפט אן אונאנגענעמער געפיהל פון פארדרוס. מיר האט זיך אויסגעוויזען אז מיין פריינדשאפט, מיין ליבענדעס הארץ איז פאר איהם ווייניג. ער איז געלערענט און איך בין א נאר, וויים גארניט, לען קיין איין בוך ניט... דא האב איך מיט קנאה באקוקט די לאנגע פאליצעס וועלכע האבען זיך אונטערבראכען אונטער די ביכער. מיך האט ארומגענומען: א פארדרוס, טרויער און א מין משוגעת. מיר האט זיך פארוואלט און איך האב גלייך באשלאסען איבערלייענען אלע זיינע ביכער, אלע — ביז איינעם, און ווי נאר מעגליך שנעל. איך וויים ניט, מעגליך אז איך האב געדיינקט אז ווען איך וועל זיך אויסלערנען אלעס, וואס ער וויים, וועל איך אפשר מעהר ווערטה זיין זיין פריינדשאפט. איך האב זיך א ווארף געטאן צו דער ערשטער פאליצע ניט געטראכט

און ניט אויסקלייבענדיג האָב איך געכאַפּט אין האַנט דעם ערשטען פאַרשטויבטען אַלטען טאָם, און רויט און בלאַס ווערענדיג, ציטער־רענדיג פון אויפרעגונג און שרעק האָב איך פאַרשלעפּט דעם גנב׳טען בוך צו זיך און באַשלאָסען איהם דורכצולייענען ביינאַכט ביים נאַכט־לעמפּעל ווען די מאַמע וועט איינשלאָפען.

מיר איז געוואָרען שטאַרק פאַרדראָסיג, ווען קומענדיג צו זיך אין צימער, און אין איילעניש עפענענדיג דעם בוך, האָב איך דערזעהן אַז דאָס איז אַן אַלטער צופוילטער פון די ווערים אויפגעגעסענער לאַטייניזשער בוך. איך האָב זיך אַרומגעקוקט ניט פאַרלירענדיג קיין צייט. ווי איך האָב נאָר געוואָלט אַריינשטעלען דעם בוך אין פּאָליצע, האָב איך דערהערט אַ טומעל אין קאָרידאָר און עמיצענס נאָהענטע טריט. איך האָב גענומען זיך שטאַרק היילען אָבער דער אונטערטענ־ליכער בוך איז געשטאַנען אין זיין רייהע, אַזוי, אַז איך האָב אַרויסגענומען איינעם האָבען זיך די איבעריגע אַביסעלע צורוקט זיך צוזאַמענגענומען און ניט געלאָזען מעהר קיין פּלאַץ פאַר זייער פריי־ערדיגען חבר. אַריינשפּאַרען דעם בוך האָב איך ניט געהאַט קיין כח. ואַן האָב איך אַ שטויס געטאָן די ביכער אַזוי שטאַרק ווי איך האָב נאָר געקענט. דער פאַרזשאַווערטער צוואַק אויף וועלכען עס האָט זיך געהאַלטען די פּאָליצע, האָט בלויז געוואַרט אויף דער מינוט. ער האָט זיך צובראָכען, און די פּאָליצע איז אַראָבגעפאַלענען מיט איין עק אַרונטער. די ביכער האָבען מיט גערויש זיך צושאָטען אויף דער ערד. די טיר האָט זיך געעפענט און פּאַקראָווסקי איז אַריין אין צימער.

מען מוז באַמערקען אַז ער האָט ניט פאַרטראָגען אַז אימעצער זאָל בעלהבת׳ווען אין זיינע ביכער. וועה איז דעם ווער עס האָט זיך צוגערירט צו זיינע ביכער. היינט שטעלט זיך פאָר מיין שרעק, ווען קליינע און גרויסע ביכער, ביכער פון פאַרשיעדענע פאָרמאַטען, פאַר־שיעדענאַרטיגער גרויס און גרעב, האָבען זיך אַ ריהר געטאָן פון אָרט און גענומען פליהען פון די פּאָליצעס, גענומען טאַנצען און שפּרינגען אונטערן טיש, אונטער די ביינקלאַך און איבערן גאַנצען צימער. איך האָב געוואָלט אַנטלויפען, אָבער, עס איז שוין געווען צו שפּעט. — געוויס, טראַכט איך זיך, — געוויס! איך בין פאַרלאָרען. דאָ איז מיין סוף.ווייל אַז איך שטיף ווי אַ צעהן יאָהריגע נאַרישע מיידעלע, **איך בין אַ גרויסער נאַר!!!** — פּאַקראָווסקי האָט זיך שטאַרק אויפ־

גערעגט. — „א, בלויז דאס האט געפעלט!“ — האט ער זיך צושריען. — נו, ווי שעהמט איהר זיך ניט אזוי צו שטיפען!... וועט דאס אייך זוען דערעסען. און האט זיך אליין א ווארף געטאן צונויפקלייבען די ביכער. איך האב זיך איינגעבויגען איהם צו העלפען. — „מען דארף ניט, מען דארף ניט, האט ער געשריען.“ — „איהר וואלט פיעל בעסער געטאן ווען איהר געהט ניט אהין וואו מען בעט אייך ניט“. — אבער גערירט, אביסעל פון מיין געהארכזאמער באוועגונג, האט ער פארט־געזעצט שטילער און אין א באלערענדען טאן, אויסנוצענדיג, די ניט לאנג פארגאנגענע רעכט פון א לעהרער: — „נו, ווען וועט איהר שוין אוועקווארפען אט די נארישקייטען, און ווערען א מענש. אט גיט אליין אויף זיך א קוק, איהר זענט דאך שוין ניט קיין קינד, ניט קיין קליינינקע מיידעלע, איהר זענט דאך שוין 15 יאהר אלט!“ — און דא אפנים זיך וועלענדיג איבערצייגען צו זיין באהויפטונג, אז איך בין שוין ניט קיין קליינינקע איז גערעכט, האט ער אויף מיר א קוק געטאן און איז רויט געווארען ביז איבער די אויערען. איך האב ניט פאר־שטאנען: איך בין געשטאנען נעגען איהם געקוקט אויף איהם מיט ברייט צועפענטע אויגען, א פערוואונדערטע. ער איז אויפגע־שטאנען צוגעגאנגען צו מיר, האט זיך שטארק פארלארען, ער האט עפעס גערעדט, דאכט זיך, אז ער האט זיך ענטשולדיגט אין עפעס. אפשר דערין, וואס ער האט ערשט יעצט באמערקט, אז איך בין שוין אזא גרויסע מיידעל. אם ענדע האב איך פארשטאנען. איך געדיינק ניט, וואס מיט מיר איז געווארען, איך האב זיך זיכער צומישט און פארלארען, איך בין רויט געווארען מעהר פון פאקראווסקען, און האב פארדעקט מיט די הענט דעם פנים און בין ארויסגעלאפען פון צימער.

איך האב ניט געוואוסט וואס מיר איז געבליבען צו טאן, אוואו זיך צו באהאלטען פון שאנדע. דערפון אליין בלויז וואס ער האט מיך געפונען אין זיין צימער! גאנצע דריי טעג האב איך ניט געקענט אפילו א קוק טאן אויף איהם. איך האב זיך גערויטעלט ביז צו טרע־רען. די שרעקליכסטע און לעבערליכסטע געדאנקען, האבען זיך געדרעהט אין מיין קאפ. דער משוגענסטער פון אט די געדאנקען איז געווען דער, וועלכער האט מיך באוועגט צום פארלאנג צו געהן צו איהם און אפענהערציג איהם אלעס דערצעהלען, איהם פארזיכערען אז איך האב געהאנדעלט ניט ווי קיין נארישע מיידעלע, נאר מיט א

גוטען צוועק. איך בין שוין געווען ענטשלאָסען צו געהן, אָבער גאָט צו דאַנקען, איך האָב ניט געוואַגט. איך שטעל זיך פאָר וואָס איך וואָלט אָנגעמאַכט פאַר א חתונה. איך שעם זיך אפילו צו ערינערען.

מיט עטליכע טעג שפּעטער איז די מאַמיניו געפעהרליך קראַנק געוואָרען. זי איז שוין צוויי טעג ניט ארונטער פון בעט, די דריטע נאַכט איז זי געלעגען אין היץ א פּאַרטראַגענע. איין נאַכט בין איך שוין ניט געשלאָפען איך בין ארומגעגאַנגען ארום איהר, געזעסען ארום דער מאַמעס בעט, געגעבען איהר טרינקען, און אין געוויסע שטונדען דעם רעצעפּט. אויף דער צווייטער נאַכט האָב איך זיך איינגעצאַנצען אויסגעמאַטערט. צייטענווייז האָט מיך געשלעפערט, עס איז מיר גרין געוואָרען אונטער די אויגען, די קאָפּ האָט זיך מיר געדרעהט, איך האָב יעדע מינוט געקענט פאַלען פון מיעדקייט. די שוואַכע קרעכצען פון מיין מוטער האָבען מיך אַלע ווייַלע געוועקט, איך פלעג זיך אויפ־כאַפּען אויף א רעגע, און דער דרימעל פלעגט מיך ווייטער בייקומען. איך האָב זיך געמאַטערט. איך קען זיך ניט דערמאַנען ס'אַרא מין שרעקליכען חלום, ס'אַרא מין מורא'דיגע זעהונג, האָט באַזוכט מיין צודרעהטען קאָפּ. אין דער שווערער מינוט פון קאַמף צווישען שלאָף און וואַך. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין שרעק. אין צימער איז געווען פינסטער. דאָס נאַכט־לעמפּעל האָט זיך געטונקט, אָט האָבען פּאַסען פון ליכט באַגאָסען דעם גאַנצען צימער, אָט האָבען זיי זיך קוים קוים באַוויזען אויפ'ן וואַנט, אָט האָבען זיך אָט דיזעלבע ליכט פּאַ־סען איינגאַנצען ניט באַוויזען. מיר איז עפּעס אזוי מורא'דיג געוואָרען, עס האָט מיך ארומגענומען א גרויל. מיין פאַרשטעלונג איז געווען ציטריַיסעלט פון דעם שרעקליכען חלום, אנגסט האָט צוגעדריקט מיין האַרץ... איך בין אויפגעשפּרונגען פון ביינקעל און ניט ווילענדיג א געשריי געטאָן פון עפּעס א מין שרעקליכען מורא'דיג־דריקענדען גע־פיל. אין דער צייט האָט די טיר זיך געעפענט און פּאַקראַווסקי איז אריין צו אונז אין צימער. איך געדיינק בלויז אז איך האָב זיך אויפ־געכאַפּט אויף זיינע הענט. ער האָט מיך פּאַמעלאַך אוועקגעזעצט אין פאַטער שטאָל. מיר דערלאַנגט א גלאָז וואַסער, דערביי האָט ער מיך פאַרשאָטען מיט פראַגען. איך געדיינק ניט וואָס איך האָב איהם געענטפערט. — „איהר זענט קראַנק, איהר זענט אליין זעהר קראַנק", — האָט ער געזאָגט, און האָט מיך גענומען ביים האַנט: —

„איהר האט היץ, איהר מאכט א תל פון זיך, איהר שאנעוועט ניט אייער געזונט; בארוהיגט אייך, לייגט זיך צו, און שלאפט איין. איך וועל אייך אויפוועקען אין צוויי שטונדע ארום, בארוהיגט זיך אביסעל... לעגט־זשע זיך, לעגט זיך!" — האט ער פארטגעזעצט, ניט געבענדיג מיר קיין געלעגענהייט אויסצורעדען א ווארט. די מיעדקייט האט איועקגערויבט ביי מיר די כוחות, די אויגען האבען זיך אליין פאר־מאכט פון שוואכקייט. איך האב זיך צוגעלייגט אין פאטער שטאל באשלאסען איינצושלאפען בלויז אויף א האלבער שעה, און אבגעשלאפען ביז אין דער פריה. פאקראווסקי האט מיך אויפגעוועקט בלויז דאן ווען ער איז צייט געווען צו געבען דער מאמען דעם רעצעפט. אויף מארגען, ווען איך האב זיך אביסעל אויסגערוהט בייטאג, האב איך זיך אויף דאס ניי צוגעגרייט צו זיצען ביי דער מאמעס בעט די נאכט, ענטשלאסען ניט איינצושלאפען דעם מאל. א זייגער עלף האט פאק־ראווסקי אנגעקלאפט אין אונזער טיר. איך האב געעפענט. — „אייך איז אומעטיג צו זיצען אליין" — האט ער געזאגט צו מיר: — „נאט אייך א בוך; אלץ וועט אייך ניט זיין אזוי אומעטיג". איך האב גע־נומען, איך געדענק ניט וואס דאס איז געווען פאר א בוך; איך האב דוכט מיר ניט אריינגעקוקט אין בוך, חאטש איך בין די גאנצע נאכט ניט געשלאפען. א מאדנע אינערליכע רעגונג האט מיך ניט געלאזט שלאפען; איך האב זיך ניט געקענט איינהאלטען אויף איין ארט: איך בין עטליכע מאל אויפגעשטאנען פון פאטער שטאל און ארומגע־גאנגען איבערן צימער. עפעס א מין אינערליכע צופריעדענהייט האט זיך צוגאסען איבער מיין גאנצען וועזען. מיך האט אזוי גע־פרעהט פאקראווסקעס אויפמערקזאמקייט. איך בין שטאלץ געווען מיט זיין אומרוהיגקייט און זארגען וועגען מיר. איך האב דורכגע־טראכט און דורכגעטרוימט די גאנצע נאכט. פאקראווסקי איז מעהר ניט אריינגעקומען און איך האב געוואוסט אז ער וועט ניט קומען און געפרובט ניט צפען וועגען דעם קומענדען אווענט.

אויף מארגען אויף דער נאכט ווען אלע אין הויז זענען איינ־געשלאפען האט פאקראווסקי געעפענט די טיר און גערעדט מיט מיר פון שוועל פון זיין צימער. איך געדענק ניט קיין איין ווארט דערפון וואס מיר האבען געזאגט איינע די אנדערע. איך געדענק בלויז אז איך האב מורא געהאט, זיך צומישט און גע'ברוגז'ט זיך אויף זיך

אליין, און מיט אונגעדולד געווארט אויפ'ן סוף פון אונזער געשפרעך. האטש איך האב דעם געשפרעך אליין אזוי מיט אלע כוחות געוואלט, און, א גאנצען טאג וועגען איהם געטרוימט, און אויסגעקלערט פראגען און אנטווארטען... דער אוועגט איז געווען דער אנפאנג פון אונזער פריינדשאפט. די גאנצע צייט וואס די מאמע איז געווען קראנק האבען מיר אלע נאכט פארבראכט אייניגע שטונדען צוזאמען. ביס־לאכווייז האב איך בייגעקומען מיין שעמעוודיגקייט, האטש נאך יעדען געשפרעך אונזערען האב איך נאך אלץ געהאט אורזאכען צו זיין אונ־צופריעדען מיט זיך. פונדעסטוועגען, האב איך מיט א פארבאהאל־טענער פרייד און מיט א שטאלצען פארגעניגען געזעהן אז צוליעב מיר האט ער פארגעסען זיינע אונערטרעגליכע ביכער. צופעליג איז א שפאס, האבען מיר איינמאל אין א געשפרעך בארירט, דאס פאלען פון די ביכער, פון פאליצע, דאס איז געווען א מאדנע מינוט עפעס בין איך צופיעל געווען אפענהערציג; א מין פייער און מאדנער עקסטאז האבען מיך פארכאפט, און איך האב זיך פאר איהם מודה געווען אין אלץ... איך האב זיך מודה געווען אין דעם אז איך האב זיך געוואלט לערנען אום וואס ניט איז וויסען. אז מיך האט פארדראסען וואס מען האלט מיך פאר א מיידעלע, פאר א קינד... איך ווידערהאל אז איך בין געווען אין א מאדנעם געמיט: מיין הארץ איז ווייך געווען, און אין די אויגען זענען געשטאנען טרערען, — איך האב קיין זאך ניט פארבאהאלטען און דערצעהלט אלץ, אלץ — פון מיין גאנצער פריינד־שאפט צו איהם, פון דעם פארלאנג איהם צו ליעבען, טרייסטען און בא־רוהיגען. ער האט אזוי מאדנע א קוק געטאן אויף מיר, צומישט מיט ער־שטוינונג, און האט מיר ניט געזאגט א ווארט. מיר איז מיט אמאל גע־ווארען גרויליך שווער. מיר האט זיך געדוכט אז ער פארשטעהט מיך ניט, און עס קאן זיין אז ער לאכט פון מיר. איך האב זיך מיט אמאל צואויינט ווי א קינד, צויאמערט, זיך ניט געקענט איינהאלטען, אזוי שטארק איז געווען דער אויסברוך. ער האט געכאפט מיינע הענט, האט זיי געקושט, און געדריקט זיי צו זיין ברוסט, מיר איינגערעדט, און געטרייסט: ער איז געווען שטארק גערירט. איך געדענק ניט וואס ער האט צו מיר גערעדט; אבער איך האב בלויז געלאכט און געוויינט, און האב ווייטער געוויינט, גערויטעלט זיך, און ניט געקענט א ווארט אויסריידען פון פרייד. דאך, ניט קוקענדיג אויף מיין אויפגערעגטע

צושטאַנד האָב איך באַמערקט אַז פּאָקראַווסקי האָט זיך געפילט אַבי־סעל פאַרשעמט און געצוואונגען. דאַכט זיך אַז ער האָט ניט געקענט זיך אַנחידוש'ן ווי איך בין פאַרכאַפּט מיט אַזאַ עקסטאַז, און שנעל געבאַקענע, היים־פייערדיגע פריינדשאַפט. עס קען זיין אַז פון אָנפאַנג האָט איהם בלויז גערעגט די נייגעריגקייט: אָבער שפּעטער איז פאַר־שוואונדען זיין אונענטשלאָסענהייט, און ער האָט פּונקט מיט אַזאַ דירעקטען און פּשוט'ען געפיל ווי איך גענומען מיין צוגעבונדענהייט צו איהם, אויף מיינע ליעבליכע ווערטער, מיין אויפמערקזאַמקייט האָט ער געענטפערט מיט דער זעלבער אויפמערקזאַמקייט, פּונקט אַזוי פריינדליך און ליעבליך, ווי איין אויפריכטיגער פריינד און אַן אייגענער ברודער. און אַזוי וואַרים איז געווען מיין האַרצען אַזוי גוט!... איך האָב דאָס ניט פאַרבאַהאַלטען, קיין סוד ניט געמאַכט דערפון; ער האָט דאָס אַלעס געזעהן און מיט יעדען טאָג זיך מעהר צו מיר צוגעבונדען, און באמת איך געדענק ניט וועגען וואָס נאָר מיר האָבען ניט איבערגערעדט מיט איהם אין אָט די שווערע און צו־יער זעלבער צייט זיסע שטונדען פון אונזערע באַגעגענישען ביינאַכט, ביי ציטערענדען שיין פון לעמפּעל כמעט ביים סאַמע בעט פון מיין אָרימער קראַנקער מוטער!... פון אַלעס וואָס איז געקומען אויפ'ן זינען, וואָס עס האָט זיך פון האַרצען געריסען און געבעטען אַרויס־זאָגען, — און מיר זענען כמעט גליקליך געווען... אַך דאָס איז געווען אַ טרויעריגע, און פרעהדיגע צייט, — צוזאַמען. און מיר איז יעצט אומעטיג און ליעב צו דערמאָנען זיך אָן יענער צייט. סיי פריידיגע, ביי ביטערע ערינערונגען זענען אימער שווער, אַלענפאַלס אַזוי איז דאָס ביי מיר; אָבער דאָס איז אַ ליעבע מאַטערניש. און ווען עס ווערט אַזוי שווער, דאָס האַרץ טוט וועה, עס ווערט אַזוי באַנג און נוגענדיג טרויעריג דאַן דערפרישען און באַלעבען דיך די ערינערונגען, ווי טראָפּען טוי אין אַ פייכטען אָוענט נאָך אַ הייסען טאָג באַלעבען און דערפרישען אַן אָרים פאַרשמאַכטעטע בלום, אַ פאַרברענטע פון דער בייטאָגיגער היץ.

די מאַמע האָט שוין אָנגעהויבען געזונט ווערען און איך פלעג נאָך אַלץ זיצען דורך די נעכט ביי איהר בעט. אָפט פלעגט מיר פּאָקראַווסקי געבען ביכער. פון אָנפאַנג האָב איך געלייענט אום ניט איינצושלאָ־פען, שפּעטער אויפמערקזאַמער און דערנאָך מיט דורשט. אונערוואַר־

טטע האָט זיך פאַר מיר געעפענט אַזוי פיעל נייע, ביז יעצט מיר אונבאַ־וואוסטע און אונבעקאַנטע נייע געדאַנקען. נייע געפיהלע האָבען אַ לאַז געטאָן צו מיין הארצען, און וואָס מעהר אויפרעגונג און ארבייט עס האָבען מיך געקאָסט די אויפנאַמע פון נייע איינדרי־קע, אַלץ ליעבער זענען זיי מיר געווען, און אַלץ מעהר האָבען זיי אויפ־געטרייסעלט מיין נשמה. צוזאַמען, מיט אַמאָל האָבען זיי זי אריינגעריסען אין מיין הארצען, ניט געבענדיג דעם הארץ קיין רוה. עפּעס אַ מין מאָדנער כאַאָס האָט אויפגערעגט מיין גאַנצען וועזען. אָבער אַט די גייסטיגע פּארגוואַלטיגונג איז ניט געווען אימשטאַנד צו ערשיטערען מיך אינגאַנצען. איך בין געווען צו אַ גרויסע טרוימעריי און דאָס האָט מיך געראַטעוועט.

ווען מיין מוטער איז געזונט געוואָרען, האָבען מיר זיך אויפגע־הערט צו טרעפען אין די אָווענדען און במילא האָבען זיך אויסגעלאָזט אונזערע לאַנגע געשפּרעכען. עס פלעגט זיך אונז איינגעבען פון צייט צו צייט אומבייטען מיט אַ וואָרט, מעהרסטענס אַ פוסטען און אונבאַדיי־טענדען, אָבער מיר פלעגט ליעב זיין צו געבען צו אַלעם מיין אייגענע באַדייטונג און ווערט. מיין לעבען איז געווען פול, איך בין געווען גליק־ליך, גליקליך און אַזוי רוהיג און שטיל. אַזוי זענען אַוועק עטליכע וואָ־כען...

אַמאָל איז אריין צו אונז דער אַלטער פּאָקראָווסקי. ער האָט לאַנג געפּלאַפּעלט מיט אונז און איז געווען אויסער געוועהנליך באַריידעוו־דיג מונטער און פרעהליך; ער האָט געלאַכט, זיך געוויצעלט אויף זיין שטייגער. און אַם ענדע האָט ער ערקלערט דעם סוד פון זיין פרייד: אין אַ וואָך ארום וועט זיין פּעטינקעס געבורטסטאַג. צוליעב דער פּאַ־סירונג וועט ער געוויס קומען צו זיין זוהן; ער וועט אָנטאָן זיין נייע זשילעטקע, און דערצו האָט נאָך זיין ווייב איהם פאַרשפּראָכען צו קויפען נייע שטיוועל. מיט איין וואָרט דער אַלטער איז פאָלקאָם גליק־ליך געווען און האָט געפּלאַפּעלט וועגען אַלץ וואָס עס איז איהם געקו־מען אויפ׳ן זין.

זיין געבורטס־טאָג! אַט דער געבורטס־טאָג האָט מיך ניט אָפּ־געלאָזען ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט. איך האָב באַשלאָסען אונבאַ־דינגט צו דערמאָנען איהם וועגען מיין פריינדשאַפט און שענקען איהם וואָס ניט איז. אָבער וואָס, אַם ענדע האָב איך אויסגעקליבען צו קוי־

פען ביכער פאַר מיין מתנה. געוואוסט האָב איך אז עס ווילט זיך איהם זעהר האָבען א פולע זאַמלונג פון פושקינס שריפטען פון דער לעצטער אויסגאַבע, און איך האָב באַשלאָסען צו קויפען פושקינ'ען. איך האָב פאַרמאָגט מיינע אייגענע געלט ביי 30 רובעל, פאַרדיענט פון האַנט־אַרבייט. דאָס געלט איז געווען ביי מיר אָפּגעלעגט פאַר א נייער קלייד. איך האָב גלייך אַוועקגעשיקט אונזער קוכען, די אַלטע מאַטראָנע אויסצוגעפינען וויפיעל עס קאָסט פושקינ'ס געזאַמעלטע ווערק. און אָט א צרה! די פּרייז פון אַלע עלף ביכער צוזאַמען מיט'ן בינדען האָט אָנגעטראָפען אַמווייניגסטען 60 רובעל. וואו נעהמט מען געלט? איך האָב געקלערט און געטראַכט, און ניט געוואוסט אויף וואָס זיך צו באַשליסען. בעטען ביי דער מאַמען האָט זיך ניט געגלוסט. איך צווייפעל ניט אז די מאַמע וואָלט מיר אַרויסגעהאָלפען; אָבער דאַן וואָלטען אַלע געוואוסט וועגען אונזער מתנה. די לעצטע וואָלט זיך פאַרוואַנדעלט אין א מין דאַנק, אָדער בעסער געזאָגט לוין פאַר דעם גאַנצען יאָהר אַרבייט וואָס פּאָקראָווסקי האָט געאָפּפערט פאַר מיר. אָבער פאַר זיין מיה בנוגע צו מיר, האָב איך געוואָלט בלייבען איהם אַן אייביגער בעל־חוב אָהן יעטוועדער געצאָהלט, אויסער מיין פריינדשאַפט. צום סוף האָב איך דאָך געפונען אַן אויסוועג פון מיין שווערער לאַגע.

איך האָב געוואוסט אז אויפ'ן גאַסטינע־הויף ביי די בוקוניסטען קען מען קויפען א בוך אָפּט א געניצטען, אָבער כמעט אינגאַנצען א נייעם פאַר האַלב געלט, אויב מען זאָל זיך גוט דינגען. איך האָב באַשלאָסען אומבאַדינגט צו געהן אין „גאַסט־הויף". אַזוי איז געווען. אויף מאָרגען האָט געטראָפען א נויטווענדיגקייט סיי ביי אונז, סיי ביי אַנאַ פיעדראָוונאַ צו קויפען עטוואָס, די מאַמע האָט זיך געפיהלט ניט געזונט, אַנאַ פיעדראָוונאַ האָט זיך געפוילט, אַזוי אַז אַלע שליחות זענען אַרויפגעלעגט געוואָרען אויף מיר, און איך בין אַוועק מיט מאַטראָנען.

צו מיין גליק האָב איך גאַנץ שנעל געפונען פושקינ'ען, און דערצו זעהר שעהן געבונדען. איך האָב זיך אָנגעהויבען דינגען. אין אַנפאַנג האָט מען געבעטען מעהר ווי פאַר א נייעם, אָבער שפּעטער מיט שוועריגקייטען, און עטליכע מאָל אַוועקגעהן האָט דער סוחר אַראָפּגעלאָזען פון פּרייז און באַגרענצט זיינע פאָדערונגען מיט 35 רובעל. אַ, ווי פרעהליך עס איז מיר געווען זיך צו דינגען! — די אָרימע

מאַטראַנע האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס טוט זיך דאָס דאָ מיט מיר, און נאָך וואָס איז מיר איינגעפאַלען צו קויפען אַזוי פיעל ביכער. אבער, אַ, גאָט, מיין גאַנצער קאַפּיטאַל איז געווען 30 רובעל, און דער סוחר האָט ניט געוואָלט אוועקגעבען ביליגער ווי 35, באין אופן. צום סוף האָב איך גענומען איינערדען און געבעטען, און אם ענדע איינגעבעטען. ער האָט אַראָפּגעלאָזען, אבער ניט מעהר, ווי צוויי און אַ האַלב. דער־ביי האָט ער זיך געשוואוירען, אַז דאָס טוט ער אויסשליסליך צוליעב מיר, ווייל איך בין אַזאַ וואוילע מיידעל, פאַר קיין אַנדערען וואָלט ער דאָס בפירוש ניט געטאָן. 2.50 האָט ניט געסטייעט. איך בין גרייט געווען צו וויינען פון פאַרדרוס. נאָר אַן אונערוואַרטעטער צופאַל האָט מיר געהאָלפען אין מיין פיין.

ניט ווייט פון זיך, ביי אַ צווייטען טיש האָב איך דערזעהן דעם אַלטען פּאַקראַווסקי. אַרום איהם האָבען זיך געדרעהט 4—5 בוקי־ניסטען, און איהם אַראָפּגעפיהרט פון וועג און איינגאַנצען צודרעהט. יעדער פון זיי האָט איהם פאַרגעשלאָגען זיין סחורה, און גאָט מיינער וואָס נאָר וואָס האָבען זיי איהם ניט דערלאַנגט, און וואָס נאָר וואָס איז ער ניט באַרייט געווען צו קויפען. איך בין צוגעגאַנגען צו איהם און האָב איהם געפרעגט וואָס טוט ער דאָ? דער אַלטער האָט זיך שטאַרק דערפרעהט מיט מיר, ער האָט מיך שטאַרק ליעב געהאַט, אפשר ניט ווייניגער, ווי פּיעטינקען. — ביכער קויף איך פאַר פּיע־טינקען — האָט ער מיר געענטפערט. אַט קומט זיין געבורטס־טאָג אינ־גיכען און ער האָט אַזוי ליעב ביכער, אַזוי אַז איך קויף דאָס פאַר איהם".

דער אַלטער פלעגט שטענדיג קאַמיש ריידען, און יעצט ספּעציעל ויען ער איז געווען אַזוי צומישט. אויף וואָס ער האָט ניט געפרעגט איז אַלץ געווען אַ רובעל, צוויי, צו קיין גרויסע ביכער אַז ער שוין ניט צוגע־גאַנגען, און בלויז געקוקט אויף זיי מיט קנאה. ניין, ניין, דאָס איז טייער, — האָט ער שטיל געשעפּטשעט, — סיידען עפּעס פון דאַנטע — און דאָ האָט ער גענומען דורכקוקען דינינקע העפטען, אַלמאַנאַ־כען און געזאַמעלטע ליעדער. דאָס אַלעס איז געווען ביליג — „נאָר וואָס קויפט איהר דאָס אַלעס? — האָב איך געפרעגט ביי איהם, — דאָס אַלעס איז אַזוי ניט וויכטיג און אַזעלכע גרויסע נאַרישקייטען..." —

— „אַך ניין, ניין, איהר גיט נאָר אַ קוק ס'אַרא מין גוטע ביכלאַך דאָס

זענען: זעהר, זעהר גוטע ביכלאך!" — האט ער אויסגעצויגען זינגענ־דיג, און אזוי בעטענדיג אז מיר האט זיך געדוכט אז ער איז גרייט זיך צואווייגען פון פארדרוס. ווארום זענען גוטע ביכער טייער. איך האב איהם געפרעגט צי האט ער א סך געלט? — „אט איז ־אם" — האט דער ארימינקער ארויסגענומען זיין גאנצע פויטעקע. פארזייקעלט אין א פארשמאלצעוועטער צייטונג, אט איז א האלבער רובעל און צוואנציג קאפיקעס, און מעש א צוואנציג קאפיקעס" — איך האב איהם באלד פארשלעפט צו מיין בוקעניסט. — „אט זענען די גאנצע עלף ביכער וואס קאסטען איינגאנצען 32½ רובעל, איך האב דרייסיג, דערלעגט אייער 2.50 און מיר וועלען קויפען די ביכער און זיי שענ־קען צוזאמען". — דער אלטער איז שיעור משוגע געווארען פון פרייד. ער האט אויסגעשאטען זיין גאנצע געלט, דער בוקוניסט האט איהם אנגעלאדען מיט אונזער אלגעמיינער ביבליאטעק. מיין אלטינקער האט אנגעלענט אלע קעשענעס פול מיט ביכער, גענומען זיי אונטער די ארעמס און אין די הענט. ער האט אלע ביכער אוועקגעטראגען צו זיך, געבענדיג מיר דערביי דאס ווארט, אז ער וועט זיי שטילינקערהייד ברייננען מארגען צו מיר.

אויפ'ן צווייטען טאג איז דער אלטער געקומען צום זוהן און ווי געוועהנליך פארבראכט ביי איהם א שטונדע, דערנאך איז ער אריין צו אונז און האט זיך צוגעזעצט צו מיר אזוי קאמיש סודות'דיג. מיט א שמייכעל, דייבענדיג די הענט פון דעם שטאלצען פארגעניגען וואס ער באזיצט א סוד, איז ער מיר מודיע געווען אז אלע ביכער זענען אונ־באמערקבאר אריבערגעטראגען געווארען צו אונז און שטעהען אין קיך אין א ווינקעל, אונטער מאטראנא'ס שויס. דערנאך איז נאטירליכער־ווייזע דער געשפרעך אריבער אויף דעם ערווארטעטען יום טוב. דער אלטער האט זיך צושפרייט און פארטיפט אין דער טעמא, ווי אזוי מיר וועלען שענקען, וואס מעהר ער האט גערעדט אלץ קלארער איז פאר מיר געווארען, אז ער האט עפעס אויפ'ן הארצען, וואס איז איהם זעהר שווער ארויסצוזאגען, אפילו מיר. איך האב אלץ געשוויגען און געווארט. דער פארבאהאלטענער פארגעניגען, אז איך קען לייענען עטוואס וואס איז זיין נשמה, דורך אלע גרימאסען און משוגענע תנועות איז פארשוואונדען, ער איז מיט יעדען מינוט געווארען אונרו־היגער און טרויעריגער; צום סוף האט ער ניט אויסגעהאלטען.

— „הערט זיך איין, — האָט ער ניט געוואָגט און שטיל אָנגע־הויבען, — הערט זיך איין, ווארוואַרא אַליעקסיעיעוונא... ווייסט איהר וואָס ווארוואַ אַליעקסיעיעוונא?... — ער האָט זיך געפיהלט מורא'־דיג פארלאָרען — זעהט איהר ווען עס וועט קומען דער טאָג פון זיין געבורטסטאָג, נעהמט צעהן ביכער און שענקט איהם אַליין. דאַן וועל איך נעהמען בלויז איינעם, דעם עלפטען, און וועל איך דאָס שענקען פון זיך, אַזוי וועט איהר האָבען עפּעס צו שענקען און איך אויך.—דאַ האָט זיך דער אַלטער צומישט און איז אַנטשוויגען געוואָרען. איך האָב אַ קוק געטהאָן אויף איהם און ער האָט מיט אַ שוואַכען ציטער געוואָרט אויף מיין אורטייל. — ווארום ווילט איהר, זאַכאַר פּעטראָוויטש, אַז מיר זאָלען מאַכען אונזער חתונה ניט אײנאײנעם?" — „אַזוי, וואַר־וואַרא אַלעקסיעיעוונא, דאָס איז אַזוי זיך... און דאָך, איז דאַ עפּעס.— מיט איין וואָרט, דער אַלטער האָט זיך צומישט, איז רויט געוואָרען און האָט זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט.

— פאַרשטעהט איהר, — האָט ער אָם ענדע ערקלערט, — איך גיב זיך צייטענווייז נאָך. באַלעווע זיך... איך מוז אייך זאָגען, אַז איך באַלעווע זיך אַלץ, אימער באַלעווע איך זיך, און טו אַלץ אַזעלכע ניט קיין גוטע זאַכען... דאָס הייסט, ווייסט איהר, אַז אין דרויסען זענען אַזעלכע קעלטען, אַמאָל טרעפען אַזוי פאַרשידענע אונאַנגענעהמליכ־קייטען, אָבער עס ווערט גלאַט אַזוי אומעטיג, אָדער עס טפּרעט עט־וואָס ניט גוטעס, קען איך זיך ניט אָנהאַלטען און טרינק אויס אַז איבעריג גלעזעל.

דאָס איז פּעטרושען זעהר אונאַנגענעהם און ער, פאַרשטעהט איהר מיך, ווארוואַרא אַליעקסיעיעוונא, כעס'ט זיך, זידעלט מיך און לייענט מיר פאַרשידענע מאָראַלען. אָט ווילט זיך מיר איהם דערווייזען מיט מיין מתנה, אַז איך וועל בעסער, און פיר זיך אויף גוט. אָט האָב איך געקליבען אום צו קויפען אַ ביכעל. איך האָב לאַנג געקליבען, ווייל איך האָב כמעט קיינמאָל קיין געלט ניט, סיידען עס טרעפט אַז פּעטרושאַ גיט מיר וויפיעל ניט איז. ער ווייסט דאָס. אַזוי אַז ער וועט אַליין זעהן וואָס איך טו מיט מיינע געלט, און ער וועט זיך דער־ווייסען אַז דאָס טו איך בלויז פאַר איהם אַליין. איך האָב גרויס רחמנות באַקומען אויפ'ן אַלטען. איך האָב ניט לאַנג געטראַכט. דער אַלטער האָט אונרוהיג געקוקט אויף מיר. „זאַכאַר פּעטראָוויטש,

הערט זיך איין, — האָב איך געזאָגט — אַלע שענקט איהר זיי איהם".
— ווי אזוי אַלע? — אַלע ביכער הייסט עס? — נו יא, אַלע ביכער, און פון זיך אליין? איהר מיינט פון מיין אייגענעם נאָמען? יא, פון אייער אייגענעם נאָמען. איך האָב, דוכט זיך, מיר אזוי קלאָר איהם ער־קלערט, נאָר דער אַלטער האָט מיך זעהר לאַנג ניט געקענט פאַר־שטעהן.

— נו, יא, האָט ער געערדט פאַרטראַכט, — יא! דאָס וואָלט זעהר און זעהר גוט געווען. אבער, ווי וועט איהר אויסקומען וואַרוואַרא אַליעקסיעיעוונא? איך וועל גאָרניט ניט שענקען". — וואָס! — האָט אויסגעשריען דער אַלטער, כמעט דערשראָקען: — וועט איהר פעטינקען גאָרניט ניט שענקען, אזוי, איהר ווילט איהם גאָרניט ניט שענקען? דער אַלטער האָט זיך דערשראָקען, און איז געווען גרויס אין דער מינוט, זיך אינגאַנצען אָפּצוזאָגען פון זיין פאַרשלאַג, אום כדי איך זאָל קענען מיט וואָס ניט איז באַשענקען זיין זון. א גוטער איז געווען אָט דער אַלטער! איך האָב איהם פאַרזיכערט אז איך וואָלט מיט פאַרגעניגען געשאָנקען איהם וואָס ניט איז, אבער איך וויל ניט צו־נעהמען זיין פרייד. — אויב אייער זון וועט זיין צופריעדען, און איהר וועט זיך פרעהען, האָב איך צוגעגעבען, וועל איך זיך אויך פרעהען אין דער שטיל, ווייל טיעף אין מיין הארצען וועל איך פיהלען, אז אין דער אמת'ן האָב איך דאָס געשאָנקען די מתנה". — דאָס האָט איז גאַנצען בארוהיגט דעם אַלטען. ער האָט פאַרבראַכט ביי אונז נאָך צוויי שטונדען. די גאַנצע צייט האָט ער ניט געקענט איינזיצען אויף אַן אָרט, אויפגעשטאַנען, זיך געדרעהט, געטומעלט, געשטיפּט מיט סאַ־שען. געקושט מיך, גע'גנב'עטרהייד, אין האַנט, געמאַכט גרימאַסען צו אננאַ פיעדראָוונא. אָם ענדע האָט איהם אננאַ פיעדראָוונא ארויס־געטריבען פון הויז. מיט איין וואָרט פון עקסטאַז האָט זיך דער אַלטער אזוי צושפּיעלט ווי נאָך קיינמאָל ניט פריהער.

אין דעם געהויבענעם טאָג איז ער געקומען פונקט עלף, גלייך פון דעם פריהמאַרגען געבעט אין קלויסטער, אין א שעהן פאַריכטען פראַק, און ווירקליך אין א נייעם זשילעט און נייע שטיוועל. אין ביידע הענט האָט ער געטראָגען צו בינטלאך ביכער. מיר זענען אַלע געזעסען ביי אננא פיעדרוונא אין פאַרלאָר און געטרונקען קאַפע. (דאָס איז גע־ווען זונטאָג). דער אַלטער האָט, דאַכט זיך, אנגעהויבען דערפון. וואָס

פושקין איז געווען זעהר א גוטער פערזען־שרייבער. דערביי האט ער זיך גלייך צומישט, און איז מיט אמאל אריבער דערויף אז מען דארף זיך גוט אויפפיהרען, און אז א מענש האלט זיך ניט גוט, הייסט עס אז ער ווערט צולאזען; און דאן מאכען די שלעכטע נייגונגען א תל, פארניכטען איהם אינגאנצען. ער האט אפילו אויסגערעכענט אייניגע שלעכטע מוסטערען פון ניט איינגעהאלטענקייט, און פארענדיגט האט ער דערמיט אז פון א געוויסער צייט האט ער זיך אינגאנצען אויס־געהיילט פון זיינע שלעכטע תאוות, און יעצט האלט ער זיך זעהר גוט. ער האט פארזיכערט אז אויך אמאל האט ער געפיהלט די גאנצע גערעכטיגקייט פון זיין זוהן'ס רייד, אז ער האט דאס שוין לאנג גע־פיהלט, און געקליבען דאס אין הארצען, אבער איצט האט ער זיך ווירקליך אנגעהויבען איינהאלטען. אלס באוויז שענקט ער איצט ביי־כער זיין זוהן פאר געלט. וועלכע ער האט אנגעקליבען אין א משך פון א לאנגער צייט.

איך האב זיך ניט געקענט אפהאלטען פון טרערען און געלעכטער הערענדיג דעם ארימען אלטען. אט האט ער דאך געקענט אזוי פיעל אנלייגען ווען עס איז געווען נויטיג! די ביכער האט מען איבער־געטראגען צו פאקראווסקי'ן אין צימער און אוועקגעשטעלט אויף דער פאליצע. פאקראווסקי האט גלייך פארשטאנען דעם אמת. מען האט איינגעלאדען דעם אלטען צו מיטאג. אין דעם טאג זענען מיר אלע געווען אזוי פרעהליך. נאך מיטאג האבען מיר געשפיעלט אין פאנדעס און אין קארטען.

סאשא האט געקאמאנדעוועט און געשטיפט און איך בין ניט אפ־געשטאנען פון איהר. פאקראווסקי איז געווען אויפמערקזאם צו מיר און האט געזוכט די געלעגענהייט ריידען מיט מיר אויג אויף אויג, נאר איך האב זיך ניט געלאזען. דאס איז געווען דער בעסטער טאג אין די גאנצע פיער יאהר פון מיין לעבען. דאן קומען אלץ אזעלכע אומע־טיגע און שווערע ערינערונגען. עס הויבט זיך איצט אן די געשיכטע פון מיינע שווארצע טעג. אט דערפאר ווייזט אויס הויבט אן מיין פען זיך ריהרען לאנגזאמער, אט פונקט ווי זי וואלט זיך אפזאגען צו שרייבען ווייטער. צוליעב דעם קען זיין, האב איך מיט אזא אימפעט און ליעבע אזוי אויספיהרליך דערמאנט די אונבאדייטענסטע גליקליכע טעג פון מיין קליינינקען לעבען. יענע טעג זענען געווען אזוי קורץ; און

צרות, פיין און אנגסט האבען אומגעביטען יענע גליקליכע טעג, צרות וועלכע איין גאט ווייס ווען עס וועט קומען צו זיי א סוף.

מיינע אומגליקען האבען זיך אנגעהויבען מיט פאקראווסקים קראנקהייט און טויט. ער איז קראנק געווארען אין א פאר מאנאטען ארום נאך אט די פריהער באשריבענע פאסירונגען. אין די צוויי מאנאטען האט ער אונערמיעדליך געזוכט מיטלען צו לעבען. ווייל ביז אהער איז זיין לאגע געווען אונבעשטימט. ווי אלע טשאכאטאצנע האט ער זיך ביז דער לעצטער מינוט ניט צושיידט מיט דער האפנונג לאנג צו לעבען. ער האט געקענט קריגען ערגעץ א אמט פון א לעהרער. אבער ער האט פארהאסט לעהרעריי. צו ארבייטען ערגעץ אין א רעגיערונגס־ביוראָ האט ער ניט געקענט צוליעב זיין שוואכען געזונט. דערצי האט מען נאך לאנג געמוזט וואַרטען פאר דעם ערשטען געהאלט פון אזא שטעל. קורץ, פאקראווסקי האט איבעראל געזעהן בלויז מיספאלגען; זיין כאראקטער איז אלץ ערגער געווארען. ער האט געבראכען זיין געזונט און האט דאס ניט געמערקט. עס איז געקומען הערבסט. יעדען טאג פלעגט ער ארויסגעהן אין זיין דינינקען יוניפארם מאנטעל, אום צו באזארגען זיינע געשעפטען, — בעטלען, אויסבעטלען פאר זיך ערגעץ וואו א פלאץ; דאס האט איהם געמאטערט; ער פלעגט פארנעצען די פיס זיך, ווייקען אונטער׳ן רעגען, ביז ער האט זיך אריינגעלעגט אין בעט, פון וועלכער ער איז שוין מעהר ניט אויפגעשטאנען. געשטארבען איז ער אין טיעפען הערבסט אין ענדע פון אקטאבער.

איך האב כמעט ניט פארלאזען זיין צימער אין דער גאנצער צייט פון זיין קראנקהייט. איך בין ארומגעגאנגען ארום איהם און איהם באדיענט. אפט פלעג איך גאנצע נעכט וויינען. ער איז זעלטען געווען ביים פארשטאנד. ער פלעגט אפט רעדען פון היץ: גערעדט האט ער גאט ווייס וואס; וועגען זיין שטעלע, וועגען זיינע ביכער, וועגען מיר און וועגען זיין פאטער... דא האב איך זיך דערוואוסט פון פיעלע אומ־שטענדען וועגען וועלכע איך האב פריהער ניט געוואוסט און זיך אפילו ניט אנגעשטויסען. די ערשטע צייט פון זיין קראנקהייט האבען אלע מאדנע געקוקט אויף מיר, און אנא פיעדראָוונא האט אלץ געשאקעלט מיט׳ן קאפ, אבער איך האב אלעמען גלייך געקוקט אין די אויגען, און דער פאראורטייל געגען מיין מיטגעפיהל צו איהם איז פארשוואונ־דען, הויפטזעכליך פון מיין מוטער.

אמאָל פלעגט פּאקראַווסקי מיך דערקענען, דאָס פלעגט טרעפען זעהר זעלטען, ווייל ער איז כמעט די גאַנצע צייט געווען באוואוסטלאָז. אמאָל פלעגט ער גאַנצע נעכט לאַנג לאַנג מיט אימיצען רעדען, מיט אונקלאַרע דונקעלע ווערטער, און זיין הייזעריגער שטים פלעגט אָפּקלינגען אין זיין איינגען צימער ווי אין א קבר; מיך פלעגט דאַן ארומכאַפּען א שרעק. באַזונדערס אין דער לעצטער נאכט איז ער געווען אזוי ווי א צעדולטער. ער האָט מורא'דיג געליטען און געביינקט: זיינע קרעכצען האָבען געריסען די נשמה. אלע אין הויז זענען געווען אין גרוים שרעק. אַנאַ פיעדראָוונאַ האָט אַלץ גאָט געבעטען, אז ער זאָל איהם גיכער צונעמען. מען האָט געבראַכט דעם דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט אז דער קראַנקער וועט געוויס שטאַרבען ביז אין דער פריה.

דער אלטער פּאַקראַווסקי האָט די גאַנצע נאכט פאַרבראַכט אין קאָרידאָר, ביי דער טיר פון זיין זוהנ'ס צימער; אויף איהם איז א שרעק געווען צו קוקען. ער איז געווען אזוי דערשלאָגען פון פּיין, אז ער האָט אויסגעזעהן ווי אַן אונזיניגער מאַניאַק. דער קאָפּ האָט זיך איהם געטרייסעלט פאַר שרעק. ער האָט אינגאַנצען געציטערט, און געשעפּטשעט פאַר זיך, וועגען עפּעס געשמועסט מיט זיך אליין. מיר האָט זיך געדוכט, אז ער וועט משוגע ווערען פון צרות.

פאַרטאָג איז דער אלטער, א מיעדער פון טיעפען נשמה־וועטאָג איינגעשלאָפען אויף דער ראַגאַזשקע, ווי א דער'הרג'עטער. ארום אכט אין דער פריה האָט זיך אַנגעהויבען די אַגאָניע פון זיין זוהן און איך האָב אויפגעוועקט דעם פאָטער. פּאַקראַווסקי איז געווען ביים פולען באוואוסטזיין. ער האָט זיך געזעגענט מאָדנע, איך האָב ניט געווײנט; נאָר מיין נשמה האָט זיך צוריסען אויף שטיקלאַך.

נאָר מעהר פון אלץ זענען מיר דערגאַנגען זיינע לעצטע מינוטען. ער האָט אלץ עפּעס געבעטען, מיט א פאַרדרעהטען צונג און איך האָב ניט געקענט פאַרשטעהן זיינע ווערטער, מיין הארץ האָט זיך ממש געריסען פון וועהטאָג. א גאַנצע שעה איז ער געווען אונרוהיג, האָט נאָך עפּעס געבענקט, האָט זיך אלץ באַמיהט צו געבען א צייכען מיט די אָפּגעקיהלטע הענט, דערנאָך האָט ער ווייטער אָנגעהויבען בעטען מיט א בעטענדער הייזעריגער טויבער שטימע; נאָר זיינע ווערטער זענען געווען ניט קיין פאַרבונדענע קלאַנגען, און איך האָב ווייטער גאָר ניט געקענט פאַרשטעהן. איך האָב צוגעפיהרט צו איהם אלע אונזערע,

איהם געגעבען טרינקען, נאָר ער האָט אַלץ טרויעריג אַזוי געדרעהט מיט'ן קאָפּ אויף ניין. אם ענדע האָב איך געכאַפּט וואָס ער וויל. ער האָט געבעטען אויפהויבען דעם פאָרהאַנג פון פענסטער און עפענען די לאָדען. איהם האָט זיך געוויס געגלוסט צום לעצטען מאָל א בליק טאָן אויף דעם טאָג, גאָטס וועלט און דער זון. איך האָב פאַררוקט דעם פאָרהאַנג; אבער דער אַנקומענדער טאָג איז געווען אזא טרויעריג און מעטיגער, פונקט ווי דאָס גוסס'דיגע לעבען פון דעם שטאַרבענדען. די זון איז געווען... די וואָלקענס האָבען, ווי א געדיכטער שלייער פאַר־דעקט דעם הימעל, וועלכער איז געווען אזוי רעגענדיג כמורנע און טרויעריג. א דריבנער רעגען האָט געקלאַפּט אין די פענסטער און האָט זיי באַגאָסען מיט שטראָמען פון קאַלטען און שמוציגען וואַסער; עס איז געווען גרוי און פינסטער. אין צימער האָבען זיך קוים קוים דורכ־געשלאָגען די שטראַהלען פון א בלאַסען טאָג, וואָס האָבען קוים פאַר־דונקעלט די ציטערענדע שיין פון לעמפּעל, וואָס האָט געברענט פאַר'ן הייליגען בילד. דער שטאַרבענדער האָט א קוק געטאָן אויף מיר אזוי אומעטיג. — טרויעריג האָט ער א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און אין א מינוט ארום איז ער געשטאָרבען.

די לויה האָט אַנאַ פיעדראָוונאַ אליין באַזאָרגט. זי האָט געקויפט א פּראָסטע טרונע און געגומען א פוהרעל וואָס מען פיהרט מאַסע. אום צו זיין זיכער מיט די אויסגאָבען האָט אַנאַ פיעדראָוונאַ פאַרכאַפּט אַלע ביכער פון דעם פאַרשטאָרבענעם. דער אַלטער האָט זיך מיט איהר געקריגט, געטומעלט און צוגענומען ביי איהר אזוי פיעל ביכער, וויפיעל ער האָט נאָר געקענט. ער האָט אַנגעפּאַקט מיט זיי די קעשענעס אריינגעלעגט אפילו אין היטעל, איבעראַל וואו ער האָט נאָר געקענט און האָט זיך ארומגעטראָגען מיט זיי אַלע דריי טעג; ער האָט זיך ניט צושיידט מיט זיי אפילו דאַן, ווען מען האָט באַדאַרפט געהן אין קלויס־טער. אין די אַלע טעג איז ער געווען ווי א צודרעהטער און באַוואוסט־לאָזער מענש, מיט א מאָדנע געפיהל האָט ער זיך אַלץ גע'עסק'ט ארום דער טרונע, מען האָט געקענט זעהן, אז זיינע געדאַנקען קען ער אויף קיין זאַך ניט אָפּשטעלען ווי געהעריג. ניט די מאַמע, ניט אַנאַ פיעד־ראָוונאַ זענען געווען אין קלויסטער. די מאַמע איז געווען ניט געזונט. און אַנאַ פיעדראָוונאַ איז שוין גאָר גרייט געווען צו געהן, מיט אַמאָל האָט זי זיך געזעגענט מיט'ן אַלטען פּאָקראָווסקי'ן און איז געבלי־

בען אין דער היים. אזוי אז בלויז איך מיט'ן אלטען זענען געווען אין קלויסטער, אין דער צייט פון געבעט איז אויף מיר אנגעפאלען א מורא, ווי א מין פארגעפיהל פאר דער צוקונפט. איך בין קוים אויסגעשטאנען אין קלויסטער. — צום סוף האט מען די טרונע פארמאכט, פארשלאגען, אוועקגעשטעלט אויפ'ן וואגען און אוועקגעפיהרט. איך האב איהם באגלייט בלויז ביז'ן סוף פון גאס. דער פוהרמאן האט גענומען פאהרען שנעלער און דער אלטער איז איהם נאכגעלאפען און האט געוויינט; זיין געוויין האט געציטערט און זיך איבערגעריסען פון לויפען. דער ארימער האט פארלארען זיין היטעל און האט זיך ניט אפגעשטעלט דאס אויפהויבען. די קאפ האט געווייקט פון רעגען; עס האט זיך אויפגעהויבען א ווינט; דאס פרעסטעל האט געשניטען און געשטאכען אין פנים. דער אלטער האט, דוכט זיך, ניט געפיהלט דעם מורא'דיגען וועטער און איז מיט געוויין אריבערגעלאפען פון איין זייט וואגען אויף דער אנדערער. די פאלעס פון זיין אוראלטען סערטון האבען זיך צוועהט פון ווינט ווי פליגעל. פון אלע זיינע קעשענעס האבען געשטירצעט ביכער, אין די הענט האט ער געהאלטען א גרויסען בוך, פאר וועלכען ער האט זיך שטארק געהאלטען. פארבייגעהענדע האבען געצויגען די היטלען און זיך גע'צלמ'ט. אנדערע האבען זיך אפגעשטעלט און זיך געוואונדערט אויף דעם ארימען אלטען. ביכער זענען אלע ווייל ארויסגעפאלען פון זיינע קעשענעס אין בלאטע. מען האט איהם אפגעשטעלט, איהם אנגעוויזען זיין פארלוסט. ער פלעגט דאס אויפהויבען און זיך ווידער לאזען דעריאגען די טרונע. אויף דעם ווינקעל פון גאס האט אן אלטע שנארערין צוגעקומען צו באגלייטען דעם פערשטארבענעם. דער וואגען האט זיך פארקערעוועט און איז פארשוואונדען פון מיינע אויגען. איך בין אוועק אהיים, מיט א מורה'דיגער ביינקשאפט בין איך ארויפגעפאלען אויף דער מאמעס ברוסט, איך האב שטארק ,שטארק זי ארומגענומען מיט מיינע הענט, זי געקושט און יאמערליך געוויינט. איך האב זיך מיט פחד געטוליעט צו איהר, אזוי פונקט ווי איך וואלט וועלען מיט מיינע אומארמונגען ניט דערלאזען צו עטוואס שלעכטעס, און געשטרעבט ניט אוועקצוגעבען דעם טויט דעם לעצטען פריינד מיינעם... אבער דער טויט איז שוין געשטאנען איבער מיין ארימער מוטער.

דעם 11טען יוני.

ווי דאַנקבאַר איך בין אייך, מאַקאַר אַלעקסיעיעוויטש פאַר'ן נעכטיגען שפּאַציר אויף די אינזלען! ווי גוט, פריש און גרין עס איז דאָרטען! איך האָב שוין אַזוי לאַנג קיין גרינס ניט געזעהן; — ווען איך בין געווען קראַנק האָט זיך מיר אַלץ געדוכט, אַז איך מוז, און וועל אונבאַדינגט שטאַרבען; שטעלט זשע זיך פאַר וואָס און ווי אַזוי איך האָב געמוזט נעכטען פיהלען. זייט ניט בייז אויף מיר, וואָס איך בין נעכטען געווען אַזאַ טרויעריגע, מיר איז געווען זעהר גוט, זעהר לייכט. אָבער אין די בעסטע מינוטען מיינע איז מיר שטענדיג אַזוי אומעטיג, און דאָס וואָס איך האָב געוויינט, דאָס איז געווים א קליי-ניקייט: איך ווייס אַליין ניט פון וואָס איך וויין. איך פיהל זיך זעהר געערגערט, און קרענקליך זענען מיינע איינדריקע.

א וואָלקענסלאָזער בלאַסער הימעל, דער זונען-אונטערגאַנג, די אָווענט-שטילקייט, — דאָס אַלעס, — איך ווייס ניט וואָס, — אָבער איך בין נעכטען געווען געשטימט אויפצונעהמען אַלע איינדריקע שווער, מיט וועהטאָג, אַזוי אַז דאָס הארץ האָט זיך איבערפילט און די נשמה האָט געבעטען טרערען. אָבער וואָרום שרייב איך דאָס אַלעס צו אייך? שווער דערצעהלט דאָס זיך אַלעס צו אייער אייגענעם הארצען, און איבערצודערצעהלען איז נאָך שווערער. עס קען זיין, אַז איהר וועט מיך פאַרשטעהן — סיי, דעם אומעט, סיי דעם געלעכטער! ס'אַרא מין גוטער איהר זענט דאָס, באמת, א גוטער, מאַקאַר אַלעק-סיעיעוויטש! נעכטען האָט איהר מיר אַזוי געקוקט אין די אויגען אום איבערצולייענען דאָס וואָס איך פיהל, און זענט באַגייסטערט געוואָרען פון מיין עקסטאַז. דאָרט א קליינינקער שטאָם, אַז אַלעע, דאָ א פאַס וואַסער, און איהר זענט שוין דאָ; שטעהט געגען מיר און פוצט זיך. און קוקט מיר אַלץ אַריין אין די אויגען, פונקט איהר וואָלט מיר מיינע גיטער באַוויזען. דאָס באַווייזט אַז איהר, מאַקאַר אַליעקסיעי-וויטש פאַרמאָגט א גוט הארץ. דערפאַר האָב איך אייך ליעב. נו, זייט געזונט. היינט בין איך ווידער קראַנק; נעכטען האָב איך פאַרנעצט מיינע פיס, און זיך צוליעב דעם צוגעקיהלט; פיעדאָרא איז אויך עפּעס

ניט געזונט, אַזוי אַז מיר זענען ביידע לאַ־עליכם'דיג, פאַרגעסט מיך ניט, און קומט אַריין אַפּטער.

אייער, וו. ד.

דעם 12טען יוני.

טייבעלע מיינע, וואַרוואַרא אַליעקסיעיעוונאַ!

און איך האָב געדענקט אַז איהר מאַמעלע וועט מיר אין פערזען באַשרייבען דאָס נעכטיגע. און ביי אייך איז עס איינגאַנצען אַרויסגע־קומען אַזוי פּשוט. איך זאָג דאָס דערפאַר, ווייל כאָטש איהר האָט מיר ווייניג אָנגעשריבען אין אייער בויגען פּאַפּיר, דאָך האָט איהר אַזוי אויסערגעוועהנליך גוט אַלעס באַשריבען. סיי די נאַטור, סיי די פאַר־שידענע דאָרפס־בילדער, און סיי אייערע אינערליכע געפיהלען. — מיט איין וואָרט דאָס אַלעס האָט איהר זעהר גוט באַשריבען. אָט איך האָב ניט קיין טאַלאַנט. כאָטש 10 בלעטלאַך פאַרשמיר, און עס קומט אַלץ גאָר ניט אַרויס, וועסט גאָר ניט באַשרייבען. איך האָב שוין געפּרופט. איהר שרייבט מיר טייערע מיינע, אַז איך בין אַ גוטער מענש, ניט קיין בייזער און בין ניט פעהיג צו טאָן שלעכטעס צו מיינע מיטמענשען, און בין אימשטאַנד צו פאַרנעמען גאָט'ס גנאָד. וואָס איז צוגאָסען אין דער נאַטור, אויסער דעם לויבט איהר מיך אַזוי פיעל דאָס איז אַלץ אמת, מאַמעלע מיינע, דאָס איז טאַקע דער עכטער אמת; איך בין ווירקליך אַזעלכער ווי איהר זאָגט; און איך ווייס דאָס, דאָך ווען דו לעזט איבער עטוואָס אַזעלכעס, ווי איהר שרייבט, פרעהט זיך דאָס האַרץ, דערנאָך קומען פאַרשידענע שווערע געדאַנקען. אָט הערט מיך אויס מאַמעלע מיינע, איך וועל אייך עפּעס דערצעהלען, טייערע מיינע.

איך וועל אָנהויבען פון יענער צייט, ווען איך בין איינגאַנצען 17 יאָהר אַלט געווען, ווען איך האָב געקראָגען אַ רעגירונגס־אַמט. אָט ווערט שוין 30 יאָהר זינט איך אַרבייט אויף מיין רעגירונגס שטעלע. נו, ניטאָ וואָס צו זאָגען אַ היבשע צאָל יוניפאָרמס צוטראָטען; איך בין דאָרטען אויסגעוואַקסען, מענשען געזעהן; געלעבט קען מען זאָגען אויף גאָטס וועלט, אַזוי אַז מען האָט מיך אפילו געוואָלט באַשענקען מיט

א מעראל. אפשר גלויבט איהר מיר ניט. באמת, איך זאָג אייך קיין ליגען ניט. נו, האָבען זיך געפונען שלעכטע מענשען אויף דעם אלעם. מאמעלע מיינע! איך וועל אייך זאָגען טייערע מיינע, כאָטש איך בין אן אונוויסענדער, נארישער מענש, אָבער מיין הארץ איז פונקט אזא, ווי ביי יעדען איינעם. און ווייסט איהר, ווארינקא, וואס מיר האט געטאָן א שלעכטער מענש? עס איז א שאנדע צו זאגען: פרעגט פארוואס האָט ער דאָס געטאָן? ווייל איך בין אזא רוהיגינקער, אזא שטילינקער, ווייל איך בין זעהר א גוטינקער! איך בין זיי ניט געפעלען, און עס האָבען מיר שוין ניט געפעהלט קיין צרות. אנגעהויבען האָט זיך דערפון, וואָס וואו נאָר עס פלעגט עפּעס פארנאכלעסיגט ווערען, פלעגט מען אָנפרעגען ביי מיר: שפּעטער האָט מען אנגעהויבען זאגען אז ביי מאקאר אלעקסיעוויטש'ען דארף מען גאָר ניט פרעגען. און יעצט איז שוין געקומען דערצו, אז וואָס עס זאָל ניט טרעפען. טענה'ן אלע, אז דאָס איז זיכער מאָקאר אלעקסעיעוויטש שולדיג דער־רין. אלץ ווערט ארויפגעוואָרפען אויף מאָקאר אלעסיעיעוויטש'ן. זיי האָבען געטאָן אלעם צו פארוואנדלען מאָקאר לאעקסיעיעוויטש'ן אין א שפּריכווארט פון אונזער גאנצען דעפּארטמענט. און וויניג איז דאָס וואָס מען האָט מיך געמאַכט צום נאר, מען האָט זיך דער־קליבען אפילו צו מיינע שטיוועל, צו דער יוניפאָרם, צו די האָר און פיגור, און קיין זאך געפעלט זיי ניט, אלעם דארף מען אי־בערמאַכען! און דאָס אלעם ווידערהאָלט זיך יעדען טאָג, פון יאָהרען און יאָהרען. איך האָב זיך צוגעוויינט, ווייל איך געוויין זיך צו צו אלץ, ווייל איך בין א רוהיגער און א קלייניגקער מענש; אָבער דאך, פארוואס איז דאָס אזוי? האָב איך אימיצען שלעכטס געטאָן? האָב איך וועמען בארעדט פאר העכע־רע? אָדער איבערגענומען א פרעמדע באלוינונג? אָבער אָפּגעטאָן אן אנדער מיאוס'ע זאך, עס איז א זינד אז איהר זאָלט דאָס איבער־קלערען, מאמעלע! נו, ווי קוק איך צו דעם אלעם? יא, קוקט זיך גוט צו, טייערע מיינע, צי פארמאָג איך גענינענדע פעהיגקייטען פאר פאלשקייט און עהרגייציגקייט? פארוואס קומט מיר אזוינע צרות, פאר־גיב מיר גאָט. אָט געפינט איהר דאך אין מיר א ווירדיגען מענשען, אָבער איהר זענט אונפארגלייכליך בעסער פון זיי אלעמען, מאמעלע, אָבער וואָס איז די גרעסטע בירגערליכע וואוילטעטיגקייט? ניט לאנג צוריק.

האָט יעווסטאַפּין איוואַנאָוויטש, אין אַ פּריוואַטען געשפּרעך זיך אויסגעדרוקט, אַז די וויכטיגסטע בירגערליכע וואוילטעטיגקייט — איז צו קענען מאַכען געלט. געזאָגט האָט ער דאָס אין אַ שפּאַס. (איך ווייס אַז אין אַ שפּאַס.) די מאָראַל דערפון איז דאָס, אַז מען טאָר קיינעם ניט פאַלען צו לאַסט; — איך בין קיינעם ניט צו לאַסט! איך האָב מיין אייגען שטיקעל ברויט, אמת אַ פּראָסטען שטיקעל ברויט און אַמאָל נאָך אַ טרוקענעם, נאָר דערפאַר פון ארבייט פאַרדיענטער, און עהרליך מוסטערהאַפט פאַרברויכטער. נו, וואָס קען מען טאָן, איך ווייס אַליין אַז איך טו ווייניג דערמיט וואָס איך שרייב איבער, נאָר פונדעסטוועגען בין איך שטאָלץ דערויף, איך אַרבייט און פאַרגים מיין שווייס. וואָס איז דאָ ווירקליך אַזוינס אַז איך שרייב איבער! איז דען אַ זינד איי־בערצושרייבען, צו וואָס? „אַט ער שרייבט דאָרט איבער! טאַ וואָס איז דאָ אַזעלכעס אונווירדיגעס? די האַנטשריפט איז אַזאַ ריינע, און גוטע, אַז עס איז אַנגענעמען צו קוקען, און זיין פּרעוואָסכאָדיטיעלסט־וואָ איז צופריעדען. איך שרייב איבער פאַר איהם די וויכטיגסטע פּאַ־פּירען. נו, יאָ, איך האָב ניט קיין סטיל, איך ווייס דאָס דאָך אַליין. אַז איך פאַרמאָג ניט דעם פאַרשאָלטענעם סטיל, אַט צוליעב דעם האָב איך דאָך אויף מיין דיענסט ניט אויסגענומען. אַט איצט אפילו צו אייך שרייב איך דאָך פּשוט, אָהן דרעדלאַך, אַזוי ווי די געדאַנקען לעגען זיך מיר אויפ'ן האַרצען... איך ווייס דאָס. אבער ווען אַלע זאָ־לען זיין פאַרפאַסער, טו ווער זשע וועט שוין דאַן איבערשרייבען? איך שטעל אייך די פראַגע און בעט ענטפערט מיר אויף איהר, מאַמעלע.

איך פאַרשטעה אַזוי אויך אַז מען דאַרף מיך, אַז איך בין נויט־ווענדיג, און עס איז ניטאָ וואָס אַראָפּצופיהרען אַ מענשען פון וועג מיט נאַרישקייטען. נו, גוט, זאָל זיין אַ ראַץ אויב מען האָט געפונען עהנליכקייט! אבער אַט דעם ראַץ דאַרף מען דאָך האָבען, דער ראַץ ברייננגט נוצען, פאַר אַט דעם ראַץ האַלטען זיך אַלע, און אַט דער ראַץ קריגט אַ באַלוינונג, — אַט וואָס דאָס איז פאַר אַ ראַץ, אבער גענוג וועגען דער מאַטעריע, איך האָב זיך אביסעל געהיצט. עס איז דאָך אַנ־גענעהם פון צייט צו צייט זיך אָפּגעבען די גערעכטיגקייט. זייט געזונט טייערע מיינע, טייבעלע מיינס, טרייסט מיינע גוטינקע! איך וועל אריינגעהן, איך וועל אונבאַדינגט אריינגעהן זעהן וואָס איהר מאַכט

מיין קעצעלע. בײנקט ניט דערווײלע, איך וועל אײך ברײנגען א ביכעל. נו, זײט זשע מיר געזונט ווארינקא.

אײער הארציג איבערגעבענער,

מאקאר דעוואושקין.

דעם 20טען יוני.

הויך געשעצטער הער מאקאר אלעקסיעיעוויטש!

איך שרייב אייך אויף גיך. איך הייל זיך ארויסצוענדיגען די ארבייט צו דער באשטימטער צייט. פארשטעהט איהר אין וואס עס האנדעלט זיך. מען קען קויפען גוטע זאכען און ביליג. פיעדארא זאגט, אז איהרער א באקאנטער פארקויפט נאך גאר א נייענקען, גוטען מאנטעל און אונטערשטע קליידער מיט א זשילעטקע און היטעל. דאס אלעס קען מען איינהאנדלען פאר א קלייניגקייט, איהר וואלט דאס באדארפט קויפען. זעהט, איהר נויטיגט זיך דאך יעצט ניט, און געלט האט איהר אויך, איהר זאגט דאך דאס אליין. דאס איז גענוג, איך בעט אייך קארגט ניט; ווייל דאס אלעס איז זעהר נויטיג, גיט נאר א קוק אויף זיך, אין וואס פאר אלטע קליידער איהר געהט ארום. ס'איז א שאנדע. אינגאנצען אין לאטעס, קיין נייע קליידער האט איהר ניט, דאס ווייס איך. כאטש איהר פארזיכערט מיך, אז איהר האט יא. גאט ווייס וואוהין איהר האט די נייע זאכען פון היינט גע'פטר'ט. טא פאלגט זשע מיך און קויפט די זאכען, איך בעט אייך. טוט דאס פאר מיר. אויב איהר האט מיך ווירקליך ליעב, טא קויפט.

מאקאר אלעקסיעיעוויטש, איהר האט מיר צוגעשיקט וועש אלס מתנה, אבער הערט זיך איין, איהר מאכט פון זיך א תל, וויפיעל האט איהר זיך שוין אויסגעבראכט אויף מיר, א ווערטעל אויסצוריידען וויפיעל איהר האט שוין אויף מיר גע'פטר'ט, א גרויל וויפיעל געלט. אך, ווי איהר האט דאס ליעב צו פטר'ן! איך דארף דאס ניט. דאס איז געווען אינגאנצען איבעריג. איך ווייס און בין איבערצייגט אז איהר האט מיך ליעב, און עס איז, באמת, איבעריג מיט מתנות דערמאנען מיר וועגען דעם; איך ווייס וואס די מתונות קאסטען אייך, גענוג, איין מאל פאר אלע מאל; איהר הערט, איך בעט אייך זעהר. מאקאר אליעק-

סיעיעוויטש, איהר בעט אז איך זאָל אייך צושיקען די פּאָרטזעצונג פון מיינע נאָטיצען, איהר ווילט איך זאָל זיי ענדיגען. איך וויים ניט ווי אזוי האָט זיך ביי מיר אָנגעשריבען דאָס, וואָס עס איז אָנגע־שריבען! אבער ביי מיר וועט קיין כוח ניט סטייען צו רעדען יעצט וועגען מיין פאַרגאַנגענהייט. איך וויל אפילו ניט טראַכטען דערפון: עס כאַפּט מיך ארום א שרעק פון אָט די ערינערונגען. צו רעדען פון מיין טרייער מאַמען, וועלכע האָט איבערגעלאָזט איהר אָרם קינד אלס פאַנג־רויב צו אָט די אומגעלומפּערטע ברואים איז שווערער ווי אלץ. מיין הארץ באַוואשט זיך מיט בלוט, ווען איך דערמאָן זיך דעריין. עס איז נאָך אלץ אזוי פריש, אז איך האָב זיך נאָך ניט באַוויזען אפילו ארומקוקען, ניט אזוי נאָר באַרוהיגען. כאָטש די גאַנצע געשיכטע איז שוין אלט מעהר ווי א יאָהר. אבער איהר ווייסט דאָך אלעס. איך האָב אייך שוין דערצעהלט ווי אַנאַ פּיעדראָוונא דענקט יעצט; זי באַשולדיגט מיך אין אונדאַנקבאַרקייט און פאַרוואַרפט די באַשולדיגונג, אז זי האָט ארויסגעהאָלפען דעם העד בעקאָוו! זי רופט מיך צו זיך, און זאָגט, אז איך מאַך פון זיך א הייליג־ליידענדע, און אז איך בין אוועק אין שלעכ־טע וועגען. זי זאָגט אז ווען איך קער זיך אום צו איהר נעהמט זי זיך אונטער גוט מאַכען די גאַנצע זאַך מיט הער בעקאָוו, און צווינגען איהם צו פאַרגלעטען זיין שולד געגען מיר. זי זאָגט אז העד בעקאָוו וויל מיר געבען נדן. צו אלדע גוטע יאָהר, מיר איז גוט דאָ מיט אייך ביי מיין גוטער פּיעדראָ. וועלכע דערמאָנט מיר מיט איהר צוגעבונדענהייט צו מיר מיין פאַרשטאָרבענע ניאַניאַ. און כאָטש איהר זענט א ווייטער קרוב מיינער, דאָך באַשיצט איהר מיך מיט אייער נאָמען. זיי קען איך ניט. איך וועל זיי פאַרגעסען אויב איך וועל קענען. וואָס ווילען זיי נאָך פון מיר? פּיעדראָ זאָגט, אז דאָס איז אלץ רכילות, און זיי וועלען אָם ענדע לאָזען צורוה. הלואי!

דעם 21טען יוני.

טייבעלע מיינע, מאַמעלע!

איך וויל שרייבען און וויים ניט פון וואָס אָנצופאַנגען. זעהט ווי מאָדנע דאָס איז מאַמעלע וואָס מיר לעבען איצט מיט אייך אזוי. איך זאָג דערפאַר, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל ניט פאַרבראַכט מיינע טעג

אין אזא פרייד. אָט פונקט, ווי גאָט וואָלט מיך געבענשט מיט א הויז און פאַמיליע! קינדעלע מיינע שעהנינקע! וואָס דרעהט איהר דאַרטען א קאָפּ מיט די פיער העמדלאַך וואָס איך האָב אייך געשיקט. איהר האָט זיי באַדאַרפט האָבען, איך האָב זיך דערוואוסט פון פיעדאָרען, און פאַר מיר מאַמעלע איז דאָס א באַזונדערער גליק אייך צופריעדען צו שטעלען. דאָס איז מיין פארגעניגען, לאָזט מיך צופריעדען, מאַמעלע, טשעפּעט מיך ניט, און רעדט ניט א וואָרט דאַגעגען. מיט מיר האָט קיינמאָל ניט פּאַסירט אזעלכעס מאַמעלע. איך האָב זיך איצט ארויסגעלאָזען אויף דער וועלט. איינמאָל לעב איך איצט א צווייפאַכיגען לעבען, ווייל איהר וואָהנט אזוי נאָהענט פון מיר. מיין טרייסט: צווייטענס, האָט מיך היינט איינגעלאַדען צו טהע מיין שכן ראַטאַזיאיעוו, דער טשינאָווניק ביי וועמען עס קומען פאַר ליטעראַרישע אָווענטען. היינט איז א פאַרזאַמלונג: מיר וועלען לעזען ליטעראַטור. אָט ווי מיר איז יעצט אַגב גוט — מאַמעלע, — אָט ווי! נו, זייט געזונט. אָט דאָס אַלעס האָב איך אָנגעשריבען אָהן יעטווערען ציעל, בלויז אום צו דערצעהלען אייך ווי גוט מיר איז. איהר האָט באַפוילען נשמהניו מיט טרעזערען, אז איהר דאַרפט האָבען קאַלירטע זייד, צום אויסנעהן: איך וועל קויפען, מאַמעלע, איך וועל קויפען די זייד. נאָך מאָרגען וועל איך האָבען דאָס פארגעניגען אייך אינגאַנצען צופרידענשטעלען. איך ווייס וואו צו קויפען. און יעצט פארבלייב איך אייער איבערגעבענער פריינד

מאַקאַר דעוואושקין.

דעם 22טען יוני.

הויך געשעצטע וואַרוואַרא אַלעקסיעיעוונא!

איך בין אייך מודיע, אז ביי אונז אין הויז האָט פּאַסירט א זעהר טרויעריגער פאַל, וואָס פאַרדינט באמת מיטלייד. היינט 5 אין דער פריה איז ביי גאָרשקאָווען געשטאָרבען דאָס קליינע קינד. איך ווייס ניט פון וואָס, צי איז דאָס געווען א מין סקאַרלאַטינא, אָדער גאָט ווייס וואָס. איך האָב זיי באַזוכט. אַ, מאַמעלע, ס'אַרא מין אָרימקייט עס הערשט ביי זיי און אונאָרדנונג! עס איז קיין וואונדער ניט, די גאַנצע

פאַמיליע וואוינט אין איין צימער, וועלכע איז מיט שירמעס צו־טיילט, פאַר העפליכקייט וועגען צוטיילט. עס שטעהט שוין ביי זיי א טרונעלע. א פּשוט'ע אבער א שעהנינקע. זיי האָבען געקויפט א גרייטען. דער אינגעל איז א יאָהר 9 אַלט געווען. מען זאָגט, אז ער האָט נעגעבען גרויסע האָפנונגען. עס איז א צער צו קוקען אויף זיי, וואַרינקאַ! די מוטער וויינט ניט, זי איז בלויז אזוי אומעטיג, אַרימענקע! עס קען זיין אז זיי איז גרינגער וואָס איינער איז אראָפּ פון די פּלייצעס: ביי זיי זענען נאָך צוויי פאַרבליבען, א קינד ביי דער ברוסט, און א קליי־נע מיידעלע פון א יאָהר 6. אוןווירקליך, וואָס איז דאָס פאַר א פרייד צו זעהן אז אָט ליידט א קינד, און נאָך דיין אייגען קינד, און העלפען קענסטו ניט. דער פאָטער זיצט אין אן אַלטען פאַרשמאַלצע־ווען פראַק, אויף א צובראָכען ביינקעל, און טרערען גיסען זיך פון זיינע אויגען, עס קען זיין אז דאָס איז ניט אזוי פון פּיין, ווי פון גע־וואוינהייט אייטערען זיך די אויגען. אזא מאָדנער איז ער. ער רויטעלט זיך אַלע, ווי נאָר דו הויבסט אָן מיט איהם צו ריידען. ווערט צומישט און ווייסט ניט וואָס צו ענטפערען. די קליינע טאָכטער זייערע, דאָס מיידעלע, שטעהט אָנגעשפּאַרט אן דער טרונע און איז אזוי שטיל און טרויעריג פאַרטראַכט! איך האָב ניט ליעב וואַרינקאַ, מאַמעלע, ווען א קינד פאַרטאַכט זיך! אפילו זעהען דאָס איז אונאַנגענעהם! ארום איהר, אויף דער ערד, ליגט עפּעס א קוקלע פון שמאַטקעס, — נאָר זי שפּיעלט זיך ניט; זי האַלט א פינגער אויף די ליפּעלאַך און שטעהט זיך, ניט זיך ניט קיין ריהר. איהר האָט די בעל־הבית'טע געגעבען א קאָנפעקטע, זי האָט גענומען, אָבער זי האָט ניט געגעסען, טרויעריג. וואַרינקאַ — א?

מאַקאַר דעוואושקין.

דעם 25טען יוני.

ליעבער מאַקאַר אַליעקסיעיעוויטש!

איך שיק אָפּ צוריק אייער ביכעל. דאָס איז א ביכעל, וואָס מען קען דאָס אין האַנט ניט נעהמען. ווי האָט איהר דאָס אויסגעגראַבען אזא אוצר? עס איז פּשוט א געלעכטער, שוין זשע געפעלען אייך אזוינע

ביכער, מאקאר אלעקסיעיעוויטש? אָט האָט מען מיר צוגעזאָגט צו קריגען עטוואס צום לעזען. דאן וועל איך זיך מיט אייך טיילען, אויב איהר ווילט. נו, און דערווייל, צום ווידערזעהן. ווירקליך, עס איז ניטאָ קיין צייט צו שרייבען מעהר.

וו. ר.

דעם 26טען יוני.

ליעבע ווארינקא!

די זאך איז די, אז איך האָב טאקע ניט געלעזען דאָס ביכעל, מאמעלע. אמת, איך האָב דורכגעלעזען אביסעל, און זעה, אז עס איז גארנישט צום לאכען. בלויז געשריבען געוואָרען, דענק איך פיליכט איז דאָס טאקע פרעהליך; אפשר וועט דאָס, ווארינקען געפעלען און איך האָב דאָס אויך אוועקגעשיקט. אבער אָט האָט מיר ראטאזיאיעוו צוגעזאָגט געבען עטוואס צום לעזען, עכט ליטעראַרישעס. נו וועט איהר שוין האָבען ביכלאך מאמעלע. ראטאזיאיעוו פארשטעהט, ער שרייבט אליין אויך! אך, ווי ער שרייבט! די פעדער איז ביי איהם אזא פליסיגע, און סטיל האָט ער אָהן א שיער. אָט אזוי אין יעדען וואָרט איז דעם פשוט'סטען געוועהנליכסטען וואָרט, וואָס איך וואָלט געזאָגט צו טערעזען אדער פעלאדיין, אפילו דאָ פארמאָגט ער א וועלט מיט סטיל. איך באזוך זיינע אווענטען. מיר רויכערען, און ער לייענט פאר אונז. ביז א זייגער פינף לייענט ער, און מיר הערען אלץ. דאָס איז ניט קיין ליטעראטור נאָר בלומען. בלומען און שוין. אליין איז ער אזא גאָסטפריינדליכער. אזא גוטער און צערטליכער. נו, וואָס בין איך געגען איהם? נו, וואָס? א גאלע גארנישט. ער איז א מענש מיט א נאָמען. און איך וואָס? — פשוט — איך עקזיסטיר ניט, און צו מיר איז ער גוט. איך שרייב פאר איהם איבער וואָס אבער דענק ניט אז דערפאר איז ער גוט צו מיר, ווייל איך טו פאר איהם עפעס. גלויבט ניט דעם פליאטקע זאגער, מאמעלע. ניין דאָס טו איך פון זיך אליין פון זיין פארגעניגען וועגען און ער גלייבט מיך. פון מיין פארגעניגען וועגען. איך באנעהם די איידעלקייט פון אזא האנדלונג, מאמעלע. ער איז זעהר א גוטער מענש און אז אויסגעצייכענטער שרייבער.

די ליטעראַטור, וואַרינקאַ, איז אַ וואַוילע, זעהר אַ וואַוילע זאַך: דאָס האָב איך זיך מיט אַ פּאָר טעג צוריק פון זיי דערוואוסט! די ליטעראַטור איז באַלעהרענד און שטאַרקט דאָס מענשליכע האַרץ — און נאָך פאַרשידענעס איז דאָרטען אין ביכעל אָנגעשריבען וועגען דעם אַלעם. זעהר גוט אָנגעשריבען! די ליטעראַטור איז אַ בילד, אין אַ געוויסען זין אַ בילד און אַ שפּיגעל: זי דריקט אויס לייַדענשאַפטען, זי איז אויך די דינע קריטיק, ליטעראַטור איז באַלעהרענד אין אַלע היכזיכטען, און איז אויך אַ דאָקומענט. דאָס האָב איך אַלץ ביי זיי אָנגעהערט. איך וועל אייך אָפען זאָגען, מאַמעלע, אַז אַט זיצסטו זיך צווישען זיי, רויכערסט די ליולקע גלייך מיט זיי, אַבער ווען זיי הויבען זיך אָן צו פאַרמעסטען און דעבאַטירען פון פאַרשידענע זאַכען בין איך פּאַס. דאָ, מאַמעלע, וועט מיר מיט אייך אויסקומען שווייגען. דאָ בין איך פּשוט אַ גרויסער נאַר, איך שעם זיך פאַר זיך אַליין. אַ גאַנצען אָוועגט זוכסטו ווי אַריינצוואַרפען אַ האַלבען וואָרט אין דער אַלגעמיינער זאַך, און אַט דער האַלבער וואָרט איז ווי אויף צו להכעיס ניטאָ! און עס נעהמט דיך אָן אַ צער אויף זיך אַליין, וואָס ביסט ניט אַזוי און אַזוי — אָדער ווי זאָגט דאָס ווערטעל: ביזט אויסגעוואַקסען און קיין שכל ניט אַרויסגעטראָגען. זעהט, וואָס טו איך איצט אין מיין פרייער צייט? — שלאָף, ווי אַ נאַר פון נאַראָנים. נו, אַנשטאָט אַט דעם אומנויטיגען שלאָפען, האָב איך געקענט מיט עטוואָס אָנגענעהמענערס זיך פאַרנעהמען: אַט למשל זיך אַוועקזעצען, און שרייבען אַביסעל, דאָס איז ניצליך פאַר זיך און גוט פאַר יענעם. איהר קוקט זיך נאָר איין, מאַמעלע, וויפיעל זיי נעהמען, פאַרגיב זיי גאָט! אַט ראַטאַזיאַיעוו, — ווי ער נעהמט דאָס! וואָס איז ביי איהם אָנשרייבען אַ בויגען? אין אַן׳אַנדערען טאָג האָט ער פינף אָנגעשריבען. ער נעהמט, זאָגט ער, 300 רובעל פאַר אַ בויגען. ווען ער שרייבט אָן אַן אַנעקדאָט, אַבער עפּעס פּיקאַנטעס, איז פינף הונדערט, כאָטש ווער צולאָפּעט, נאָר גיב! אַמאָל גאַנצע טויזענדער אין קעשענע! האַ, וואָס זאָגט איהר עפּעס, וואַרוואַרא אַלעקסיעיעוונא? נו, וואָס. — ער האָט אַ העפט ליעדער. זיין פערז איז אַ קלייניקער, זיעבען טויזענט בעט ער פאַר זיי, מאַמעלע. דאָס איז דאָך אַן אומבאַוועגליכער פאַרמעגען, אַ גאַנצער קאַפּיטאַל. פינף טויזענד גיט מען איהם, זאָגט ער, נאָר ער וויל ניט נעהמען. איך רעד איהם איין, נעהמט ביי זיי, טאַטעניו, די

פינף טויזענד און שפייט אויף זיי. פינף טויזענד איז געלט. ניין, זאגט ער, זיי וועלען געבען זיעבען, די מאשיעניקעס. — ער קען זיך אזוי אויסדרעהען. נו, מאַמעלע, אז עס איז שוין דערצו געקומען, וועל איך אייך ברענגען א פּאָר שורות פון די „איטאַליעניִשע ליידענשאַפטען“ אזוי הייסט זיין ווערק. אַט לעזט דאָס איבער און זעהט אליין.

„...וולאַדימיר האָט אויפגעציטערט, די ליידענשאַפט האָט משוגע געברויזט אין איהם, דאָס בלוט האָט געזאָטען“...

— „גראַפיניא, — האָט ער אויסגעשריען, — גראַפיניא! ווייסט איהר, ווי גרוילּיך עס איז אַט די ליידענשאַפט און אונבאַגרענעצט אַט די משוגעת! ניין, מיינע טרוימען האָבען מיך ניט אָבגענאַרט! איך האָב ליעב, איך האָב ליעב ביז עקסטאַז, משוגענערווייז! דאָס גאַנצע בלוט פון דיין מאַן וועט ניט פאַרגיסען דעם משוגע ברויזענדען עקס־טאַז פון מיין נשמה! קיינע שטערונגען וועלען ניט אָבשטעלען דעם אַלעם פאַרנאַנדערדרייסענדען פייערדיגען גיהנם וואָס פאַרברענט מיין ברוסט. אָ, זינאַידאַ, זינאַידאַ!...

— „וולאַדימיר!... — האָט אויסער זיך אַרויסגעשעפּטשעט, די גראַפיניא, און האָט זיך צוגעלייגט צו זיין פּלייצע“...

— „זינאַידאַ! האָט אויסגעשריען דער באַגייסטעטער סמעלסקי“.

— „פון זיין ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסען א זיפץ. א פייער האָט זיך העל פאַרנאַנדערגעפלאַקערט אויפ'ן אַלטאַר פון ליעבע, און פאַרברענט די ברוסט פון די אומגליקליך־ליידענדע.

— „וולאַדימיר! — האָט די גראַפיניא געשעפּטשעט אין עקס־טאַז. איהר ברוסט האָט זיך געהויבען, די באַקען געפלאַמט און די אויגען האָבען געברענט“...

„און די גרויליכע נייע חתונה איז געוואָרען א פאַקט“!

* * *

אין א האַלבע שטונדע אַרום איז דער אַלטער גראַף אַריין אין שלאָף צימער פון זיין ווייב.

— „נו, וואָס נשמה'ניו, פּיעלייכט באַפוילען צו שטעלען דעם סאַמאָוואַר פאַרן טייערען גאַסט? האָט ער געזאָגט, און א גלעט געד טאָן זיין ווייב איבער'ן בעקעל“. נו איך וועל אייך פרעגען, מאַמעלע — ווי געפעלט דאָס אייך.

אמת עס איז אביסעלע פריי, ניטאָ וואָס צו רעדען, נאָר דער־

פאַר אבער גוט. אבער, וואָס גוט, איז גוט! און אַט האָט איהר נאָך
א שטיקעל פון דער ערצעהלונג „יערמאַק און זאַליענקאַ."
שטעלט זיך פאַר מאַמעלע, אַז דער קאָזאַק יאַרמאַק, דער ווילדער
און שרעק פאַרשפּרייטענדער עראָבערער פון סיביר איז פאַרליעבט אין
זאַליענקאַ, דער טאָכטער פון סיבירער קסר קוטשוק, וועלכען ער האָט
געפאַנגען. א פאַסירונג פון יאָען דעם שרעקליכענס צייטען. ווי איהר
זעהט, אַט איז א געשפּרעך פון יארמאַק מיט זאַליעיקאַ.
— „דו האָסט מיך ליעב זאַליעיקאַ! א ווידערהאַל, ווידערהאָל
דאָס"!...
— „:איך האָב דיך ליעב יאַרמאַק. — האָט געשעפּטשעט
זאַליעיקאַ".
— „הימעל און ערד, איך דאַנק אייך! איך בין גליקליך. איהר
האָט מיר אַלץ אַלץ געגעבען, צו וואָס עס האָט נאָך פון די קינדער
יאָהרען געשטרעבט מיין אונרוהיגער גייסט. אַט וואוהין עס האָט מיך
געפיהרט מיין וועגוויייזענדער שטערען, און אַט, פאַר וואָס דו האָסט
מיך געבראַכט אהער ווייטער פון שטיינערנעם גאַרטעל. איך וועל
דער גאַנצער וועלט באווייזען מיין זאַליעיקאַ, און מענשען משונעדיגע
ברואים וועלען ניט וואַגען מיך צו באַשולדיגען! יאַ, אויב זיי זענען
פעהיג צו פאַרשטעהן די פאַרבאָרגענע ליידען פון איהר צאַרטער נשמה.
אַ, ווען זיי קענען זעהן א גאַנצע פּאַעמאַ אין איין טרערעלע פון מיין
זאַליעיקאַ! אַ, לאָז מיך אָפּווישען מיט קושען אַט דאָס טרערעלע.
גיב מיר אויסטרינקען אַט דאָס הימלישע טרערעלע... ניט ערדישע!"
— „יערמאַק, — האָט געזאָגט זאַליענקאַ, — די וועלט איז בייז.
מענשען ווייסען ניט פון גערעכטיגקייט! זיי וועלען אונז יאָגען, זיי
וועלען אונז פאַראורטיילען מיין ליעבער יאַרמאַק! וואָס וועט טאָן אַז
אָרימע מיידעל, וועלכע איז אויסגעוואַקסען צווישען די סיבירער שנעען
ביי איהר טאַטען אין יורטע, צווישען אייער אייז־קאַלטער האַרצלאָזער
זיך זעלבסטליבענדער העכערער געזעלשאַפט. מענשען וועלען מיך
ניט פאַרשטעהן טייערער מיינער, ליעבער מיינער"!
„דאַן וועט זיך די קאָזאַצקע שווערד אויפהויבען איבער זייערע
קעפּ! האָט אויסגעשריען יאַרמאַק, ווילד בלאַנזשענדיג מיט די אויגען".
ווי זשע זעהט איצט אויס יערמאַק, ווען ער דערוויסט זיך אַז
זיוליענקאַ איז געקוילעט. דער בלינדער אַלטער קוטשום האָט זיך

באנוצט מיט דער פינסטערניש פון דער נאכט, און האט זיך ארייננע־גנב'ט אין יארמאקס פאלאטקע אין זיין אבוועזענהייט, און געקוילעט זיין אייגענע טאכטער, וועלענדיג דערלאנגען א טויט קלאפּ יארמאקען וואס האט ביי איהם גערויבט דעם סקיפּעטער מיט דער קרוין.

— „ליעב איז מיר צו שארפען דעם אייזען אז שטיין! — האט אויסגעשריען יערמאק אין ווילדער אויפרעגונג, שארפענדיג זיין בולייטנעם מעסער אין דעם שאמאנסקי שטיין. — איך גאר זייער בלוט, זייער בלוט! מע דארף זיי זעגעז, זעגעז, זעגעז!!!"

נאכדעם, איז יערמאק נים אימשטאנד איבערלעבען זיין זאלענקא, און ווארפט זיך אריין אין אירטש. דערמיט ענדיגט זיך די גאנצע געשיכטע.

נו, און אט צום ביישפּיעל איז א קורצער אויסצוג, פון א שפּאס־האפטער שילדערונג, וועלכער איז בלויז פאר געלעכטער געשריבען געווארען.

„קענט איהר איוואן פּראקאפּאוויטש זשאלטאפּאזען?" נו דער זעלבער וועלכער האט א ביס געטאן אין פוס פּראקאפּיע איוואנאוויט־שען. איוואן פּראקאפּאוויטש איז א מענש פון א בייזען כאראקטער, אבער ער פארמאגט גרויסע מעלות. פּראקאפּיע איוואנאוויטש פארקערט, האט ליעב רעטאך מיט האניג. נאך דאן ווען מיט איהם איז געוועזן באקאנט פּאלאגעיא אנטאנאוונא... קענט איהר פּאלאגעיא אנטאנאוונא? אט די זעלבע וואס טוט שטענדיג אן דאס קליידעל אויף דער לינקער זייט."

נו, דאס איז דאך פּשוט צום לאכען, ווארינקא! מיר האבען זיך געקאטשעט פון געלעכטער, ווארינקא. ווען ער האט דאס געלייענט פאר אונז. אזעלכער איז ער שוין. זאל איהם גאט נים שטראפען דערפאר. איבריגענס מאמעלע, האטש ער שרייבט אביסעל פאררעהט און שוין צו לייכט נאר דערפאר אזוי אונשולדיג, אהן א ברעקעל פריי־ען אדער ליבעראלען געדאנק. איך מוז באמערקען אז ראטאזיאיעוו איז פון גוטער אויפירונג, און דערפאר אן אויסגעצייכענטער מענש, נים ווי אנדערע שרייבער.

נו, און ווירקליך, אמאל קומט א געדאנק אין קאפּ... נו ווען איך זאל עפּעס אנשרייבען, וואס וועט דאן זיין? נו, אט למשל לאמיר זיך פארשטעלען, אז מיט אמאל, דיר נים, מיר נים, איז ארויס פון

דרוק א ביכעל ליעדער, אונטערן נאמען מאקאר דעוואושקין! נו, וואס וואלט איהר דאן געזאגט. מלכ'ל מיינער? ווי וואלט איהר זיך דאס פארגעשטעלט, דורכגעטראכט? ווענען זיך קען איך זאגען, מאמעלע, אז ווען מיין א ביכעל זאל ערשיינען פון דרוק, וואלט איך ניט וואגען זיך צו באווייזען אויף דעם נעווסקי פראספעקט. ווי וואלט דאס אויסגעזעהן, אז יעדערער זאל זאגען אז אט געהט דער פערפאסער און פאעט דיעוואושקין. נו, וואס וואלט איך דאן געטאן מיט מיינע שטיוועל? איך וועל אייך זאגען פארבייגעהענדיג, אז זיי זענען ביי מיר אימער אין לאטעס, די פאדמיאטקעס שטעהן אפט אפ זייער ניט אנשטענדיג! וואס וואלט זיין ווען אלע דערוויסען זיך אז ביים שרייבער דעוואושקין זענען די שיך אין לאטעס? ווען עפעס א מין פרינצעסין וואלט זיך דערוואוסט דערפון, נו, וואס וואלט זי זאגען? און אפשר וואלט זי ניט באמערקט דאס; ווייל דאמען פארנעמען זיך ניט מיט אזעלכע זאכען ווי די שיך פון טשינאווניקעס. אבער שיך צו שיך זענען ניט גלייך, מען וואלט איהר שוין דערצעהלט, חברים וואלטען ארויסגעגעבען. דער ערשטער וואלט דאס געטאן ראטאזיאיעוו. ער זאגט אז ער קומט אריין צו דער גראפיניא ב. ער, איז דארטען א היימישער מענש; ער קומט אריין אהין אזוי אפט. ער זאגט אז זי איז זעהר א מילדע דאמע, וואס האט ליעב ליטעראטור. איז דאס א בחר ראטאזיאיעוו!

נו, זאל שוין זיין גענוג ווענען דער מעשה. איך שרייב אייך דאס אלעס מלאכ'ל מיינע פאר פארגניגען ווענען, אום אייך צו דערפרעהען. זייט געזונט טייבעלע מיינע. א סך האב איך אייך דא אנגעשריבען. דאס איז דערפאר ווייל איך בין היינט זעהר גוט געשטימט. מיטאג האבען מיר היינט געהאט אלע צוזאמען ביי ראטאזיאיעווען. (אזעלכע שטיפערס זענען מיר, מאמעלע) מיר האבען אזוינס צוארביים. נו, וואס איז דא צו שרייבען דערפון! איהר זעהט נאר, און טראכט דארטען ניט ווענען מיר ווארינקא. גאט וויים וואס. ביכלאך וועל איך אייך צושיקען אונבאדינגט. דא געהט ארום פון האנט צו האנט פאלדע־קאקס א ביכעל. אבער דאס איז ניט פאר אייך, נייז, נייז. פאר אייך טויג ניט פאל־דע־קאק. ווענען איהם זאגט מען אז ער ברענגט ארויס פון דער הוים אלע פעטראגראדער קריטיקער. איך שיק אייך א פונט קאנפעטען, — אומיסטען פאר אייך געקויפט. עסט געזונ־

טערהייט נשמה'ניו און דערמאָנט מיך ביי יעדער קאָנפּעטקע. זייט געזונט, זייט געזונט, גאָט זאָל זיין מיט אייך, טייבעלע מיינע, אייער פריינד, מאַקאַר דיוואושקין.

דעם 27טען יוני

הויך געשעצטער הער מאַקאַר אַליעקסעיעוויטש!

פיעדאָרא זאָגט, אַז אויב איך זאָל וועלען, זענען איינינע מענשען מיט פאַרגעניגען גרייט צו נעמען אַן אַנטייל אין מיין לאַגע, און וועלען פאַר מיר געפינען אַ פּלאַץ פאַר אַ גאוווערנאַנטקע אין אַ גוטער הויז. וואָס דענקט איהר וועגען דעם מיין פריינד, געהן, אָדער ניט געהן? דאַן וועל איך אייך שוין געווים ניט פאַלען צו לאַסט, און דער פּלאַץ דוכט מיר איז אַ גוטער; פון צווייטער זייט איז עפּעס אַזוי מורא'דיג שווער צו געהן אין אַן אומבעקאַנטער הויז. זיי זענען לאַנד בעזיצער. אַט וועלען זיי נעמען אויסצוגעפינען וועגען מיר אַלעס. זיך פאַרנאַנדער פרעגען, אַרויסווייזען נייגעריגקייט — נו וואָס וועל איך דאַן זאָגען? דערצו בין איך אַזאַ ווילדע, אַן איינזאַמע, ווייט פון מענשען: איך האָב ליעב זיך איינצולעבען אין יענעם ווינקעלע, צו וועלכען איך בין געוואוינט. עפּעס איז בעסער דאָרטען וואו דו ביזט צוגעוואוינט: האָטש דו לעבסט מיט צרות אויף דער וועלט, דאָך איז בעסער. דערצו נאָך דאַרף מען אוועקפאָרען, און גאָט ווייסט וואָס פאַר אַ פּלאַץ דאָס איז: אפשר וועט מען פשוט צווינגען צו ניאַנצען די קינדער. וואָס איז דאָס פאַר אַ מענשען וואָס אין צוויי יאָהר בייטען זיי שוין די דריטע גוווערנאַנקע. אום גאָטעס ווילען מאַקאַר אַליעקסיעיעוויטש, העלפט מיר אַרויס מיט אייער ראָט. געהן, אָדער ניט? און וואָרום געהט איהר קיינמאָל אַליין ניט אַריין צו מיר? זעלטען ווייזט איהר זיך אויף די אויגען! בלויז זונטאָג אין קלויסטער זעהען מיר זיך. איהר זענט אויך אַזוי ווייט פון מענשען ווי איך! זעהט, איך בין דאָך אייך כמעט אַן אייגענע. איהר האָט מיך ניט ליעב, מאַקאַר אַליעקסיעיעוויטש, אַן אַנדערש מאָל איז מיר אַזוי אומעטיג צו זיין איינע אַליין, באַזונדערס אין די אָוועגדען, זיצט זיך איינניקע אַליין. פיעדאָרא געהט זיך ערגעץ אַוועק.

זיצסט און טראכסט, טראכסט און גיסט זיך איבער צו אלטע עראינע־רונגען, גוטע און שלעכטע,—אלעס געהט דורך, שוועבט פאר די אוי־גען ווי א נעבעל. עס באווייזען זיך באקאנטע געזיכטער. (איך הויב אן חלמ׳ן כמעט אויף דער וואך). די מאמיניו זעה איך אפטער פון אלעמען!... און וואס פאר א חולאת איך האב! איך פיל אז מיין געזונט איז רואינירט; איך בין אזוי שוואך. ווען איך בין היינט אויפגעשטאנען פון געלעגער, איז מיר ניט גוט געווארען; אויסער דעם האב איך אנגעהויבען שטארק הוסטען... איך פיל און וויים אז איך וועל גיך שטארבען. ווער וועט מיך באגראבען, ווער וועט נאך מיין לויה געהן. ווער וועט נאך מיר טרויערען?... עס קאן זיין אז עס וועט מיר אויסקומען צו שטארבען אין א פרעמדען פלאץ, און אין א פרעמדען הויז! גאט מיינער, ווי שווער עס איז צו לעבען, מאקאר אליעקסיעיעוויטש. וואס האדעוועט איהר מיך מיט קאנפעטען? איך פארשטעה, באמת ניט פון וואנעט נעהמט איהר אזוי פיעל געלט? אך, פריינד מיינער, היט אב דאס געלט, היט דאס. — פיעדארא האט פארקויפט דעם טעפיך, וואס איך האב אויסגענעהט: מען גיט פאר איהם 50 רובעל, דאס איז זעהר גוט. איך האב געדענקט אז עס וועט זיין ווייניגער. איך וועל פיעדארען געבען דריי רובעל, און וועל זיך אויפנעהען א פשוט׳ע קליידעל, נאר אווארימינקע. אייך וועל איך מאכען א זשילעטקע, איך וועל אויסקלייבען גוטע צייג און וועל דאס אליין מאכען.

פיעדארא האט פאר מיר געקראגען פושקינס, „די סקיצען פון ביעלקין", איך שיק דאס אייך אויב איהר ווילט לעזען, אבער פאר־שמירט דאס ניט, און פארהאלט דאס ניט. דאס איז א פרעמדער בוך. מיט צוויי יאהר צוריק האב איך געלעזען די סקיצען צוזאמען מיט דער מאמען, און מיר איז איצט אזוי טרויעריג געווען איבערצולעזען נאך אמאל. אויב איהר האט וואסערע ניט איז ביכלאך, טא שיקט זיי מיר, אבער בלויז אין דעם פאל אויב איהר האט זיי געקראגען ניט ביי ראטאזיאווען. ער וועט געווים געבען זיין אן אייגען ווערק אויב ער האט עפעס געדרוקט. ווי געפעלען אייך עפעס זיינע שאפונ־גען, מאקאר אליעקסיעיעוויטש? ס׳ארא מינען נארישקייטען...

נו, זייט געזונט! ווי איך האב זיך דאס צופלאפעלט! ווי מיר איז אומעטיג, און ווי איך בין צופריעדען צו פלאפלען פון

וואָס ניט איז. דאָס איז אַ רפואה: אַלץ ווערט גלייך גרינגער. בעזאָנ־דערס ווען דו זאָגסט אַרויס אַלץ וואָס אויפ׳ן האַרצען.

זייט געזונט, זייט געזונט מיין פריינד, אייער

וו. ד.

דעם 28טען יוני

מאַמעלע, וואַרוואַרא אַליעקסיעיעוונאַ!

גענוג צו זאָרגען! ווי שעמט איהר זיך ניט! נו גענוג שוין. מלאכ׳ל מיינער, ווי קומען צו אייך אַזוינע געדאַנקען? איהר זענט ניט קראַנק נשמה׳ניו, אָבער לחלמן ניט קראַנק, איהר בליהט דאָך באמת: איהר זענט אַביסעלע בלאַס, און דאָך בליהט איהר. נו, וואָס איז דאָס ביי אייך פאַר אַ חלומות און זעהונגען! שעמט זיך, טייבעלע מיינע שעמט זיך. שפייט אויף די חלומות, שפייט אויף זיי און שוין. פאַר־וואָס שלאָף איך גוט? וואָרום טוט זיך מיט מיר קיין זאַך ניט? אַט ניט נאָר אַ קוק אויף מיר מאַמעלע, איך לעב, בין געזונט ווי שמשון הגיבור, שלאָף רוהיג: אַזוי אַז עס איז אַ מחיה צו קוקען. גענוג, גענוג נשמה׳ניו, עס איז אַ שאַנדע אַזוי. זייט אַ גוטע... איך קען דאָך אייער קעפּעלע ווי עס קומט נאָר עפּעס, און איהר טרוימט שוין, בענקט שוין, גאָט ווייסט נאָר וואָס. צוליעב מיר, נשמה׳ניו, הערט אויף געהן אין דער פרעמד? — קיינמאָל ניט! ניין, ניין, און ניין! וואָס טראַכט איהר זיך, וואָס איז דאָס אויף אייך געקומען? נאָך אויף אַרויספּאָה־רען. אָבער, ניין, מאַמעלע, איך וועל ניט ערלויבען, איך באַוואָפען זיך מיט אַלע מיינע כוחות געגען אַזאַ פאַרלאַנג. איך וועל אפילו מיין אַלטען פראַק פאַרקויפען, און אומגעהן מיט איין העמד אין די גאַסען, אָבער איהר וועט ביי אונז קיין נויט ניט ליידען. ניין, וואַ־רינקאַ, ניין! איך קען דאָך אייך! דאָס איז אַ משוגעת, אַ ריינער משוגעת! זיכער איז, אַז אין אַלעם איז פיעדאָראַ שולדיג, דאָס האָט זי, די נאַרישע, אייך איינגערעט. גלויבט איהר ניט מאַמעלע. זיכער, אַז איהר ווייסט נאָך ניט אַלעם נשמה׳ניו?... זי איז אַ בייזע און נאַרישע פרוי, וועלכע האָט אומגעבראַכט פון דער וועלט איהר פאַר־שטאָרבענעם מאַן. זי האָט אייך זיכער בייז געמאַכט מיט עפּעס?

ניין, ניין, מאמעלע, פאר קיין פאל ניט! ווי וועל איך דאן אויסקומען. וואס וועט מיר דאן בלייבען צו טאן? ניין, ווארינקא־נשמה'ניו. ווארפט דאס ארויס פון אייער קעפעל. וואס פעלט אייך ביי אונז? מיר קענען זיך ניט געגוג אנפרעהעז מיט אייך, און איהר האט אונז ליעב, — מא לעבט זשע זיך דארטען רוהיג: נעהם, אבער לעבט, נעהמט ניט, — אלץ איינס אבי לעבט מיט אונז. נו זאגט אליין, ווי וועט דאס דאן אויסזעהן?... אט וועל איך קריגען ביכער פאר אייך. דאן וועלען מיר ווייעדער זיך ערגעץ אויסקלייבען פאר א שפאציר. אבער געגוג, מאמעלע, איבער געגוג. נעהמט זיך אן מיט שכל, און מאכט ניט קיין ווערען פון קיין קלייניגקייטען! איך וועל גאר אין גיכען ארייננעהן צו אייך. אבער הערט מיך אויס, איך וועל זיך פאר אייך מודה זיין, אז עס איז ניט גוט אזוי נשמה'ניו, זעהר ניט גוט! איך בין געווים ניט קיין געבילדעטער מענש, איך ווייס אליין, געלערענט האב איך זיך ביי גרויזשענדיגע מלמדים, אבער ניט דאס בין איך אויסען, דא האנדעלט זיך ניט וועגען מיר. אבער פאר ראטאזיאיעווען מוז איך זיך איינשטעלען, ווי איהר ווילט זיך. ער איז מיין פריינד, און איך מוז זיך אנעמען פאר איהם. ער שרייבט גוט, זעהר און זעהר גוט. איך בין ניט איינשטימיג מיט אייך, איך קען באין אופן ניט איינשטימען. ער שרייבט בלומענהאפט, אבגעריסען, מיט פיגורען: מיט פארשיעדענע געדאנקען, זעהר גוט. אפשר האט איהר געלעזען אהן געפיל, ווארינקא, אדער איהר זענט געווען אין אזא נעמיט, ווען איהר האט געלעזען, פעדארא האט אייך בייז געמאכט, אדער אזוי האט עפעס ניט גוטעס פאסירט. ניין איהר לעזט דאס איבער בעסער מיט געפיהל, ווען איהר זענט פרעהליך און גוט געשטימט, ווען איהר האלט צום ביישפיעל א קאנפעטקע אין מויל, דאן לעזט. איך זאג ניט, (ווער איז דען געגען דעם) עס זענען דא בעסערע שרייבער פאר ראטאזיאיעווען, טאקע גאר, גאר גוטע, אבער זיי זענען גוט, און ראטאזיאיעוו איז אויך גוט. זיי שרייבען גוט, ער אויך. ער איז גאר עפעס אנדערשט. ער שרייבט צוביסלאך, און ער טוט זעהר גוט וואס ער שרייבט. נו, זייט געזונט מאמעלע, איך קען מעהר ניט שרייבען. מען דארף זיך איילען. זעהט זשע, מאמעלע, פייגעלע

טייערע, בארוהינט אייך, גאָט זאָל זיין מיט אייך. איך פארבלייב אייער, איבערגעבענער פריינד

מאקאר דיעוואושקין.

פ. ס. — א דאנק פאר'ן ביכעל, טייערע מיינע. מיר וועלען אויך פּושקינען איבערלעזען. היינט אין אווענט וועל איך געווים אריינגעהן צו אייך.

מיין טייערער מאקאר אליעקסיעיעוויטש!

ניין, פריינד מיינער, ניין, איך קען ניט לעבען צווישען אייך. איך האָב איבערגעטראכט, און אויסגעפונען אז איך האָנדעל זעהר מיאוס. ווען איך זאָג זיך אָפּ פון אזא וואוילען פּלאַץ. דארטען וועל איך חאָטש האָבען א זיכערען שטיקעל ברויט: איך וועל זיך מיהען און פארדינען די לאַסקע פון פרעמדע מענשען. איך וועל אנווענדען אלע מיינע כוחות אויף איבערארבייטען מיין נאטור, אויב דאָס וועט נויטיג זיין. געווים, איז שווער צו לעבען צווישען פרעמדע מענשען, און זוכען פרעמדע גוטסקייט, פארלייקענען און צווינגען זיך. אָבער גאָט וועט מיר העלפען. איך וועל דאָך ניט פארבלייבען אויף אייביג איינזאַם, אָבגעריסען פון מענשען. מיט מיר האָבען שוין פּאַסירט אזוינע פּעלע. איך געדענק, ווען איך בין נאָך געווען א קליינינקע, און אין פּאַנסיאָן געגאנגען, פלעגט טרעפען אז א גאַנצען זונטאָג שטיפּסטו, לויפסט אום אין הויז. אזוי אז אן אנדערשמאָל זאָל אזש די מאַמע שרייען, און דאָס מאַכט ניט. עס איז אלץ גוט אויף דער נשמה, ליכטיג אופן הארצען. ווי נאָר דער אווענט הויבט זיך אן צו דערנעהענטערען, אזוי באַפאַלט מיך א טויט אומעט. ווייל 9 מוז מען זיך אומקערען אין פּאַנסיאָן, און דארטען איז אלץ אזוי קאַלט שטרענג און פרעמד. די גוווערנאַנטקעס זענען אלעמאָל מאַנטאָג אזוינע בייזע, עס פלעגט אזוי נאָגען די נשמה, עס ווילט זיך וויינען. פארקלייבסטו זיך דאָן אין א ווינקעלע און וויינסט זיך אוים אייניגקע אליין. די טרערען באַהאַלטסטו,—ווייל מען וועט זאָגען א פוילע. ניט דערפון פלעג איך וויינען וואָס מען דארף לערנען. — נו איז וואָס? אז איך האָב זיך דאָך צוגעוואוינט, און ווען איך בין ארוים פון פּאַנסיאָן, האָב איך געוויינט זיך זעגענענדיג מיט מיינע חבר'טעס. איך טו זיכער ניט גוט,

וואס מיט מיין לעבען פאַל איך אייך ביידען צו לאַסט. דער געדאַנק — מאַטערט מיך. איך זאָג דאָס אייך אָפען, ווייל איך בין געוואוינט צו זיין מיט אייך אָפענהערציג. זעה איך דען ניט ווי פּיעדראַ, שטעהט אויף יעדען טאָג גאַנץ פריה, און נעהמט זיך וואַשען וועש, און ארבייט ביז שפּעט ביינאַכט! — און די אלטע ביינער בעטען רוה. זעה איך דען ניט ווי איהר רואינירט זיך צוליעב מיר, און פאַטערט אויף מיר דעם לעצטען גראָשען. ניט מיר אייערע פארמעגענס מיין פריינד. איהר שרייבט אז איהר וועט דאָס לעצטע פארקויפען און וועט מיך ניט לאָזען זיך נויטיגען. איך גלויב אייך מיין פריינד, איך גלויב אין אייער גוט הארץ, נאָר דאָס זאָגט איהר איצט אזוי. איצט האָט איהר אונערוואַרטעטע געלט, ווי איהר זאָגט. א נאַגראַדע געקראָגען, נו און דערנאָך. איהר ווייסט אליין אז איך בין אימער א קראַנקע, איך קען ניט ווי איהר שטענדיג ארבייטען, חאָטש איך וואָלט דאָס וועלען מיט מיין גאַנצער נשמה, ניט אימער קען מען קריגען ארבייט. — וואס זשע בלייבט מיר איבער? משוגע ווערען פון צער, קוקענדיג אויף אייך ביידען מיינע הארציגע. מיט וואס קען איך אייך ברייגנען אפילו די קלענסטע נוצען? נאָך וואס דאַרפט איהר מיך אזוי נויטיג, פריינד מיינער? וואס האָב איך געטאָן פאַר אייך גוטעס? איך בין בלויז צוגעבונדען צו אייך מיט מיין גאַנצער נשמה, און האָב אייך שטאַרק שטאַרק ליעב מיט׳ן גאַנצען הארצען. — אבער שווער און ביטער איז מיין מזל, איך קען בלויז ליעבען, נאָר ניט עטוואס שאַפען און צאָהלען פאַר וואוילטאָטען. האלט מיך ניט מעהר. באַטראַכט זיך און זאָגט ארויס אייער לעצטע מיינונג. אין ערוואַרטונג פארבלייב איך אייער ליבענדע

וו. ד.

יוני דער 1טער.

משוגעת, משוגעת וואַרינקאַ, פּשוט׳ע דומהייט. און לאָזען אייך אזוי, וואס וועט איהר דען ניט איבערטראַכטען מיט אייער קעפּעל! דאָס איז ניט אזוי, און יענעס טויג ניט! און יעצט זעה איך אז דאָס איז אלץ נאַרניט. איהר זאָגט מיר בלויז דאָס, וואס פעלט

אייך ביי אונז מאמעלע? אייך האָט מען ליעב. איהר ליעבט אונז, און מיר זענען אלע צופרידען און גליקליך. — וואסזשע דארף מען מעהר? נו, און וואס וועט איהר טאָן ביי פרעמדע מענשען. איהר ווייסט נאָך געוויס ניט, וואס עס איז אזעלכעס א פרעמדער מענש?... דו פרעג זיך נאָר גוט ביי מיר וואס עס איז אזעלכעס א פרעמדער מענש. איך קען איהם מאמעלע, מיר האָט געטראָפען צו עסען זיין ברויט. שלעכט איז ער מאמעלע, אזוי שלעכט, אזוי שטארק שלעכט אז דיין הערצעלע וועט פאר איהם ניט סטאיען, אזוי וועט ער דיך אויסמאטערען מיט א פארוואורף, אדער מיט א בייזען בליק.

ביי אונז איז אייך גוט און ווארים, — פונקט ווי אין א נעסטעלע — וואלט איהר זיך איינגעלעבט, און מיר בלייבען ווי אהן א קאפ אז איהר לאזט אונז איבער. וואס וועלען מיר טאָן אהן אייך? וואס וועל איך דאמאלס טאָן? מיר דארפען אייך ניט? איהר זענט ניט נויטיג פאר אונז? ווי הייסט ניט נויטיג. ניין מאמעלע, טראכט זיך גוט אריין ווי אזוי זענט איהר דאָס ניצליך. איהר זענט פאר מיר זעהר נויטיג ווארינקא. איהר האָט אזא גוואלדיג גוטע ווירקונג אויף מיר... אט טראכט איך וועגען אייך איצט און מיר איז אזוי פרעהליך.. אמאל שרייב איך אייך א בריוועל, דריק אוים אין איהם אלע מיינע געפילען, און באקום אן אויספירליכען ענטפער פון אייך. אט האב איך געקויפט פאר אייך וועלכע זאכען, א היטעלע געמאכט. אמאל קריעג איך פון אייך א קאמיסיע... ווי זשע זענט איהר דאָס ניט נוצליך? וואס וועל איך טאָן אליין אויף דער עלטער, אויף וואס וועל איך טויגען. דערפון האָט איהר מסתמא ניט געטראכט ווארינקא. ניין אבער טוט א טראכט פאר א ציקאוועס טאקע בלויז דערפון. וואס וועט ער טאקע טאָן אהן מיר, צו וואס וועט ער זיך אויסטויגען? איך בין צוגעוואוינט צו אייך טייערע מיינע — אבער. וואס וועט אויף אזא אופן דערפון ארויסקומען, איך וועל אוועק צו דער ניעווא, און אן עק א סוף. יא, באמת, עס וועט אזוי זיין ווארינקא: ווייל וואס דען וועט מיר בלייבען צו טאָן אהן אייך? אך, נשמה.ניו מיינע ווארינקא! עס ווילט זיך אייך, ווי עס זעהט אוים אז א פשוטער פוהרמאן זאָל מיך אויפ'ן וואלקאווא בית־עולם אוועקפיהרען, און אז איין אבנעריסענע אלטע בעטלערען, א ווילד פרעמדע, זאָל אליין מיך צו מיין אייביגער רוה באגלייטען, אזוי זאָל מען מיך דארטען מיט

זאמד פארשיטען און אוועקגעהענדיג מיך אויף אייביג אליין לאזען. דאס איז א זינד, א גרויסע זינד, מאמעלע. א זינד, א זינד, ווי גאט איז אייך ליעב!

איך שיק אייך אפּ אייער ביכעל, ווארינקא, פריינטעלע מיינס, אויב איהר קינדעלע, זאלט פרעגען מיין מיינונג איבער אייער ביכעל קען איך אייך זאגען, אז פאר מיין גאנצען לעבען האט מיר ניט גע־טראפען צו לעזען אזוינע וואוילע ביכלאך. איך פרעג זיך איצט די פראגע, ווי אזוי האב איך דאס געלעבט ביז אהער, ווי אזא מין גרוי־סער גולם, שטראף מיך גאט אויב איך פארשטעהע! וואס טוט מען? פון וואסערע וועלדער קום איך דאס? איך ווייס גאר ניט ניט, מאמעלע, אבער גאר אינגאנצען גאר ניט! פשוט גערעט, ווארינקא איך ביז א מענש ניט קיין געלעהרענטער; געלייענט ביז אהער האב איך זעהר ווייניג, כמעט גארניט: געלעזען האב איך „דאס בילד פון מענשען". א קלוגעס ווערק, דעם „איינגעל וואס שפּיעלט אוים פארשיעדענע זאַ־כען אויף גלעקלאך", און „איוויקאווס זשוראוווליען". — דאס אלעס, וואס איך האב געלעזען, און מעהר קיינמאל גארניט. יעצט האב איך אין אייער ביכעל איבערגעלעענט דעם „סטאנציאנעם סמאטריטעל". און ווייסט איהר וואס איך וועל אייך זאגען, עס טרעפט זיך אזוי אז דו לעבסט און ווייסט ניט, אז ביי דיר אונטערען נאז איז דא א ביכעל, וואו דיין גאנצער לעבען, איז ווי אויף דיינע פינגער צולייגט. און דאס וואס עס איז פריהער געווען פאר דיר דונקעל, האסט ניט געקענט באנעהמען, איז דא, ווען דו נעהמסט לעזען אזא ביכעל, הויבסט זיך אן איילען פאמעלינקע צו דערמאנען און זוכען. און זעה ווי דיר ווערט אלעס אזוי קלאר. אם ענדע פארוואס איך האב ליעב גע־קראגען אייער ביכעל: אן אנדער שאפונג, וואסערע זאל דארטען ניט זיין לייענסט, לייענסט, און כאטש פּלאַץ — איז דאס חיטרע, אז דו קענסט בשום אופן ניט פארשטעהן. . איך, צום ביישפּיעל בין טעמפּ, פון דער נאטור טעמפּ, אזוי אז זעהר וויכטיגע ווערק קען איך ניט לעזען; און דאס לייענסטו אזוי, — פונקט וואלסט דאס אליין אנגעשריבען, אזוי למשל ווי מען וואלט נעמען דיין אייגען הארץ. דאס אויסקערען אויף דער לינקער זייט און אויספיהרליך עס בעשרייבען, — אט ווי דאס איז! און די זאך איז דאך א פשוטע, גאט מיינער: וואס דען! איך אליין. וואלט אויך

אזוי אָנגעשריבען: טאַקע, פאַרוואָס וואָלט איך דען ניט אָנגעשריבען? — איך פיל דאָס זעלבע, איך פיל פּונקט אזוי ווי אין ביבעל, ניט איין מאָל האָב איך זיך געפונען פּונקט אין דער זעלבער לאַגע, ווי לאַמיר זאָגען, ווי דער אָרימער סאַמסאָן ווערין. יאָ, און וויפיעל סאַמסאָן ווערינעס געהען דאָס אום צווישען אונז, אזוינע ביטערע צופייניגטע. און ווי געשיקט דאָס איז אַלעס באַשריבען! איך האָב שיעור ניט געוויינט ווען איך האָב איבערגעלייענט, אז ער האָט אזוי געגומען טרינקען, אז ער האָט פאַרלאָרען זיין באַוואוסטזיין. ער איז געוואָרען א ביטערער שכר, שלאָפט דעם גאַנצען טאָג אונטער זיין שאַפּענעם פּעלץ, זיין פיין פאַרזופּט ער מיט א גלעזעלע ביער, און וויינט אזוי יאָמערליך, ווישט די אויגען מיט א שמוציגער פּאָלע, ווען ער דערמאָנט זיך אין זיין פאַרבלאָנדזשעטען שעפּעלען און זיין טעכטערעל דוניאשא! ניין, דאָס איז נאַטירליך! איהר לעזט דאָס איבער; דאָס איז די ווירקליכקייט אליין! דאָס לעבט! איך האָב דאָס אליין געזעהען; דאָס לעבט ארום מיר; למשל טערעזא — יאָ, נאָך וואָס, ווייט געהן! — אָט נעמט אונזער אָרימען טשינאָווניק, — ער קען זיין, איז געוויס פּונקט אזא מין סאַמסאָן ווערין, בלויז די פאַמיליע זיינע איז גאָרשקאָוו. — די זאַך איז דאָ אַן אַלגעמיינע, וועלכע קען אויך מיט מיר און מיט אייך פּאַסירען. דער גראַף וואָס וואוינט אויף נעווסקי, אדער דער נאַבערעזשנע, אויך ער איז דיזעלבע זאַך, ער וועט בלויז אויסזעהן אנדערש, ווייל ביי זיי איז אַלץ אייגענאַרטיג, לויט זייער העכערען טאָן, נאָר אויך ער איז דאָס זעלבע, אַלעס קען טרעפען, און אויך מיט מיר קען אַלץ פּאַסירען. אָט דאָס איז דאָס מאַמעלע, און דאָ ווילט איהר נאָך פון אונז אוועקגעהן. אָבער מיך קען נאָך א זינד פאַרכאַפּען, ווארינקא. אי זיך, אי מיך קענט איהר אומברייינגען, טייערע מיינע. אַך, פויגעלע מיינס, אום גאָטעס ווילען, וואַרפט ארויס פון אייער קעפּעלע, אָט די פרייעגעדאַנקען, און מאַטערט מיך ניט אומזיסט. נו, ווי קומט צו אייך, אזא שוואַכינקע, נאָך ניט באַפעדערטע פויגעלע, אליין פאַר זיך א לעבען צו מאַכען, פון אָבגרונט זיך אויסהיטען און פון שלעכטע מענשען זיך צו באַשיצען. גענוג, גענוג, ווארינקא. בעסער פיקסט זיך; און הערט זיך וועניגער צו צו אומגעלומפּערטע נאַרישע ראַטען און איינרעדענישען.

און לעזט בעסער נאָך אמאָל דורך אויפמערקזאם אייער ביכעל, טוט דאָס עס וועט אייך נוצען ברענגען.

איך האָב געערדט מיט ראטאזיאיעווען וועגען דעם „סטאַנציאַנע סמאָטריטעל". ער האָט מיר געזאָגט אז דאָס איז אלץ אַלט, און יעצט שרייבט מען נייע ביכלאָך מיט בילדער און שילדערונגען: איך האָב באמת ניט צופיעל פארשטאַנען וואס ער האָט דאָרטען אַנגערעט. זיין שלום איז געווען אז פּושקין איז גוט, און אז ער האָט באריהמט געמאַכט די היילינע רוסלאנד, און נאָך א סך האָט ער וועגען איהם גערעט. און זעהר גוט, וואַרינקא, זעהר גוט. לייענט איבער דאָס ביכעל נאָך אמאָל, און אויפמערקזאם, פאָלגט מיין ראָט. און דער־פרעהט מיך מיט אייער געהאָרכזאמקייט, מאַכט מיך אַלטיטשקען אי־בער גליקליך דערמיט. דאַן וועט אייך גאָט אַליין באַלוינען דערפאַר, טייערע מיינע, ער וועט אייך אונבעדינגט באַלוינען. אייער איבער־געבענער פריינד

מאַקאַר ד.

הויך געשעצטער הער מאַקאַר אַליעקסיעיוועטש!

פיעדאָרא האָט מיר היינט געבראַכט פופצעהן זילבערנע רובעל, אַרימינקע, ווי זי איז דאָס געווען צופריעדען ווען איך האָב איהר גע־געבען דריי רובעל! איך שרייב אייך אויף גיך! איצט שנייד איך צו פאַר אייך א זשילעטקע — א חיות, ס'אַרא מין וואַרע. — א נעלינקע אין בלומעלאך. איך שיק אייך א ביכעל; דאָ זענען דאָ פארשיעדענע סקיצען: אייניגע האָב איך דורכגעלאָזען, לייענט דאָך איינע פון זיי אונטערען נאָמען „שינעל". (די יוניפאָרם) — איהר רעט מיר איין אז איך זאָל געהן מיט אייך אין טעאַטער; וועט דאָס דען ניט קאָסטען צו טייער? אפשר ערגעץ אויף דער גאַליערעיע. איך בין שוין זעהר לאַנג ניט געווען אין טעאַטער, איך געדענק ניט די צייט. אבער איך שרעק זיך אַלץ אפשר איז דאָס צו טייער? פיעדאָרא שאָקעלט בלויז מיט'ן קאָפּ. זי זאָגט אז איהר האָט אַנגעפאַנגען צו לעבען איגנאַנצען ניט לויט אייער קעשענע. איך זעה דאָס אַליין אויך. וויפיעל האָט איהר בלויז אויף מיר אַליין אויסגעגעבען. זעהט נאָר מיין פריינד, אז עס זאָל ניט קומען צו קיין אומגליק. מיר האָט פיעדאָרא געזאָגט, אז עס

טראגנען זיך קלאנגנען, אז איהר האט געהאט עפעס א קריעג מיט אייער בעלהבית'טע, ווייל איהר האט איהר ניט אבגעצאלט איינגאנצען די געלט. מיר שרעקט דאס הארץ פאר אייך. נו זייט געזונט איך הייל זיך. איך האב א קלייניגקע ארבייט, איבערפוצען די לענטע אויף מיין היטעלע.

פ. ס. איהר ווייסט אז אויב מיר וועלען געהן אין טעאטער וועל איך אנטאן מיין נייענקע היטעלע, און וועל ארויפווארפען אויף די פלייצעס די שווארצע פעלערינע. וועט זיין גוט אזוי?

דעם 7טען יוני.

הויך געשעצטע ווארווארא אליעקסיעוונא.

...אט קער איך זיך אלץ אום צום נעכטיגען. — יא מאמעלע, געווען אמאל א צייט ווען איך בין אויך משוגע געווען. איך האב זיך פארליעבט אין אט דער ארטיסטקעלע. ביז איבער די אויערען האב איך זיך פארליעבט. אבער דאס איז נאך גאר ניט. מאדנע, דערביי איז דאס, וואס איך האב דאך זי כמעט ניט געזעהן, און אין טעאטער בין איך געווען איינגאנצען איין מאל, און ביי אלעם דעם האב איך זיך דאך איינגעליעבט. געוואוינט האבען דאן מיט מיר וואנט אין וואנט א מענשען 5, אלץ אזוינע יונגע און געשיקטע. צונויפגעקומען בין איך זיך מיט זיי ניט וועלענדיג, און זיך שטענדיג געהאלטען פון ווייטען. אבער אום ניט אבצושטעהן, האב איך זיי אין אלץ צוגעבאמקעט. זיי האבען מיר דאס אנגעדערצעהלט וועגען אט דער ארטיסטקע, יעדען אוונט, ווי נאר טעאטער הויבט זיך אן, אזוי געהט שוין די גאנצע קאמפאניע. זיי האבען קיין גראשען ניט אויפן נויטיגסטען. אבער אין טעאטער פארקלייבט מען זיך אויף דער גאלערעיע, מען פאטשט מען פאטשט אהן אויפהער, מען רופט ארויס, אט די ארטיסטקע אהן שיעור — מען ווערט פשוט משוגע. דערנאך לאזען זיי ניט איינשלאפען אזוי פיעל טענה'ט מען וועגען איהר, יעדער איינער רופט זי זיין גלא־שא און אלע ווי איינער זענען זיי פארליעבט אין איהר. ביי אלעמען איז איין קאנארעיקע אויפ'ן הארצען. אט אזוי האבען זיי אויך מיך צורייצט. אזוי שוצלאז און יונג בין איך דאן געווען. איך ווייס אליין

ניט ווי אזוי איך בין אריינגעפאלען מיט זיי אין טעאטער און פערטען רייע אויף דער גאלעריע. אלץ וואס איך האב געזעהן איז אן עקעל פון פארהאנג, דערפאר אבער האב איך אלץ געהערט. ביי דער ארטיסטקעלע איז ווירקליך געווען א שעהנינקע שטימעלע — אזא קליינגענדעס ווי ביים נאכטיגאל. מיר האבען זיך אבגעקלאפט די הענט, געשריען, געשריען, מיט איין ווארט מיר האבען זיך שיעור ניט אנגעפרעגט. איינעם האט מען שוין אפילו ארויסגעפיהרט. איך בין געקומען אהיים — און געה ארום ווי אין חלום. אין קעשענע ביי מיר איז פארבליבען איין רובעל, און צו דער לוין איז נאך א גוטע צעהן טעג. איז ווי זשע דיינקט איהר מאמעלע? אויף'ן צווייטען טאג איידער איך געה צו דער ארבייט, האב איך פארקירעוועט צו א פראנ־צויז א פארפיומער, און געקויפט ביי איהם גוט שמעקעדיגע זייף ארעקאלאן. איך וויים אליין ניט מיט וואס פאר א צוועק איך האב דאס געקויפט? איך האב ניט געגעסען קיין מיטאג אין דער היים און בין אלץ ארומגעגאנגען ארום איהרע פענסטער. זי האט געוואוינט אויף נעווסקי פראספעקט אויפ'ן 4טען שטאק. איך בין געגאנגען אהיים, זיך אפגערוהט א ווייילע און צוריק צום נעווסקי, אום נאר דורכגעהן פארביי איהרע פענסטער. אנדערהאלבען מאנאטען בין איך ארומגעגאנגען אויף אזא אופן, זיך נאכגעשלעפט נאך איהר, אלע ווייילע געדונגען איזוואזטשיקעס און אלץ ארום איהרע פענסטער ארומגעפארען. איך האב זיך איינגאנצען פארדרעהט און פארשולדיגט, און ערשט שפעטער האב איך זיך אויסגעליעבט — עס איז מיר נימאס געווארען! אט וואס אן אקטריסע איז אימשטאנד צו מאכען פון אן אנשטענדיגען מענשען. מאמעלע! יונג, א זעהר א יונגינקער בין איך דאן געווען!...

מ. ד.

דעם 8טען יולי

מיין הויך געשעצטע ווארווארא אליעקסיעוונא!

אייער ביכעל, וואס איך האב ערהאלטען דעם 6 ד. מ. הייל איך זיך איהם אייך אומקערען. דערביי מוז איך זיך דורכריידען מיט אייך אין מיין בריעף. ניט שעהן, מאמעלע, זעהר ניט שעהן וואס איהר

האָט מיך אין א שלעכטער לאַגע אוועקגעשטעלט: ערלויבט מיר מאַ־מעלע, יעדער מענשענס שטאַנד און מזל איז פון אויבערשטען א באַשערטע זאַך. איינעם איז פון גאָט באַשערט צו זיין א גענעראַל, און דעם צווייטען דיענען בלויז אלס טיטוליארנער ראטהגעבער. איינעם יארט צו הערשען און באפוילען, און דעם צווייטען געהארכזאם און אין מורא צו פאָלגען. דאס איז שוין לויט די פעהיגקייטען פון מענ־שען אויסגערעכענט: איינער איז צו איין זאַך פעהיג, דער אנדערער צו א צווייטער, און גאָט אליין האָט די פעהיגקייטען איינגעטיילט. איך געפין זיך שוין אויף מיין דיענסט ארום דרייסיג יאהר: פיהר זיך אויף פיין, טרינק נים. אלס בירגער ווייס איך מיינע פעלערען, אדער דערפאר פארמאַג איך מיינע גוטע זייטען. נאטצאלסטווא (העכערע רעגירונג בעאמטע) באציהט זיך צו מיר מיט רעספעקט, און זיין הער־שאַפט אליין איז צופריעדען מיט מיר. אמת טאקע אז ביז אהער האָבען זיי קיינמאָל מיט קיין זאך נים ארויסגעצייגט קיין באזונדערע סימנים פון גוטסקייט צו מיר, נאר איך בין זיכער אז זיי זענען צו־פריעדען מיט מיר. מיין האנטשריפט איז א קלאָרע, א שעהנע, נים צו גרוים, נים צו קליין, אבער צו יעדער צייט אין אלע הינזיכטען א צופריעדענשטעלענדע. ביי אונז, אפשר שרייבט אזוי איין איוואן פראקאפאוויטש. דערלעבט ביז צו גרויע האר און ווייס נים הינטער זיך פון קיין גרויסע זינד. זיכער, בין איך זינדיג אין קלייניג־קייטען, טו ווער איז דאס אינגאנצען ריין פון זינד? אבער אין גרויסע גרויסע פארברעכענס אדער אין חוצפה בין איך קיינמאָל נים געוועזן באַ־מערקט, אַט צום ביישפיעל אונטערנעהמען עטוואס געגען די געזעצען אדער שטערען די געזעלשאפטליכע רוה. אין אזעלכע זאכען האָט מען מיך קיינמאָל נים געכאפט, און אויף די פראגען איז שטענדיג געשטאַ־נען א צייכען. נו, וואס איז דא צו רעדען! דאס אלעס וואָלט איהר אליין געמוזט ווימען, מאמעלע, און ער האָט דאס באדארפט וויסען ווען ער האָט זיך אונטערנומען צו שילדערען, האָט ער געוויס געמוזט אלעס וויסען. ניין דאס האָב איך נים ערווארטעט פון אייך, מאמעלע: ניין ווארינקא! טאקע פון אייך האָב איך קיינמאָל אזא זאך נים ער־ווארטעט.

ווי! ווי קען מען נאָך דעם לעבען רוהיג אין דעם אייגען ווינ־קעלע, — וואס אט דער ווינקעל, זאָל מיר זיך נים פארשטעלען. —

לעבען ווי זאָגט דאָס ווערטעל, שטילער פון וואסער, קיינעם ניט אָנ־ריהרען, לעבען אין מורא פאַר גאָט און קענען זיך אליין. אָבער מען זאָל דיך אויך ניט אָנריהרען, זיך ניט אריינרייסען אין דיין ווינקעלע, און ניט אונטערקוקען ווי דו פיהרסט זיך דאָרטען אויף ביי זיך אין דער היים. דו האָסט אַ גוטע זשילעטקע אָדער אונטערשטע קליידער: צו פאַרמאַגסטו שטיוועל און מיט וואָס זיי זענען אונטערגעשלאָגען: וואָס דו עסט און טרינקסט, וואָס דו שרייבסט איבער? נו, איז וואָס איז דאָרטען אַזוינס, מאַמעלע, אויב איך געה אַמאָל איבער דער בריק אויף די שפּיץ פינגער, דאָרטען וואו עס איז שמוציג: איך היט אָב די שטיוועל! צו וואָס שרייבען וועגען אַ צווייטען, אַז ער נויטיגט זיך וועגן ניט ווען, און טרינקט קיין טעע ניט? אָט פּונקט ווי אַלע מוזען דאָס אונבעדינגט טרינקען טעע! יאָ, אפשר קוק איך אימיצען אריין אין מויל, ווי ער קייט דאָרטען זיין שטיקעל ברויט? וועמען האָב איך דאָס באַליידיגט אויף אַזאַ אופן? ניין, מאַמעלע, נאָך וואָס באַליידיגען אַנדערע, ווען מען ריהרט דיך ניט אָן! נו, אָט צום ביישפּיעל, וואַר־וואַרא אַליעקסיעוונאַ, אָט וואָס דאָס מיינט: דו דיענסט און דיענסט מיט אַזאַ אימפּעט, אַזוי איבערגעגעבען — און וואָס! — נאָטשאַלסט־וואַ רעספּעקטירט דיך, (ווי עס זאָל דאָרטען ניט זיין, דאָך רעספּעק־טירט מען דיך) און דאָך אָרום סאַמע נאָז ביי דיר, אָהן יעדער אורזאַכע מיר ניט, דיר ניט, באַקט אימיצער אויף דיר אַ פּאַסקוויל. קויפסטו זיך אַמאָל אַ נייע זאַך, פרעהסטו זיך, שלאָפסט ניט איין און פרעהסט זיך, טוסט, למשל, אָן דיינע נייע שטיוועל מיט אַזאַ זיסען געפיהל. — באמת איך אליין האָב דאָס מיטגעמאַכט. עס איז אַזוי אָנגענעהם צו זעהן די פיס אין אַן עלעגאַנטען שעהנעם שטיוועל, — ריכטיג! איך וואונ־דער זיך באמת ווי האָט דאָס פיעדאָר פיעדראָוויטש דורכגעלאָזען אָהן אויפמערקזאַמקייט אַזאַ מין ביכעל, און האָט זיך ניט איינגעשטעלט פאַר זיך. אמת טאַקע אַז ער איז נאָך אַ יונגער סאַנאָווניק (הויך געשטעלטע רעגירונגס פּערזאָן) און האָט ליעב אַמאָל אָנשרייען: נאָר פאַרוואָס ניט אָנשרייען? וואָרום ניט געבען די וועלט צו זעהן, ווען מען מוז אַמאָל געבען אונזערען אַ ברודער, די וועלט צו זעהן.

זי מיר וועלען זיך פאָרשטעלען צום ביישפּיעל, אַזוי זיך אָנשרייען פאַר אַן אָנשטעל, אפילו צוליעב דעם איז ערלויבט. מען דאַרף צונע־

וואוינען. מען מוז געבען א צושטויס. ווייל, צווישען אונז זאל דאס בלייבען, וואַרינקא — אונזערער א מענש קען זיך אהן אזעלכע זאכען ניט באגעהן: יעדערער וועט זיך באמיהען, בלויז ערגעץ אוואו צו באלאנגען, אום כדי צו קענען זאגען: „אז איך בין דארטען און דארטען, און פון ארבייט וועט ער זיך ארויסרוקען פון א זייט, מיט א זייטעלע. און אזוי ווי דארטען זענען דא פארשידענע ראנגען, און יעדער ראנג פאדערט זיין אייגענע בייטש, איז נאטירליך, אז די ארט און ווייזע פון דער בייטש מוז זיין א פארשידענארטיגע. צוגעפאסט פאר יעדען ראנג באזונדער: דאס איז נאטירליך! דערויף שטעהט דאך די וועלט, מאמעלע: וואס מיר האלטען פאסאן איינער פאר דעם אנדערען, און יעדערער פון אונז איז א בייטש פאר א צווייטען. אהן אט דער פארזיכטיגקייט, וואלט די וועלט קיין וועלט ניט געווען, און קיין ארדנונג אויף דער וועלט וואלט געווים ניט געווען. איך וואונדער זיך ווירקליך, ווי האט דאס פיעדאר פעדראוויטש דורכגעלאזען אזא מין באליידיגונג אהן געניגענדער אויפמערקזאמקייט.

און טאקע נאך וואס צו שרייבען וועגען אזוינע זאכען? צו וואס דארף מען דאס? וועט מיר דען דערפאר אימיצער פון די לעזער מאכען א יוניפארם? אדער אפשר, וועט מיר דער לעזער שטיוועלעך קויפען? ניין, וואַרינקא, ער וועט איבערלעזען און וועט פאדערען נאך א פארטזעצונג. באהאלטעסט זיך אמאל, באהאלטסט זיך דערמיט, מיט וואס דו קענסט ניט אויסנעהמען, האסט מורא אז אנדערש מאל דעם נאז צו באווייזען ערגעץ וואו, ציטערסט מען וועט איבעררעדען, ווייל יעדער זאך אין דער וועלט קען מען דיר אין א מיאוס'קייט פארוואנדלען — און אט געהט אום נאר אין דער ליטעראטור דיין גאנצער בירגערליכער און פאמיליען־לעבען, אלעס איז אפגעדרוקט, דורכגעלעזען, אויסגעלאכט און פאראורטהיילט! יא, אויף אזא אופן וועט מען אפילו אין דרויסען זיך ניט קענען ווייזען, ווייל דא איז אלעס אזוי קלאר באוויזען, אז מען קען אונזערען א ברודער דערקענען אפילו בלויז לויט זיין גאנג. וואלט נאך גוט זיין ווען ער זאל זיך כאטש צום סוף פארריכטען, אביסעל ווייכער מאכען די זאך, זאגען למשל נאך יענעם פונקט, ווען די פאפירלאך האבען זיך איהם אויפ'ן קאפ געשאטען: — „אז נאך אלעמען איז ער דאך געווען א וואוילטעטיגער און גוטער בירגער, און האט נ. ג. פארדינט אזא מין באהאנדלונג פון זיינע חברים.

זאגען אז ער איז געהארכזאם צו עלטערע, (דא קען מען נאך ווי ניט איז באמערקען, אז ער האט קיינעם קיין שלעכטס ניט געוואונשען, גע־גלויבט אין גאט און געשטארבען אויב איהם ווילט זיך אז דער העלד זאל אומבאדינגט שטארבען) — אז ער איז געשטארבען א באוויינטער. בעסער פון אלץ וואלט זיין ניט לאזען איהם שטארבען, דעם ארימינ־קען, נאר מאכען אזוי, אז ער זאל זיין שינעל געפינען, און פיעדאר פיעדראוויטש, דאס מיינט איך! — אז יענער גענעראל דער־וואוסט זיך אויספיהרליכער וועגען זיינע וואוילטעטיגקייטען, זאל איהם איבערבעטען און זיין דעפארטמענט איהם העכערען אין ראנג, און איהר געבען אויף אימער א גרויסע גוטע געהאלט. אויף אזא אופן זעהט איהר וואלט געזיעגט די וואוילטעטיגקייט, און אלע זיינע חברים מיט ארבייטער וואלטען געבליבען מיט גארנישט. איך, למשל, וואלט דאס אזוי געטאן, אבער אזוי, איז וואס האט ער דארטען באזונדער גוטעס? פשוט אזוי זיך א פוסטער ביישפיעל פון דעם אלטעגליכען ני־דערטרעכטיגען לעבען. אבער, ווי האט איהר זיך דאס באשלאסען, טייערע מיינע, צו שיקען מיר אזא ביכעל. יא, דאס איז דאך א שעדליכער ביכעל, ווארינקא, און עס איז פשוט ניט אמת'דיג, ווייל עס קען גאר ניט פאסירען אז אזא מין טשינאווניק זאל עקזיסטירען. נייז, איך וועל זיך באקלאגען, ווארינקא, פארמאל באקלאגען.

איער געהארכזאמער דיענער,

מאקאר דיעוואושקין.

דעם 27טען יולי.

הויכגעשעצטער מאקאר אליעקסיעיעוויטש!

די לעצטע געשעהענישען אין איערע בריעף האבען מיך ער־שטוינט, דערשראקען און גאנצען צומישט. אבער פיעדאראס ערצעה־לונגען האבען מיר אלעס ערקלערט., מ. אלעק. נאך וואס איז געוועזן אזוי פארצווייפעלט צו ווערען און מיט אמאל, אריינפאלען אין אזא אפגרונד, אין וועלכען איהר זענט דאס אריינגעפאלען? איערע ער־קלערונגען האבען מיך גאר ניט צופריעדענגעשטעלט. זעהט איהר שוין אז איך בין געוועזן גערעכט ווען איך האב באשטאנען אויף מיין פאר־לאנג אנצונעהמען אט יענע גוטע שטעל, וועלכע מען האט מיר פארגע־

שלאָגען, די לעצטע פּאַסירונג מיינע, שרעקט מיך אויף אַן אמת. איהר זאָגט, אַז אייער ליעבע צו מיר האָט אייך געצוואונגען צו באַהאַלטען זיך פון מיר. איך האָב שוין דאַן געזעהן, אַז איך האָב מיט אַ סך זאַכען אייך צו פאַרדאַנקען. ווען איהר האָט מיך פאַרזיכערט, אַז איהר גיט אויס אויף מיר בלויז אייערע אָפּגעשפּאָרטע געלט, וואָס איז געלעגען אין לאָמבאַרד אויף יעדען פאַל. יעצט האָב איך זיך דער־וואוסט אַז קיין אָפּגעשפּאָרטע געלט האָט איהר אינגאַנצען ניט גע־האַט. נאָר צופעליג האָט איהר זיך דערוואוסט וועגען מיין צרה'דיגער לאַגע, וועלכע האָט אייך טיעף גערירט. איהר האָט באַשלאָסען מיר העלפען און האָט אויסגעגעבען אויף מיר אייער גאַנצע געהאַלט, וועל־כע איהר האָט אָפּגענומען פאַראויס, און אפילו פאַרקויפט אייערע קליי־דער ווען איך בין געווען קראַנק. — די ענטדעקונג פון אָט די אַלע זאַ־כען האָבען מיך יעצט אוועקגעשטעלט אין אַזאַ שווערער לאַגע, אַז איך ווייס עד היום ניט ווי אויפנעהמען דאָס אַלעס און וואָס צו טראַכטען דערפון. אַך, מאַקאַר אַליעסיעיעוויטש! איהר האָט זיך באַדאַרפט אָפּ־שטעלען אויף אייערע ערשטע וואָהלטאַטען, וואָס אייער מיטגעפיהל און פריינדליכע ליעבע האָבען אייך אונטערגעזאָגט און ניט פאַר־שווענדען קיין געלט, דערצו אויף אוננויטיגע זאַכען. איהר האָט פאַרראַטען אונזער פריינדשאַפט, מאַקאַר אַליעסיעיעוויטש, ווייל איהר זענט ניט געווען אָפענהערציג מיט מיר. און איצט, ווען איך זעה, אַז איהר האָט דאָס לעצטע גע'פּטר'ט אויף קליידער, אויף קאָנפעקטען, שפּאַצירען, טעאַטער און ביכער פאַר מיר, צאָהל איך טייער דערפאַר מיט מיין באַדויערונג. איך באַדויער מיין אונפאַרגעבליכע לייכטזיניג־קייט, מיט וועלכער איך האָב דאָס אַלעס צוגענומען, זיך ניט קימערענ־דיג וועגען אייך. אַלעס דאָס מיט וואָס איהר האָט מיר געוואָלט פאַר־שאַפען פאַרגעניגען, האָט זיך איצט פאַרוואַנדעלט אין מיין פּיין און איבערגעלאָזען נאָך זיך בלויז דעם געפיהל פון נוצלאָזער באַ־דויערונג.

איך האָב באַמערקט אייער אַנגסט די לעצטע צייט, און כאָטש איך האָב אַליין אויך אין פּיין עפּעס ערוואַרטעט, אָבער דאָס וואָס עס איז געשעהן, איז מיר אפילו אופן זינען ניט געקומען! ווי האָט איהר דאָס געקענט, מאַקאַר אַלעק. צו פאַרלירען דעם מוטה ביז צו אַזאַ גראַד! נו, וואָס וועלען יעצט דענקען און זאָגען וועגען אייך אַלע

די וואָס קענען אייך? איהר, וועלכען איך און אלע איבעריגע האָבען רעספּעקטירט, פאר אייער גוטסקייט, באשיידענהייט און איינ־געהאלטענקייט. איהר זענט איצט מיט אמאָל אריינגעפאלען אין אזא אָפּשטויסענדער תאוה, פון וועלכער איהר האָט קיינמאָל ניט געליטען. איך ווייס ניט וואָס מיט מיר איז געוואָרען, ווען פיעדאָרא האָט מיר דערצעהלט, אז מען האָט אייך געפונען אין גאָס א שיכור'ען און א פּאָליציימאַן האָט אייך געבראכט אהיים! איך בין פארשטיינערט גע־וואָרען פון ענטריסטונג, כאָטש איך האָב ערוואָרטעט עטוואָס אויסער־געוועהנליכעס, ווייל איהר זענט אויף גאנצע 4 טעג פארפאלען געוואָרען. האָט איהר ניט א טראכט געטאָן דערפון, וואָס וועלען זאָגען אייערע נאָ־טשאָלניקעס, ווען זיי וועלען זיך דערוויסען די אמת'ע אורזאכע פון אייער אָפּוועזענהייט? איהר זאָגט, אז אלע לאכען פון אייך, און אז אלע האָבען זיך דערוואוסט וועגען אונזערע באציהונגען, און אייערע שכנים דערמאָנען מיך אין זייער שפּאָט.

שיינקט ניט קיין אויפמערקזאמקייט צו אזוינע זאכען, מאַקאַר אַליעקסיעיעוויטש, און אין גאָטעס ווילען בארוהיגט אייך. מיך שרעקט נאָך אייער געשיכטע מיט אָט די אָפיצירען, וועגען דער מעשה האָב איך עפּעס דונקעל געהערט. גיט מיר צו פארשטעהן וואָס מיינט דאָס אלעס, ווייל איהר האָט מורא געהאָט צו פארלירען מיין פריינדשאפט מיט אייער ערקלערונג, און אז איהר זענט געווען אין פארצווייפלונג, ניט וויסענדיג ווי אזוי מיר צו העלפען אין מיין קראנקהייט. איהר האָט זיך פארבאָרגט און אלעס פארקויפט אבי מיך אונטערצוהאלטען און ניט לאָזען מיך אין האָספּיטאָל. איהר האָט זיך אָנגעליהען וואו נאָר איהר האָט געקאָנט, און יעדען טאָג געהאָט צרות מיט דער בעל־הבית'טע. איהר האָט אויסגעקליבען דאָס ערגערע, פארבאָרגען האלטענ־דיג דאָס אלעס פון מיר. אָבער יעצט האָב איך זיך שוין פון אלעס דערוואוסט. אייך איז געווען אונאנגענעהם זיך מודה זיין, אז איך בין געווען די אורזאכע פון אייער אומגליקליכער לאגע. איצט האָט איהר מיר געבראכט צוויי מאָל אזוי פיעל צרות מיט אייער אויפ־פיהרען זיך. דאָס אלעס האָט מיך ערשיטערט, מאַקאַר אַליעקסיעיע־וויטש. אך, פריינד מיינער! אומגליקען זענען אן אנשטעקענדע קרענק. אָרימע און אומגליקליכע דארפען וואכען אום נאָך מעהר זיך ניט אָנ־שטעקען. איך האָב אייך געבראכט אזוינע אומגליקען, פון וועלכע איהר

האט פריהער ניט געליטען אין אייער באשיידענעם אפגעזונדערט אייג־זאמען לעבען. דאס אלעס מאטערט און הרג'עט מיך אוועק.

איצט שרייבט מיר אן אפען ווענען אלעס, וואס איז מיט אייך גע־וועזען און ווי אזוי האט איהר זיך באשלאסען אויף אזא מין פארברע־כען. בארוהיגט מיך אויב עס איז מעגליך. גיט מיין זעלבסטליעבע צווינגט מיך איצט אייך שרייבען ווענען מיין רוה, נאר מיין פריינד־שאפט און ליעבע צו אייך, וועלכע קיין זאך וועט ניט אויסמעקען פון מיין הארצען. זייט געזונט. מיט אונגעדולד ערווארט איך אייער ענט־פער. איהר האט שלעכט געדענקט ווענען מיר, מאק אליעקסיעיע־וויטש, אייער, אייך הארציג ליבענדע.

ווארוואַרא דאבראסיעלאווא.

דעם 28סטען יולי.

ווארוואַרא אליעקסיעיעוונא, אונשעצבארע מיינע!

נו, אזוי ווי איצט, איז שוין צו אלעם אן ענדע, און אלעס קומט צו ביסלאך צו דער פריהערדיגער לאגע, וועל איך אט וואס זאגען, מאַ־מעלע, אייך באאונרוהיגט וואס מען וועט דענקען ווענען מיר, דארום הייל איך זיך אייך צו פארזיכערען, אז מיין האנאר איז ביי מיר טייערער פון אלץ. דערפאר דערצעהלענדיג אייך ווענען מיינע אומגליקען, און אט די אלע אונרוהען, זאג איך אייך, אז פון נאטשאלסטווע ווייסט קיינער גארנים, און וועט ניט וויסען, אזוי אז זיי אלע וועלען מיך רעס־פעקטירען ווי פריהער. איין זאך שרעקט מיך: דאס איז רכילות. ביי אונז אין דער היים שרייט די בעל־הבית'טע, איצט אבער וועט מיט דער הילף פון אייערע צעהן רובעל האב איך איהר אפגעצאהלט א טייל פון חוב, בורטשעט זי בלויז און מעהר ניט. וואס אנבאלאנגט די איבעריגע, זענען זיי אויך נישקשה, מען דארף נאר ביי זיי ניט בע־טען לייהען, דאן זענען זיי אויך וואויל. צום שלום פון מיינע ערקלע־רונגען, וועל איך אייך זאגען, מאמעלע, אז אייער רעספעקט צו מיר, שטעל איך העכער פון אלץ אין דער וועלט און טרייסט זיך דערמיט אין מיינע צייטווייליגע אונרוהען. גאט צו דאנקען, דער ערשטער קלאפ, און די ערשטע צרות זענען פאריבער. און איהר האט דאס

אַזוי אויפגענומען, אַז איהר האַלט מיך ניט פאַר קיין פאַלשען פריינד. און ענגאַאיסט דערפאַר, וואָס איך האָב אייך געהאַלטען ביי זיך און גענאַרט, ניט זייענדיג אימשטאַנד צוצושיידען זיך מיט אייך, ליעב האָבענדיג אייך ווי מיין מלאכ'ל. איך האָב זיך צוריק געטריי גענומען צו מיין דיענסט און טו מיין אַרבייט גוט. יעווסטאַפּי איוואַנאָוויטש האָט מיר אפילו קיין וואָרט ניט געזאָגט, ווען איך בין געכטען געבען זיי פאַרביינעגאַנגען. איך וועל ניט באַהאַלטען פון אייך, אַז מיינע חובות און דער שלעכטער צושטאַנד פון מיין גאַרדעראָב הרג'ענען מיך אַוועק. אָבער דאָס איז אַלץ גאָר ניט, און אויך וועגען דעם, בעט איך אייך, — זייט ניט פאַרצווייפעלט מאַמעלע. איהר שיקט מיר נאָך א האַלבען רובעלע. וואַרינקאַ! אַט די פופציג קאָפּיקעס האָבען מיר מיין האַרץ צוריסען. אַז אַט ווי עס איז איצט געוואָרען, אַט ווי אַזוי דאָס איז! דאָס מיינט אַז ניט איך, אַלטער נאַר, העלף אייך מיין מלאכ'ל, נאָר איהר מיין אַרימינקע יתומה'לע העלפט מיר אַרויס! גוט האָט גע־טאָן פיעדאָראַ וואָס זי האָט געקראָגען געלט. איך האָב דערווייל ניט קיינע האָפנונגען, מאַמעלע, אויף צו קריגען געלט. און קוים וועלען זיך ווייזען אויסזיכטען וועל איך אייך גלייך אָנשרייבען אויספיהרליך וועגען דעם. נאָר רכילות, רכילות באַאונרוהיגט מיך מעהרער פאַר אַלעס. זייט געזונט מיין מלאכ'ל. איך קוש אייער הענטעל, און בעט אייך זעהר געזונט ווערען. איך בין קורץ דערפאַר, ווייל איך היייל זיך צו מיין אַמט, ווייל מיט מיה און אימפּעט, ביי דער אַרבייט וויל איך פאַרגלעטען אַלע מיינע שולדען און אונפּינקטליכקייטען צו מיין דיענסט.

די וויטערדיגע ערצעהלונג וועגען אַלע געשעהענישען און פּאַ־סירונגען מיט די אַפּיצירען לעג איך אָב ביז אין אָוועגט.

אייער האַרציג רעספּעקטירענדער און ליבענדער

מאַקאַר דעוואָושקין.

דעם 28עגן יולי.

מאַמעלע וואַרינקאַ!

אַך, וואַרינקאַ, וואַרינקאַ! אַט איצט גראַד איז די זינד אויף אייער זייט, און וועט פאַרבלייבען אויף אייער געוויסען. מיט אייער בריוועל

האט איהר מיך אינגאנצען אראפגעפיהרט פון וועג און אוועקגעשטעלט פאר מיר א דילעמא. בלויז איצט ווען איך בין אין דער פרייער מינוט אריינגעדרונגען אין די טיפענישען פון מיין הארצען, האב איך דער־זעהן אז איך בין געווען גערעכט, אבער גאר אינגאנצען גערעכט. ניט וועגען מיין ארויסטריט, רעד איך, (צום טייפעל מיט איהם, מאמעלע!) נאר וועגען דעם, וואס איך ליעב אייך, און אז עס איז שוין גאר ניט געווען אזוי נאריש פון מיין זייט צו ליעבען אייך, אפסאלוט ניט נאריש;

איהר, מאמעלע, ווייסט גאר ניט, אט ווען איהר ווייסט וואס דאס איז, און פארוואס איך מוז אייך ליעב האבען, וואלט איהר ניט אזוי גערעדט, און איך בין איבערצייגט, אז אין הארצען פיהלט איהר ווייט ניט אזוי.

מאמעלע מיינע, איך ווייס אליין ניט און געדענק ניט וואס עס איז געווען ביי מיר מיט די אפיצירען. מען מוז אייך באמערקען מלאכ'ל מיינער, אז ביז יענער מינוט בין איך געווען אין א שרעקליכע פארלעגענהייט. שטעלט זיך פאר אז איך האב זיך א גאנצען מאנאט געהאלטען ווי אויף א דינעם פעדימעל. די לאגע איז געווען א מורא־דיגע. פון אייך האב איך אלעס פארבארגען, און אין דער היים אויך. נאר מיין בעל־הבית'טע האט אנגעמאכט א געטומעל און געשריי. דאס וואלט מיך ניט ארען, זאל זי שרייען די נישטיגע פרוי, נאר איינס איז דער בזיון, און צווייטענס, ווייסט דער וואס לעבט אייביג, ווי אזוי זי האט זיך דערוואוסט פון אונזערע באציהונגען, זי האט אזעל־כעם וועגען דעם געשריען איבער דעם גאנצען הויז, אז איך בין א פאר־ציטערטער געבליבען, און פארשטעלט די אויערען. אבער די זאך איז די, וואס אנדערע האבען זייערע אויערען ניט נאר ניט פארשטעלט, נאר פארקערט, ברייט צעעפענט. און איך, מאמעלע, ווייס ניט וואו זיך איצט אהינצוטון.

און אט, מלאכ'ל מיינער, דער צוזאמענפאל פון אט די אלע צרות האבען מיך אינגאנצען צובראכען. מיט אמאל דערהערט פון פיעדארא'ן מאדנע זאכען: אז צו אייך אין הויז איז געקומען א נידעריגער נפש און האט אייך באליידיגט מיט אן אונווירדיגען פארשלאג; אז ער האט אייך באליידיגט און טיעף באליידיגט, פיהל איך אליין, מאמעלע, ווייל איך אליין האב זיך טיעף באליידיגט. דא, מלאכ'ל מיינער, האב איך זיך כמעט פון זינען גערירט. איך האב זיך אינגאנצען פארלארען.

וואַרינקאַ, פריינד מיינער, איך בין אַרויסגעלאָפען ווי אַ ווילדער אין אַ מין אונגעהערטען משוגעת, איך האָב געוואָלט געהן צו איהם דעם זינד גייציגען. איך האָב אַליין ניט געוואוסט וואָס איך האָב געוואָלט טאָן; ווייל איך וויל ניט אַז מען זאָל אייך, מיין מלאכ'ל, באַליידיגען! נו, און צו יענער צייט איז געווען אַ בלאַטע און אַ רעגען, און אַ שרעק־ליכע אומעטיגקייט האָט זיך געלעגט אויף דער נשמה! איך האָב זיך שוין געוואָלט אומקערען... אָט דאָ בין איך אַראָפּגעפאַלען, מאַמעלע. איך האָב באַגעגענט יעמעליאַן איליטש'ען, ער איז, דאָס הייסט, ער איז געווען אַ טשינאָווניק, ווייל היינט איז ער דאָס שוין ניט מעהר, מען האָט איהם אויסגעשלאָסען פון אונזער דעפּאַרטמענט — איך ווייס ניט וואָס ער טוט דאָרטען איצט, ווי ער פּלאָגט זיך. אָט זענען מיר מיט איהם אוועק. נו, יאָ, וואַרינקאַ פאַרשאַפט אייך דען פאַרגעניגען צו לעזען די געשיכטע פון פּלאָגען, אומגליקען, און פּרואָווען וואָס אַ פריינד האָט דורכגעליטען? אויפ'ן דריטען טאָג אין אָווענט, דערויף האָט מיך יעמעליאַ אַרויפגעפיהרט, בין איך אוועקגעגאַנגען צו איהם, צום אַפּי־ציער הייסט עס. דעם אַדרעס האָב איך אויסגעפונען ביי אונזער הויף אויפזעהער. איך, מאַמעלע, אויב עס איז שוין געקומען צום וואָרט, וועל זאָגען, אַז איך האָב שוין לאַנג באַמערקט עטוואָס אין אָט דעם „שעהנעם בחור“, איך האָב איהם נאָכגעשפּירט ווען ער האָט נאָך גע־וואוינט ביי אונז אין הויז. איצט פאַרשטעה איך, אַז איך האָב ניט העפליך געהאַנדעלט, ווייל איך האָב פּשוט פאַרלאָרען מיין פאַרשטאַנד. ווען מ'האָט איהם אָנגעזאָגט וועגען מיין קומען. איך, וואַרינקאַ, געדענק ווירקליך ניט ווי דאָס אַלעס איז געווען; איך געדענק בלויז אַז ביי איהם איז געווען זעהר אַ סך אָפיצערען, און אפשר האָט זיך מיר גע־דוכט — גאָט ווייס. איך געדענק אויך ניט, וואָס איך האָב גערעדט. איך ווייס נאָר אַז איך האָב אַ סך גערעדט אין מיין גערעכטען צאָרן. נאָר דאָ האָט מען מיך אַרויסגעטריבען. דאָ האָט מען מיך פון די שטי־גען אַראָפּגעוואָרפען. ניט געוויס אַראָפּגעוואָרפען, נאָר אַזוי זיך אַרויס־געשטופּט. און ווי איך האָב זיך אומגעקערט ווייסט איהר דאָך, וואַר־ינקאַ, אָט דאָס איז דאָס אינגאַנצען. געוויס בין איך אַראָפּגעפאַלען אין דער געשיכטע, מיין אַמביציע האָט געליטען. אָבער קיינער פון די זייטיגע ווייסען ניט, קיינער אויסער אייך, ווייסט ניט דערפון. און אויף אַזאַ אופן איז די מעשה ווי גאָר אינגאַנצען ניט געווען. עס קען

זיין, אז דאס איז אזוי ווי איחר רענקט ווארינקא. נאר וואס איך ווייס פאר געווים, ווארינקא, איז דאס, אז פאר א יאהרען האט ביי אונז אקסעטי אסיפאוויטש אויף אזא מין אופן אנגעטראטען פעטראוויטש'ן. אמת, אין דער שטיל. ער האט איהם על פי סוד אריינגערופען אין דעם וועכטער צימער; איך האב דאס אלעס געזעהען דורך דער שפארונע, און דארטען האט ער שוין געטאן וואס מען באדארף, אבער אויף אן איידעלען שטייגער, ווייל דאס האט קיינער ניט געזעהן אויסער מיר, נו און איך גארנישט ניט, דאס הייסט, איך וויל זאגען, אז איך האב קיי־נעם ניט געזאגט וועגען דעם. נו, און נאך דעם אלעם זענען פעטער פעטראוויטש און אקסענטי אסיפאוויטש ווי צווישען זיי וואלט גאר נישט ניט געווען, פארבליבען גוטע פריינד. פעטר פעטראוויטש, ווייסט איהר, איז זעהר אן אמביציעזער אזוי, אז ער האט קיינעם ניט געזאגט און זיי גריסען זיך עד היום און גיבען זיך די הענט. איך דעבאטיר ניט מיט אייך, ווארינקא, איך וואג ניט צו דעבאטירען מיט אייך, איך בין טיעף געפאלען, און וואס איז שרעקליכער פון אלץ, וואס איך האב אזוי פיעל פארלארען אין מיין איייגענער מיינונג. נאר געווים איז מיר אזוי פון געבארען באשערט, דאס איז זיכער דער שיקזאל, און פון דעם שיקזאל אנטלויפט מען ניט, דאס ווייסט איהר אליין. נו, אט האט איהר אייך אן אויספיהרליכע ערקלערונג פון מיינע צרות און אומגליקען, ווארינקא. דאס איז אלץ אזוינס, אז בעסער גאר ניט לעזען דאס, — איך בין אביסעל ניט גע־זונט, מאמעלע מיינע, און צוליעב דעם פארלארען די גאנצע לייכטקייט און שפיעל פון געפיהלען.

דערפאר דערצעהל איך אייך איצט וועגען מיין ליעבע, צוגעבונ־דענהייט, ליעבע און אכטונג פארבלייבט צו אייך, מיין הויכגעשעצטע ווארווארא אליעקסעיעוונא.

אייער געהארכזאמסטער דיענער,

מאקאר דעוואושקין.

דעם 29טען יולי.

הויכגעשעצטער מאקאר אליעקסיעיעוויטש!

איך האב דורכגעלעזען אייערעביידע בריעף, און בין אויסער

זיך געוואָרען! הערט זיך איין, מיין פריינד, אבער איהר פארשוויינט עפּעס פון מיר, און האָט מיר אָנגעשריבען בלויז א טייל פון די אונ־אנגענעהמליכקייטען אייערע, אָדער... מיט אַ אמת, מאַקאר אַלעקסיעיעוויטש, די בריעף רופען זיך נאָך אָפּ מיט עפּעס א מין צושרויפטקייט... קומט צו מיר, אום גאָטעס ווילען, קומט היינט צו געהן: הערט זיך איין, אָדער ווייסט איהר גאָר וואָס, קומט צוגעהן גלייך צו מיטאָג. און יא, איך ווייס דאָך ניט, ווי איהר לעבט דאָרטען, ווי איהר זענט דורכגעקומען מיט אייער בעל־הבית׳טע. וועגען דעם אַלעם שרייבט איהר גאָר ניט, פּונקט אזוי, ווי איהר וואָלט דאָס אָפּזיכטליך פאר־שוויינען. און אזוי, צום ווידערזעהען מיין פריינד: קומט צו געהן היינט אונבאַדינגט. איהר וואָלט גוט געטאָן, ווען איהר זאָלט שטענדיג קומען צו אונז פארמיטאָג. פעדאָרא קאָכט גלענצענד. זייט געזונט. אייער
וואַרוואַרא דעבראָסעלאָווא.

דעם 1טען אויגוסט.

מאַמעלע, וואַרוואַרא אַלעקסעיעוונא!

איהר זענט צופריעדען, מאַמעלע, וואָס גאָט האָט אייך געגעבען די געלעגנהייט, פאר גוטעס מיט גוטעס אָפּדיענען און מיר צו באַדאַנקען. איך גלויב דערין וואַרינקאַ, און גלויב אויך אין דער גוטס־קייט פון דעם מלאכ׳שען הערצעלע אייערען און ניט אַלס פאַרוואורף זאָג איך דאָס אייך — וואַרפט מיר בלויז ניט אויס, ווי דאַן, אז איך האָב אויף די עלטערע יאָהרען זיך פאַרדרעהט און פאַרפּלאָנטערט. נו, האָט זיך געטראָפען אזא מין זינד, טאָ וואָס טוט מען! — אויב איהר ווילט שוין יא, אז עס זאָל אונבאַדינגט זיין א זינד, אבער פון אייך דאָס צו הערען פריינטעלע מיינער, קאָסט מיך אזוי פיעל! און איהר זייט ניט בייז אויף מיר, וואָס איך זאָג דאָס אייך, ווייל אינוועניג אין מיין ברוסט, מאַמעלע, נאָגט, עס נאָגט אזוי שטאַרק. אָרימע מענשען זענען קאַפּריזנע: — דאָס איז שוין פון דער נאַטור אזוי באַשטימט. איך האָב דאָס פריהער אויך געפיהלט. ער, דער אָרימער מענש, האָט פּרעטענזיעס, און אויף גאָטס וועלט קוקט ער אויך אַנ־דערש, קוקט קאָסע אויף יעדען פאַרבייגעהער, מיט א פאַרלאָרענעם

בליק, פיהרט ער ארום זיך. און הערט זיך צו צו יעדען וואָרט, טאָמער רעדט מען דאָרט פון איהם עפּעס. אפשר זאָגט ווער, אז ער איז א פארזעהעניש? ער האָט פּונקט אזוי געפיהלט, אָט צום בייששפּיעל, ווי וועט ער אויסזעהען פון דעם זייט און ווי אזוי פון יענער זייט? און דאָס ווייסט יעדער איינער, ווארינקא, אז אן אָרימער מענש איז ערגער פון א שמאַטקעלע, און קען פון קיינעם קיין שום רעספּעקט ניט קריגען, וואָס זיי זאָלען דאָרטען ניט זאָגען, אָדער שרייבען אָט יענע שמירער. — וועט אַלץ אין דעם אָרימען מענשען פארבלייבען ווי געווען. בלייבט א קשיה פארוואָס וועט אַלעס זיין ווי געווען? ווייל לויט דער מיינונג פון אָט די שרייבערלאַך קומט ביי אָרימע מענשען אַלץ אויס מיט'ן קאָפּ אראָפּ. נאָך זיי נאָך פארמאָגט ניט יער אָרימאַן קיין געפיהל פאר עטוואָס העכערעס, עס עקזיסטירט ניט פאַר איהם קיין אַמביציע, קיין שטרעבונג אָדער הייליגעס. ניין, ניין און ניין! יעמעליאַן דערצעהלט, אז ניט לאַנג צוריק האָט מען געמאַכט פאַר אים עטליכע רובעל, דורך א זאַמלונג פון צעהן קאָפּעדאָר נדבות. און יעדער איינער פון די גיבער האָט זיך געפיהלט באַרעכטיגט צו מאַכען איהם, אזוי צו זאָגען אן אָפּיציעלע אונטערזוכונג. זיי האָט זיך בלויז געדוכט, אז זיי גיבען אוועק אומזיסט זייערע גראָשענס, אבער ניין, עס הויבט זיך אפילו ניט אָן: דאָס האָבען זיי באַצאָהלט דערפאַר אז מען זאָל זיי ווייזען אן אָרימען מענשען! היינטיגע צייטען, מאַמעלע, טוען זיך אפילו וואוילטעטיגקייטען אויף א מאָדנעם שטייגער... און אפשר האָבען זיך וואוילטאָטען אימער אזוי געטאָן? ווער ווייסט! אבער זיי קענען ניט טאָן קיין גוטע זאַכען. אָדער זיי זענען שוין צו גרויסע בריות דערצו — איינס פון די צוויי. עס קען זיין אז איהר האָט דאָס ניט געוואוסט. טאַ נאָט אייך! אין אנדערע זאַכען זענען מיר אפשר שוואך, נאָר אין דעם זיינען מיר־בריות. וואָרום ווייסט אָט דאָס אַלעס דער אָרימער מענש און טראַכט וועגען אַלץ אזעלכע זאַכען? פארוואָס? — נו, לאָמיר זאָגען פון ערפאַהרונג! און נאָך דערפאַר, וואָס ער ווייסט, אז זייט ביי זייט מיט איהם לעבט אזא מין הער, וואָס געהט ערגעץ אין א רעסטאָראַן און רעדט מיט זיך אַליין, אָט, וואָס וועט היינט עסען דער קבצן טשינאָווניק? איך וועל עסען א סאָט־פּאַפּעליוט, און ער וועט אפשר עסען א קאַשאַ אָהן פּוטער. — נו, וואָס איז דאָס איהם פאַר א דאגה, אז

איך וועל עסען א קאשא אהן פוטער? עס טרעפט אזא מענש, וואַרינקא, וועלכער טראַכט בלויז וועגען דעם. און זיי געהען ארום, אַט די מיאוסע אונהעפליכע און קוקען בלויז צו טרעטסטו מיט׳ן גאַנצען פוס אויפ׳ן שטיין צו מיט די שפּיץ פינגער נאָר. און נאָך, אַט ווי ביי אזא מין טשינאָווניק, פון דעם און דעם דעפּאַרטמענט, ביי א טיטוליאַרנעם ראַטהגעבער, סטירטשען די נאַקעטע פינגער פון די שטיוועל, און אַז אַט זענען די ארבעל און די עלענבויגען צוריסען, און דערנאָך באַשרייבט מען דאָס אלעס, און אזא מין שמאַטע דרוקט מען נאָך... — וואָס איז דיין געשעפט וואָס מיין קלייד איז צוריסען אין די עלענבויגענס? יא, אויב איהר זאָלט מיר פאַרגעבען, וואַרינקא, א גראָבען וואָרט, וואָלט איך אייך זאָגען אַז די שעמעוודיגקייט פון אַן אָרימען מענשען אין דעם זין איז געגליכען צו אייער מיידעל׳שערשער שעמעוודיגקייט. אַט איהר וועט ניט נעהמען פאַר אַלעמען, — פאַרגיט מיר מיין גראָבען וואָרט, — זיך אויסטאָן, אַט פּונקט אזוי גלייכט ניט דער אָרימער מענש, אַז מען זאָל איהם אריינקוקען אין זיין קאַנורא, אום צו זעהן וואָס זענען דאָרטען זיינע פאַמיליען־באַציהונגען. א ניט, איז נאָך וואָס האָט מען באַדאַרפט מיך באַליידיגען און צוזאַמען מיט מיינע שונאים זיך וואַרפען אויף מיר און טרעטען מיט די פיס די עהרע און אַמביציע פון אַן אָרימען מענשען!

יא, אפילו ביי דער ארבייט בין איך היינט געזעסען ווי א מין בער אָדער אַפּגעפליקטער וואָראָבעל, אזוי אַז איך בין אַליין פאַר זיך שיער ניט פאַרברענט געוואָרען פון שאַנדע. א בזיון איז מיר געווען, וואַרינקא! נאַטירליך ווערסטו אַפּהענדיג, ווען צווישען די קליידער לייכטען זיך די נאַקעטע עלענבויגען און די קעפּעלאַך פּלאַנטערען זיך אויף די פעדימלאַך. און ביי מיר ווי אויף צו להכעיס איז דאָס אַלעס געווען אין אזא אונאָרדנונג! ניט ווילענדיג פאַרלירסטו דעם מוט. פאַרוואָס!... סטעפאַן קאַרלאָוויטש אַליין האָט היינט אָנגעהויבען צו רעדען מיט מיר וועגען געשעפט, ער האָט גערעדט און האָט גלאַט אזוי זיך צוגעגעבען: „אך, טאַטעניו מיינער, מאַקאַר אַליעקסיעיעוויטש!“ און ניט דערזאָגט דאָס איבעריגע, וואָס ער האָט געדענקט, אָבער איך האָב שוין אַליין פאַרשטאַנען, און בין אזוי רויט געוואָרען אַז אפילו מיין פּליך האָט זיך פאַררויטעלט. אין תוך גענומען איז דאָס דאָך גאָר ניט, אָבער פונדעסטוועגען, מאַכט דאָס אזוי אונרוהיג, און ברייינגט

ארויף אויף שווערע געדאנקען. האָבען זיי דאַרטען חלילה ניט אויסגע־פונען וואָס ניט איז? באהיט אונז גאָט, אז זיי זאָלען זיך עפּעס דער־וויסען. דעם אמת געזאָגט, האָב איך א פאַרדאַכט אויף איין מענשען. זעהט, ביי אָט די רויבער, איז אַלץ הפקר! זיי קענען ארויסגעבען! דיין גאַנצען פּריוועטען לעבען וועלען זיי דיר פאַר גאָר ניט ארויסגעבען: ביי זיי איז ניטאָ קיין הייליגעס.

איך ווייס איצט וועמענס ארבייט דאָס איז; דאָס איז ראַטאַזיאַ־יעווס ארבייט. ער איז באקאַנט מיט אימיצען פון אונזער דעפּאַרט־מענט, האָט ער זיכער אין א געשפּרעך דאָס אַלעס איבערגעגעבען, צוגעבענדיג א סך זיין אייגענס דערצו; אדער ער האָט אפשר דער־צעהלט אין זיין דעפּאַרטמענט און דאָס האָט שוין דערגרייכט אונ־זערען. ביי אונז אין הויז ווייסען שוין אַלע ביז׳ן מינדסטען און מען ווייזט אָן מיט די פינגער אויף אייער פענסטער. נעכטען ווען איך בין אוועק צו אייך פאַר מיטאָג, האָבען זיי זיך אַלע פון די פענסטער ארויסגעהאנגען און די בעל־הבית׳טע האָט געזאָגט, אז אָט האָבען זיך פארבונדען דער טייפעל מיט׳ן הייליגען קינד, און דערנאָך האָט זי אייך אָנגערופען מיט א מיאוס׳ען נאָמען. נאָר דאָס איז אַלץ גאָרניט, אין פאַרגלייך מיט דעם נידריגען פאַרלאַנג פון ראַטאַזיעווען אריינ־שטעלען מיך מיט אייך אין דער ליטעראַטור און אונז שילדערען אין אַ סאַטירע: ער האָט דאָס אַליין געזאָגט, און גוטע מענשען פון אונ־זעריגע האָבען מיר דאָס איבערדערצעהלט. און איך קען שוין וועגען קיין זאַך ניט טראַכטען, מאַמעלע, און ווייס ניט אפילו אויף וואָס זיך צו באַשליסען. ניטאָ וואו די זינד צו באהאַלטען, מיר האָבען דערצאַ־רענט דעם וואָס לעבט אייביג, מלאכ׳ל מיינער! איהר, מאַמעלע, האָט מיר געוואָלט אַזאַ מין ביכעל צושיקען, כדי לאַנגווייליגקייט צו פאַר־טרייבען. נו, צו אַלדע גוטע יאָהר, אַזאַ מין ביכעל, מאַמעלע! וואָס אַזוינס איז א ביכעל? א זאַך וואָס ניט געשטויגען און ניט געפלויגען אין פערזאָנען! און א ראָמאַן איז אויך א נאַרישקייט, און צוליעב נאַ־רישקייטען אָנגעשריבען, אַזוי זיך פאַר לעדיג־געהער צום לייענען: גלויבט מיר, מאַמעלע, גלויבט מיין יאָהרענלאַנגער ערפאַהרונג; און טאָמער פאַררעדען זיי אייך די ציין מיט שעקספּיר׳ן. פאַרזיכער

איך אייך, אז אויך שעקספּיר איז גאָרנישט ניט ווערט. דאָס אַלץ איז גאַלע גאָרניט און דאָס איז פאַר א פאַסקוויל!

אייער,

מאַקאַר דעוואושקין.

דעם 2טען אויגוסט.

הויכגעשעצטער מאַקאַר אַליעקסיעיעוויטש!

באַאונרוהיגט אייך וועגען קיין זאַך ניט. גאָט וועט געבען און אַלעס וועט זיך איינשטילען. פעדאָרא האָט פאַר מיר געקראָגען א וועלט מיט אַרבייט; און מיר האָבען זיך מיט גרויס פריידע גענומען צו איהר: עס קען זיין אז מיר זאָלען אַלעס פאַרריכטען. זי פאַרדעכטיגט אז די אַלע לעצטען פאַלגען מיינע האָבען א שייכות מיט אַנאַ פעדראָוונא; נאָר מיר איז דאָס אַלץ איינס איצט. מיר איז היינט אויסער געוועהנליך פרעהליך. איהר ווילט לייהען געלט, — זאָל אייך גאָט היטען, איהר וועט זיך דערנאָך ניט קענען באַפרייען פון קיין צרה, ווען איהר וועט דאַרפען אָפּגעבען. בעסער לעבט מיט אונז נעהענטער, קומט צו געהן צו אונז אָפטער און שענקט ניט קיין אויפמערקזאַמקייט צו אייער בעל הבית'טע. וואָס אַנבעלאַנגט צו די איבעריגע ניט פאַרגינער און שונאים אייערע, בין איך איבערצייגט, אז איהר מאַטערט זיך מיט אומזיסטע פאַרדאַכטען, מאַקאַר אַלעקסיעיעוויטש. זעהט זשע, איך האָב אייך נאָך לעצטען מאָל געזאָגט, אז אייער סטיל איז זעהר ניט גלאַט. נו, זייט געזונט, צום ווידערזעהן. איך ערוואַרטע אייך אונבאַדינגט, ביי זיך.

אייערע

ו. ב.

דעם 3טען אויגוסט.

מלאכ'ל מיינער, וואַרוואַרא אַלעקסעוונא!

איך הייל זיך אייך מיטצוטיילען, מלאכ'ל מיינער, אז ביי מיר זענען געבוירען געוואָרען געוויסע האָפנונגען. ערלויבט מיר טעכ־

טערעל מיינע — איהר שרייבט, אז איך זאָל קיין חובות ניט מאַכען? טייבעלע מיינע, עס איז ניט מעגליך אָהן בארג; עס איז שוין מיר אויך שלעכט, און מיט אייך, מאַלע וואָס, עס טרעפט מיט אמאָל, עפּעס ניט אזוי! און איהר זענט דאָך אזא שוואַכינקע, אַט צוליעב דעם שרייב איך דאָס טאָקע אז באָרגען איז אומבאַדינגט נויטיג. נו און אזוי זעץ איך פאָר.

איך וויל אייך באמערקען, אז אין אונזער דעפּארטמענט זיץ איך צוזאמען מיט יעמיליאן איוואנאָוויטשען. ניט מיט יענעם, וואָס איהר ווייסט. דער איז ווי איך א טיטולארנער ראַטגעבער, און איך מיט איהם זענען אין אונזער דעפּאַרטמענט כמעט די עלטסטע און פונדאַ־מענטאַלסטע דיענער, ער איז א גוטע נשמה, זעהר א וואוילער, אזא מין ניט באיידעווודיגער, זעהט אימער אויס ווי אן אמת'ער בער. דערפאַר איז ער א געשעפטסמעסיגער, און א פען האָט ער, דאָס איז אין דער אמת'ען אן ענגלישע האַנטשריפט. און אויב שוין דעם גאַנצען אמת דערצעהלען שרייבט ער ניט ערגער פון מיר. — א ווירדיגער מענש. נאָהענט זענען מיר קיינמאל ניט געווען, בלויז אזוי זיך, ווי עס איז אנגענומען: גוט מאָרגען, גוט יאָהר, אויב עס האָט אמאָל געטראָפען אז איך האָב זיך גענויטיגט אין א מעסערעל, פלעג איך ביי איהם בעטען, גיט מיר, איך בעט אייך, יעמיליאַן איוואנאָוויטש דאָס מע־סערעל. — מיט איין וואָרט בלויז דאָס וואָס עס פאָדערט זיך אין צוזאמען לעבען. אַט היינט זאָגט ער מיר: מאַקאַר אלעקסיעיעוויטש וואָס האָט איהר זיך דאָס אזוי פארטראַכט? איך זעה אז דער מענש מיינט מיין טובה, האָב איך איהם געעפענט מיין האַרץ. — אז אַט אזוי און אזוי איז דאָס יעמעליאַן איוואנאָוויטש, דאָס הייסט איך האָב ניט געזאָגט אין גאַנצען, ווייל זאָגען האָב איך קיין מוט ניט, נאָר אזוי אביסעלע האָב איך איהם דערצעהלט, אז איך בין פאַראיינגט און דאָס גלייכען. „וואָלט איהר געליהען, טאַטוניו", זאָגט יעמעליאַן איוואַ־נאָוויטש; „איהר וואָלט געליהען, כאָטש ביי פּעטער פּעטראָוויטש'ן וואָלט איהר לייהען אויף פּראָצענט." איך האָב אליין געליהען: פּראָצענ־טען נעהמט ער אנשטענדיגע ניט קיין איבעריג שווערע. נו, וואַרינקאַ, מיין האַרץ האָט אויפגעשפּרונגען. איך טראַכט און טראַכט אפשר וועט איהם גאָט געבען אזא מחשבה, דעם וואוילטעטיגען פּעטער פּעטראָוויטש'ן און ער וועט מיר לייהען. און אליין חשבון איך שוין אלץ אז אַט וואָלט

איך דער בעל־הבית׳טע באַצאָהלט, אייך אַרויסגעהאָלפען, און אַליין וואָלט איך זיך אַרום און אַרום פאַריכט. ווייל אַזוי איז דאָס שוין אַזאַ שאַנדע, אַז עס איז מורא׳דיג אַפילו אויף אַ פּלאַץ צו זיצען, אויסער דעם, לאַכען זיי די צײן־שטירצער אונזערע, זאָל זיי גאָט פאַרגעבען! און אַמאָל געהט זיין הערשאַפט אַליין דורך פאַרביי אונזער טיש: נו זאָל גאָט היטען, זיי זאָלען וואַרפען אַ צופעליגען בליק אויף מיר, און באַמערקען אַז איך בין ניט אַנשטענדיג אָנגעטאָן! ביי זיי איז דאָס די וויכטיגסטע זאַך, אַז מיר זאָלען זיי אָנגעטאָן נעט און ריין. זיי וועלען טאַקע אפשר גאָר ניט זאָגען, נאָר איך וועל שטאַרבען פון שאַנדע.— אַט אַזוי וועט דאָס זיין. אַט צוליעב דעם, האָב איך זיך געשטאַרקט און באַהאַלטען דעם בזיון אין קעשענע פול מיט לעבער, און פול מיט האָפנונג. ניט טויט און ניט לעבעדיג, ווייזט אויס, פון ערוואַרטונגען בין איך אַוועק צו פעטער פעטראַוויטש׳ן. נו, און וואָס, אַלעס האָט זיך מיט גאָר ניט אויסגעלאָזען! ער איז עפּעס געווען פאַרנומען. ער האָט גערעדט מיט פעדאָסען איוואַנאָוויטש׳ן. איך בין צוגעגאַנגען צו איהם פון דער זייט, האָב איהם אַ ציה געטאָן פאַר׳ן האַנט, פעטער פעטראַוויטש, אָה, פעטער פעטראַוויטש! — ער האָט זיך אומגעקוקט, און איך זעץ פאַר, אַז אַט אַזוי און אַזוי, אַ רובעל 30 וויל איך לייהען א. וו.— צועשרט האָט ער מיך ניט פאַרשטאַנען, נאָר ווען איך האָב איהם אַלעס ערקלערט, האָט ער זיך צולאַכט און גאַרניט, ער איז אַנטשוויגען געוואָרען, און איך קום צו איהם אויף דאָס ניי מיט׳ן זעלבען. פרעגט ער מיך: „אַ משכן האָט איהר?“ — און אַליין האָט ער אַריינגעטאָן דעם קאָפּ אין פּאַפּיר, שרייבט און קוקט ניט אויף מיר. — איך האָב זיך אביסעל צומישט. — „ניין, זאָג איך, פעטער פעטראַוויטש, קיין משכן האָב איך ניט — און ערקלער, אַז ווי נאָר איך קריג מיין געהאַלט גיב איך איהם דאָס אָפּ אונבאַדינגט. איך וועל דאָס האַלטען פאַר מיין חוב“. — דאָ האָט איהם אימיצער אַרויסגערופען, און איך האָב צוגעוואַרט פאַר איהם, ער האָט זיך אומגעקערט און גענומען פאַריכטען די פען, אַזוי ווי ער וואָלט מיך איגנאָרנצען ניט באַמערקען. און איך קום אַלץ מיט דעם מייניגען, פעטער פעטראַוויטש, קענט איהר ניט וואָס ניט איז? ער שווייגט, פונקט ווי ער הערט ניט. איך בין געשטאַנען און טראַכט, איך וועל צום לעצטען מאָל פּרואווען און האָב איהם אַ ציה געטאָן פאַר׳ן אַרבעל. ער זאָל דאָס כאָטש זאָגען אַ וואָרט. ער

האָט פאַריכט די פּען און זיך געזעצט שרייבען; און איך בין אוועקגע־גאַנגען. זעהט איהר, מאַמעלע, עס קען זיין אַז זיי זענען אַלע ווירדיגע מענשען, אָבער שטאָלצע, זעהר שטאָלצע... — וואָס קומט מיר אַרויס! זוי קום איך צו זיי, וואַרינקאַ. אַט דערפאַר טאַקע האָב איך אַנגעשרי־בען דאָס אַלעס. — יעמיליאַן איוואַנאָוויטש האָט זיך אויך צולאַכט, און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, דערפאַר האָט ער נייע האָפנונגען אין מיר אַריינגענעאָסען, דער האַרציגער. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו רעקאָמענ־דירען צו איינעם אַ מענשען; אַט דער מענש וואַרינקאַ, וואוינט אויף דער וועבאַרגסקי זייט, און גיט אויך געלט אויף פּראָצענט. ער באַ־לאַנגט צום 14טען קלאַס. יעמעליאַן איוואַנאָוויטש זאָגט, אַז דער וועט שוין אומבאַדינגט געבען, איך וועל געהן מאָרגען מלאכ'ל מיינער.—אַ? ווי דענקט איהר, ער וועט געבען? ניט צו לייהען איז אַ ריינער אומ־גליק. די בעל־הבית'טע טרייבט מיך כמעט פון דער דירה. זי זאָגט זיך אָפּ צו געבען מיר מיטאָג. מיינע שטיוועל זענען אויך מורא'דיג שלעכט, מאַמעלע. קיין קנעפּלאַך האָב איך ניט. און בלויז נאָר דאָס האָב איך דען ניט! נו, און ווי וועט זיין אַז אימיצער פון נאַטשאַלסטווע וועט באַמערקען אַזאַ ניט אַנשטענדינקייט? אַן אומגליק, וואַרינקאַ, פּשוט אַן אומגליק!

מאַקאַר דעוואושקין.

דעם 4טען אויגוסט.

ליעבער מאַקאַר אַלעקסעיעוויטש!

אום גאָטעס ווילען, באַרגט אַזוי שנעל ווי איהר קאָנט נאָר, ווי־פּיעל ניט איז געלט, איך וואָלט ביי אייך ניט בעטען קיין הילף ביי יעצטיגע אומשטענדען, נאָר ווען איהר וואָלט וויסען ווי מיין לאַגע איז איצט! אין דער דירה קענען מיר מעהר בשום אופן ניט בלייבען. מיט מיר האָט פּאַסירט אַ שרעקליכע זאַך, ווען איהר ווייסט ווי איך בין ער־שיטערט און אויפגערעגט! שטעלט אייך פאָר מיין פריינד, הייגט אין דער פריה קומט צו אונז אַריין אַן אונבאַקאַנטער מענש, שוין אַן על־טערער, כמעט אַן אַלטער מיט אָרדענס, איך האָב זיך שטאַרק פאַר־וואונדערט און ניט פאַרשטאַנען וואָס דאַרף ער דאָ ביי אונז? פעדאָ־

דא איז דערוויילע ארויסגעגאנגען עפּעס קויפען. ער האָט זיך גענומען פּארנאנדער פרעגען, ווי איך לעב, וואָס איך טו, און ניט דערוואַרטענדיג זיך אויף קיין ענטפער. האָט ער ערקלערט, אז ער איז יענעם אָפּיצערס אָנקעל, און אז ער איז זעהר בייז אויף זיין פּלעמעניק פאר זיין שלעכטער אויפפיהרונג. און דערפאר וואָס ער האָט אונז פארשעמט איבער'ן גאנצען הויז; ער האָט געזאָגט, אז זיין פּלימעניק איז א אינ־געל און א ווינטעגטרייבער. און ער איז באַרייט מיך צו נעמען אונטער זיין שוץ; ער האָט מיר געראָטען ניט צו פאָלגען קיין יונגע מענ־שען און האָט צוגעגעבען, אז ער האָט מיטלייד מיט מיר, ווי א פאָטער, און שפּירט צו מיר פאטערליכע געפיהלען. ער איז מיר גרייט צו העל־פען אין אלעם. איך בין אינגאנצען רויט געוואָרען, ניט וויסענדיג וואָס צו טראַכטען, אבער איך האָב זיך ניט געאיילט צו דאַנקען. ער האָט מיך מיט געוואַלד אָנגענומען פאר'ן האַנט, א גלעט געטאָן איבער'ן באַק און געזאָגט, אז איך בין מעהר ווי א שעהנינקע, און אז ער איז שטאַרק צופריעדען דערמיט וואָס איך האָב חן ־ גריבעלאָך אויף די באַקען. (גאָט ווייסט, וואָס ער האָט נאָך אָנגערעדט). צום סוף האָט ער מיך געוואָלט א קוש טאָן, זאָגענדיג אז ער איז שוין אַן אַלטער (ער איז געווען אַזוי אָפּשטויסענד מיאוס!) — דאַ איז אריינגעקומען פיעדאָ־ראַ. ער איז אביסעל צומישט געוואָרען און האָט ווידער אָנגעהויבען רעדען, אז ער פיהלט צו מיר רעספּעקט, פאַר מיין באַשיידענהייט און גוטער אויפפיהרונג, און וויל זעהר שטאַרק אז איך זאָל זיך ניט האַל־טען פרעמד צו איהם. דערנאָך האָט ער אָפּגערופען פעדאָראַ'ן איז א זייט, און אונטער א מאָדנעם אויסדרוק האָט ער איהר געוואָלט גע־בען עפּעס געלט. פאַרשטעהט זיך, אז פעדאָראַ האָט ניט גענומען. אַם ענדע האָט ער זיך גענומען קלייבען א היים. ער האָט נאָך אמאָל ווי־דערהאָלט זיינע פאַרזיכערונגען און צוגעזאָגט קומען א צווייטען מאָל. ער וועט מיר ברייגנען אוירינגלעך (דאַכט זיך אז אליין האָט ער זיך אויך געפיהלט זעהר פאַרלאָרען) ער האָט מיר געראָטען איבערבייטען די דירה, און האָט מיר גלייך רעקאָמענדירט איינע א פּראַכטפאַלע, וואָס ער האָט אויפ'ן אויג, און וועלכע וועט מיך גאָרניט קאָסטען. ער האָט געזאָגט אז ער האָט זיך פאַרליעבט אין מיר, ווייל איך בין אַן עהרליכע און וואוילע מיידעל. ער האָט מיר געראָטען זיך היטען פון דער צולאָזענער יוגענד. און צום סוף האָט ער ערקלערט אז ער קען

אנא פעדראוונא, און אז אנא פעדראוונא האט איהם געבעטען מיר איבערגעבען אז זי אליין וועט מיך באזוכען. דא האב איך אלץ פאר־שטאנען און איך וויים ניט, וואס מיט מיר איז געווארען; דעם ערשטען מאל אין מיין לעבען בין איך געוועזן אין אזא לאגע; איך בין ארוים פון די כלים און האב איהם אינגאנצען פארשעמט. פעדארא האט מיר געהאלפען, און האט איהם כמעט ארויסגעטריבען פון הויז. מיר האבען באשלאסען אז דאס איז אנא פעדראוונא'ס א שטיקעל אר־בייט; אויב ניט, טא פון וואנעט וואלט ער געוואוסט פון אונז?

איצט וועגד איך זיך צו אייך מאקאר אלעקסיעיעוויטש, און בעט ביי אייך הילף. אום גאטעס ווילען לאזט מיך ניט איבער אין אזא לא־גע! לייהט איך בעט אייך וויפיעל איהר קענט, קריגט געלט, ווייל מיר האבען ניט קיין געלט אויף זיך ארויסצוקלייבען פון דער דירה, דא קען מען ניט בלייבען מעהר; פעדארא ראט אויך אזוי צו טאן. מיר מוזען האבען כאטש 25 רובעל. איך וועל אייך אומקערען די געלט; איך וועל פארדינען; פעדארא וועט מיר די טעג קריגען נאך ארבייט, אזוי אז אויב אייך וועלען אפשטעלען גרויסע פראצענטען, טא קוקט ניט אויף זיי און ווילגט איין אויף אלעס. איך וועל אלעס אפ־געבען, נאר אין גאטעס ווילען, לאזט מיך ניט איבער אהן אייער הילף. עס קאסט מיך א סך צו באאונרוהיגען אייך איצט, ביי אזעלכע אומ־שטענדען, אבער אויף אייך אליין איז מיין גאנצע האפנונג! זייט גע־זונט מאקאר אליעקסיעיעוויטש, דענקט וועגען מיר, און גאט וועט אייך געבען ערפאלג.

וו. ד.

דעם 4טען אויגוסט.

טייבעלע מיינע, ווארוואדא אלעקסיעיעוונא!

אט, אט די אלע אונערוואדטעטע קלעפ ברעכען מיך צוזאמען! אט אזעלכע שרעקליכע אומגליקען דער'הרג'ענען מיין גייסט! אויסער דעם וואס אט די אלע קליידער־לעקער און פארשידענע עקעלהאפטע מיאוסע אלטע ווילען אייך מיין מלאב'ל, אויף קראנקען בעט ארויפ־ברענגען, ווילען זיי אויך מיך אומברענגען. אט די קליידעל־לעקער

זיי וועלען מיך אומברענגען, איך שווער אייך, אז זיי וועלען מיך אומ־ברענגען! אַט אפילו איצט בין איך גרייט גיכער שטארבען איידער אייך ניט צו העלפען! און העלף איך אייך ניט, וועט שוין דאָ מיין טויט זיין, ווארינקא, א ריינער, אן אמת'ער טויט, וועל איך אייך יא העל־פען, וועט איהר אוועקפליהען ווי א פויגעלע פון נעסט, וועלכע אַט די סאוועס, די בלוטדורשטיגע פויגלען האבען זיך פארזאמעלט אויפצו־עסען. דאָס מאַטערט מיך טאקע מאמעלע. און אויך איהר, ווארינקא, זענט אזא גרויזאמע! ווי איז דאָס מיט אייך, מען פּלאָגט אייך, מען באליידיגט אייך, און איהר, פויגעלע מיינס, ליידט אזוי און דערצו האָט איהר נאָך עגמת נפש, וואָס מען דארף מיך באאונרוהיגען. דערצו זאָגט איהר נאָך צו אוועקצוגעבען דעם חוב. דעם אמת געזאָגט, מיינט דאָס, אז איהר וועט זיך פּטר'ען מיט אייער שוואכען געזונט, אום כדי מיר אין צייט צו קומען צו הילף! אבער איהר, ווארינקא, גיט בלויז א טראַכט וועגען וואָס איהר רעדט! אַבער צו וואס דארפט איהר נעהען, נאָכוואס ארבייטען און מוטשען דעם אָרימען קעפּעלע אייערען מיט זאָרג, און אייערע שעהנינקע אויגעלאך צו פּטר'ן, דערצו צו פּטר'ן דאָס געזונט? אך, ווארינקא, ווארינקא! זעהט איהר שוין טייבעלע מיינע, אז איך טויג גאָר נישט, נאָר איך ווייס אַליין אז איך טויג צו גאָר נישט! איך וועל איבערקומען אַט די שלעכטע צייט און וועל אַליין קריגען צייטוויילגע ארבייט, איך וועל איבערשרייבען פארשידענע פאפּירען פאר ליטעראטען. איך וועל געהן צו זיי. איך וועל אַליין געהן און זיי בעטען, אז זיי זאָלען מיר געבען ארבייט, ווייל זיי, מאמעלע, זוכען דאָך גוטע שרייבערלאך, איך ווייס, אז זיי זוכען, און איך וועל אייך ניט דערלאָזען א תל צו מאכען פון זיך מיט ארבייט; איך וועל אייך ניט דערלאָזען דורצופיהרען אזא שרעקליכען פארלאנג. איך וועל מלאכ'ל מיינער, אומבאדינגט ליהען, איך וועל גיכער שטארבען, איי־דער ניט קריגען קיין געלט. איהר שרייבט מיר, טייבעלע מיינס, — איך וועל זיך ניט שרעקען, איך וועל בעטען, מאמעלע, פערציג רו־בעל, ניט קיין סך, ווי דענקט איהר ווארינקא? קען מען מיר געטרויען 40 רובעל פון דעם ערשטען בליק? איך וויל זאגען, הייסט עס, צי רעכענט איהר, אז איך בין פעהיג פון ערשטען בילק ארויסרופען צוטרויען און זיכערהייט? נאָכ'ן פּנים נאָך, פון ערשטען בליק, קען מען עפּעס ארויסטראַגען א גוטען פארטרויליכען איינדרוק וועגען מיר. דער־

מאגט זיך, מלאכ'ל מייגער, בין איך פעהיג צו באאיינפלוסען, ווי דענקט איהר? ווייסט איהר איך פיהל אזא שרעק, — קרענקליך אזוי, באמת קרענקליך! פון די 40 רובעל לעג איך אפ 25 פאר אייך, צוויי דער בעל־הבית'טע, און דאס איבעריגע לאז איך פאר מיינע אייגענע אויסגאבען. זעהט איהר, דער בעל־הבית'טע האט מען באדארפט געבען מעהר, דאס איז אפילו נויטווענדיג. אבער איהר, מאמעלע, טראכט זיך אריין אין דער גאנצער זאך, רעכענט אוים אלע מיינע נויטען, מאמעלע, און איהר וועט גלייך זעהן אז מעהר קען מען בשום אופן ניט, הייסט דאס אז דערפון איז ניטא וואס צו רעדען, מען דארף דאס אפילו ניט דערמאנען. פאר א זילבערנעם רובעל וועל איך קויפען שטיוועל; ווייל איך ווייס ניט צי וועל איך קענען אין מיינע אלטע נעהן מארגען צו דער ארבייט. א האלז־טיכעל איז אויך זעהר נויטיג, דעם אלטען ווערט שוין באלד א יאהר, נאר אזוי ווי איהר האט מיר צוגעזאגט פון דעם אלטען פארטיכעל אייערען אויסשניידען ניט נאר א טיכעל, נור א מאנישקע אויך, וועל איך שוין פון קיין טיכעל ניט טראכטען, אט זענען א טיכעל מיט שטיוועל שוין דא. היינט קנעפעלאך, פריינטעלע מיינס! איהר וועט דאך איינשטימען, ברעקעלע מיינע, אז אהן קנעפלאך קען איך זיך ניט באגעהן, א האלבע זייט האט זיך אינגאנצען אפגעשאטען! איך ציטער אינגאנצען ווען איך דענק וואס זיין הערשאפט וועט זאגען, ווען ער וועט אזא אונארדנונג באמערקען, יא, זאגען — אבער וואס וועלען זיי זאגען. איך וועל ניט הערען, מאמעלע, וואס מען וועט זאגען, ווייל איך וועל שטארבען, איך וועל שטארבען אויפ'ן ארט, אט אזוי וועל איך נעהמען און שטארבען פון בזיון, פון דעם געדאנק אליין! — אך, מאמעלע! — יא, עס וועט נאך איבערבלייבען פון אלע נויטען א דריי רובעל־שטיק, אט דאס געלט וועל איך לאזען פארלעבען: אויף א האלב פונט טיטין, ווייל מלאכ'ל מיינער איך קען אהן טיטין ניט לעבען, און אט איז שוין דער נייינטער טאג אז איך האב די ליולקע אין מויל ניט גענומען. איך וואלט געוויסענהאפט געקויפט, פאר אייך אויך עפעס געקויפט און אייך ניט געזאגט, נאר דאס הארץ דערלאזט ניט. אט ביי אייך איז דארט א צרה, איהר זאגט זיך אפ פון דעם לעצטען און איך געניס דא פארשידענע פארגעניגענס. אט צוליעב דעם דערצעהל איך אייך דאס אלעס, כדי עס זאלען מיך ניט מאטערען געוויסענביסע. איך בין זיך אפען מודה, וואס־

רינקא, אז איך געפין זיך איצט אין אַן אויסערגעוועהנליך צרה'דיגער לאַגע, דאָס איז עטוואָס אַזעלכעס וואָס האָט נאָך קיינמאָל מיט מיר ניט פּאַסירט. די בעל־הבית'טע פאַראַכטעט מיך, קיין רעספּעקט זעה איך פון קיינעם ניט, איך נויטיג זיך מורא'דיג, האָב חובות, און אויף מיין אָמט, ווי צווישען מיינע ברידער טשינאָווניקעס, האָב איך פריער אויך פון קיין יום טוב ניט געוואוסט, איז שוין איצט, מאַמעלע, געווים אַפּגערעט דערפון. איך באַהאַלט, באַהאַלט אַזוי גוט אַלעס פון אַלעמען. איך באַהאַלט זיך אַליין אויך, צו דער אַרבייט רוק איך זיך אַריין מיט א זייטעלע, האַלט זיך ווייט פון אַלעמען. דעם אָמט זאָגענדיג, ווייס איך ניט ווי סטאַיעט ביי מיר אויף אַלעם די גייסטיגע כוחות... נו, און אויב ער וועט ניט געבען? ניין בעסער ניט טראַכטען דערפון ווארינקא. און מיט אַזוינע געדאַנקען פאַראויס ניט דער'הרג'נען מיין נשמה. צוליעב דעם שרייב איך אייך דאָס, אום אייך צו פאַרהיטען אַז איהר זאָלט אַליין דערפון ניט טראַכטען און זיך ניט מאַטערען מיט א בייזען געדאַנק. אַך, גאָט מיינער וואָס זשע וועט דאָס דאַן זיין מיט אייך! אמת טאַקע אַז אין אַזאַ פאַל, וועט איהר זיך פון דער דירה ניט אַרויסקלייבען, און איך וועל זיין מיט אייך. — אָבער ניין זשע. ניין, איך וועל זיך אין אַזאַ פאַל גאָר ניט אומקערען. איך וועל דאַן פשוט פאַרשוואונדען, און וועל ערגעץ פאַרפאַלען ווערען. אָט צו־שרייב איך זיך דאָ פאַר אייך. איך וואָלט זיך באַדאַרפט אָב־גאָלען, אַלץ וואָלט איך שעהנער אויסגעזעהן, און א גוטער אויסזעהן באַצאָהלט זיך שטענדיג. נו זאָל גאָט געבען! איך וועל תפילה טאָן, און אין וועג!

מ. דעוואושקין.

דעם 5טען אויגוסט.

ליעבסטער מאַקאַר אַליעקסעיעוויטש!

וואָלט איהר כאָטש ניט געווען אַזוי פאַרצווייפעלט! עס איז אַזוי אויך גענוג צרות. איך שיק אייך 30 קאָפּיקעס, מעהר קען איך ניט. קויפט אייך דאַרטען וואָס איהר האָט מעהרער נויטיג, אום כדי זיך כאָטש ביז מאָרגען דורכצולעבען. ביי אונז אַליין איז כמעט גאַר־

ניט ניט געבליבען, און מאָרגען ווייס איך שוין גיט וואָס וועט זיין. עס איז טרויעריג, מאַקאַר אַליעקסעיעוויטש! דאָך טרויערט ניט, עס האָט זיך ניט איינגעגעבען. טאָ וואָס זשע קען מען טאָן? פעדאָרא זאָגט, אַז דער אומגליק איז נאָך ניט אזוי גרויס, און מען קען נאָך זיך אַ צייט פאַרבלייבען אין דער דירה, ווען מיר זאָלען זיך אפילו איבער־קלייבען, געווינען מיר אויך ניט פיעל, ווייל אַז מען וועט וועלען וועט מען אונז איבעראַל געפינען. פונדעסטוועגען איז עפּעס ניט אזוי גוט צו פאַרבלייבען איצט דאָ. וואָלט ניט געווען אזא אומעט, וואָלט איך אייך עפּעס אנגעשריבען.

ס'אָרא מין מאָדנע נאַטור ביי אייך, מאַקאַר אַליעקסעיעוויטש! איהר נעהמט שוין צו שטאַרק אַלעס צום האַרצען: און דערפאַר וועט איהר שטענדיג זיין דער אומגליקליכסטער מענש. איך לעז אויפ־מערקזאם אייערע בריעף און זעה, אַז אין יעדען בריעף מאַטערט איהר זיך און זאָרגט זיך וועגען מיר אזוי, ווי איהר האָט קיינמאָל ניט גע־דענקט און געזאָרגט וועגען זיך. אַלע וועלען, פאַרשטעהט זיך זאָגען, אַז איהר באַזיצט אַ גוט האַרץ, נאָר איך וועל זאָגען, אַז אייער האַרץ איז שוין אַ צו גוטע. איך גיב אייך אַ פריינדליכע עצה מאַקאַר אַליעק־סעיעוויטש. איך בין אייך זעהר דאַנקבאַר פאַר אַלעם וואָס איהר האָט פאַר מיר געטאָן, איך פיהל עס זעהר. טאָ שטעלט זיך פאָר, ווי מיר איז איצט, נאָך אַלע אייערע פּלאָגענישען, די אורזאַכע פון וועלכע, איך בין ניט וועלנדיג געווען, אַז אויך איצט לעבט איהר בלויז דערמיט וואָס איך לעב: מיט מיינע פריידען און ליידען, מיט מיין האַרץ. אויב מען זאָל אַלעס פרעמדעס אזוי נאָהענט נעהמען צום האַרצען און יעדער זאַך אזוי מיטפיהלען איז ווירקליך, דאָ פאַרוואָס צו זיין דער אומגליקליכסטער מענש. היינט ווען איהר זענט אריינ־געגאַנגען צו מיר נאָך דער ארבייט, האָב איך זיך דערשראָקען קוקענדיג אויף אייך. איהר זענט געווען אזא בלאַסער, דערשראָקענער און פאַרצווייפעלטער: איהר האָט דאָך גאָר קיין פנים ניט געהאַט, און דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל איהר האָט מורא געהאַט מיר צו דער־צעהלען וועגען אייער מיסערפאָלג, אום חלילה מיך ניט צו דערצערנען אָדער דערשרעקען, און ווי איהר האָט דערזעהן אַז איך האָב זיך שיעור ניט צולאַכט, איז ביי אייך אראָפּ אַ שטיין פון האַרצען. מאַקאַר אַליעקסעיעוויטש, טרויערט ניט, זייט ניט פאַרצווייפעלט, זייט שטאַרק

איך בעט אייך, איך בעט אייך זעהר וועגען דעם. נו, אט וועט איהר זעהן אז אלעס וועט גוט זיין, אלעס וועט זיך צום בעסערען אומביי־טען, אז ניט וועט אייך זיין שווער צו לעבען. מיט דער אייביגער בענקשאפט און וועהען פון פרעמדע לײדען. זייט געזונד מיין פריינד: איך בעט אייך באונרוהיגט זיך ניט צופיעל וועגען מיר.

וו. ד.

דעם 5טען אויגוסט

וואַרינקא, טייבעלע מיינע!

נו גוט, מלאכ'ל מיינער, גוט! איהר האט באשלאסען אז עס איז נאך ניט קיין אומגליק וואס איך האב ניט געקראגען קיין געלט. נו, גוט, בין איך רוהיג און גליקליך אויף דעם חשבון. איך בין אפילו צופריעדען וואס איהר ווארפט מיך ניט אוועק דא אליין און בלייבט אין דער דירה. אויב שוין אלעס זאגען, האט זיך מיין הארץ אינ־גאנצען איבערפילט מיט פרייד, ווען איך האב דערזעהן אז איהר האט אזוי גוט אנגעשריבען וועגען מיר אין אייער בריוועלע, און לויבט מיינע געפיהלען ווי געהעריג איז. ניט פון שטאלץ זאג איך דאס: נאר דערפאר וואס איך זעה ווי איהר האט מיך ליעב, ווען איהר באונ־רוהיגט אייך אזוי וועגען מיין הארצען. נו, גוט; וואס איז איצט צו ריידען וועגען מיין הארצען! דאס הארץ איז א זאך פאר זיך: אט פארזאגט איהר מיר מאמעלע אז איך זאל ניט זיין אזוי דערשלא־גען און אזוי אראבפאלען ביי זיך. יא, מלאכ'ל מיינער, איך וועל אליין אויך זאגען, אז מען דארף ניט זיין אראבגעפאלען: אדער ביי דעם אלעם, זאגט אליין מאמעלע מיינע, ווי וועל איך אין די שטיוועל מארגען צו דער ארבייט געהן! — אט וואס דא איז מאמעלע; אזא געדאנק קען אומברייננגען א מענשען, אינגאנצען אומברייננגען. און דאס וויכטיגסטע, טייערע מיינע, וואס איך קימער זיך פאר זיך, פאר זיך אויך לייד איך: מיר איז אלץ איינס, אפילו אין א ברענענדען פראסט קען איך אומגעהן אהן א מאנטעל, און אהן שיך, איך וועל אלץ איבערליידען, אלץ אריבערטראגען. מיר איז דאס גאר ניט; איך בין א פשוט'ער מענש, א קליינינקער: — אבער וואס וועלען מענשען

זאָגען? — מיינע שנאים, אַז די אַלע בייזע צינגער וועלען אָנהויבען רעדען ווען דו וועסט געהן אָהן אַ מאַנטעל? בלויז פאַר מענשען טראָגסטו אַ מאַנטעל, געוויס אויך פאַר זיי טראָגסטו שטיוועל. אויף אַזאַ אופן מאַמעלע, נשמה'ניו מיינע, מוז איך האָבען שטיוועל אויף צו דערהאַלטען מיין עהרע און גוטען נאָמען. אָבער אין צולעכערטע שטיוועל זענען ביידע זאַכען פאַרפאַלען, — גלויבט מיר, מאַמעלע, גלויבט מיין יאָהרען לאַנגער ערפאַהרונג, און פאָלגט מיך, אַן אַלטען מאַן און ניט אַז די פוסטע שמירער דאָרטען. אייגענטליך האָב איך אייך נאָך אויספיהרליך ניט דערצעהלט, מאַמעלע, ווי דאָס אַלעס איז היינט געווען, און וואָס איך האָב זיך היינט אנגעליטען. וויפיעל נשמה—פיין איך האָב אין דעם היינטיגען פריהמאָרגען איבערגעטראָגען, וועט דאָס אַן אַנדערער ניט דורכמאַכען אין אַ יאָהר. אַט ווי דאָס איז געווען: — ערשטענס בין איך אַוועק פריה־פריה אום איהם צו טרעפען, און צו דער אַרבייט אויך דערוויזען צו זיין אין צייט. עס איז געווען אַזאַ רעגען און בלאָטע היינט! און איך, פויגעלע מיינע, האָב זיך איינגעוויקעלט אין דעם מאַנטעל, און געה זיך אַזוי און געה, און טראַכט אַלץ, גאָטיניו פאַרגיב מיר מיינע זינד, און זעה אַז מיינע פאַרלאַנגען זאָלען ערפיהלט ווערען. — איך בין פאַרבייגעגאַנגען עפּעס אַ קלויסטער, האָב איך זיך איבערגעצוילעמט, און חרטה געהאַט אויף אַלע מיינע זינד. איך האָב זיך דערמאָנט אַז עס איז אונווירדיג פאַר מיר און אויך פאַר דעם וואָס לעבט אייביג זיך צו פאַרענטפערען פאַר איהם. האָב איך זיך פאַרטיפט אין זיך אַליין, און האָב אויף קיינעם, און קיין זאַך קוקען ניט געוואָלט; און אַזוי בין איך אַוועק שוין ניט פאַרנאַנדערקלייבענדיג זיך אין דעם וועג. די גאַסען זענען געווען פוסט, און האָט זיך שוין אימיצער יאָ באַגעגענט איז דאָס אַלץ געווען אַזוינע פאַרטראָגענע און פאַרנומענע, און עס איז ניט קיין וואונדער, ווער וועט אין אַזאַ צייט און אין אַזאַ וועטער שפּאַצירען געהן! אַ פאַרשימערטע אַרבייטער קאָמפּאַניע האָט זיך באַגעגענט מיט מיר: און געשטופּט זיך פון אַלע זייטען, אַט פויערין! אַן אָפּהענדיגקייט האָט מיך באַפאַלען, און מורא'דיג איז מיר אַזוי געוואָרען, ווענען געלט האָב איך שוין דעם אמת געזאָגט ניט געוואָלט טראַכטען. — איי טאַמער, איז מילא! שוין ביים סאַמע וואָסקרעסענסקע בריק איז ביי מיר אַ פּאָדאָשווע אָבגעשטאָנען.

אזוי אז איך ווייס שוין אליין ניט אויף וואָס איך בין געגאַנגען. דאָ האָט זיך מיט מיר באַגעגענט אונזער שרייבער ניקאָלאַיעוו. ער האָט זיך אויסגעצויגען, שטעהט און באַגלייט מיך מיט די אויגען, פּונקט ווי ער וואָלט אויף בראַנפען בעטען; עה, בראַנפען, נו וואָס פאַר א בראַנפען קען דאָ זיין! איך בין שטאַרק מיעד געוועזן, און זיך אָפּגעשטעלט זיך אָפּרוהען אביסעל, און זיך געלאָזען ווייטער. און אומיסטען געזוכט צו וואָס זיך צוטשעפּען מיט די געדאַנקען אום צו ערמונטערען זיך, פרעהליכער ווערען, אָבער ניין; קיין איין און איינציגער געדאַנק האָט צו קיין זאַך זיך ניט געקענט אָנקלעפּען, דערצו האָב איך זיך נאָך אזוי פאַרשמירט אז עס איז מיר געוואָרען א בזיון פאַר זיך אליין. אָם ענדע האָב איך דערזעהן פון ווייטען א געלע הילצערנע הויז מיט א מעזאַנין, נו, טראַכט איך אָט דאָס איז דאָס, אזוי האָט יעמיליאַן איוואַנאָוויטש געזאָגט, — זעהט מאַרקאָוו'ס הויז, דאָס איז דער מאַרקאָוו, וואָס גיט געלט אויף פּראָצענט. דאָ האָב איך אין זיך פאַרגעסען. איך האָב דאָך געוואוסט אז דאָס איז מאַרקאָוו'ס הויז, און פונדעסטוועגען האָב איך געפרעגט דעם וועכטער, — „וועמעס הויז איז דאָס, ברודער לעבען?" דער וועכטער אזא גראָבער יונג, זאָגט ניט ווילענדיג, פּונקט ווי ער וואָלט זיין ביין אויף אימיצען, אזוי זייעט ער די ווערטער צווישען די ציין, — דאָס איז מאַרקאָווס הויז — זאָגט ער. די וועכטער זענען אלע אזעלכע געפילענלאָזע, אָבער וואָס געהט מיר אָן א וועכטער? און פונדעסטוועגען איז פאַרבליבען אזא מין אונאַנגענעהמער שווערער איינדרוק אויף מיר, מיט איין וואָרט, אלץ האָט זיך צונויפגעלעגט איינס צו איינס; און פון אלעם טראָגט זיך ארויס א פאַרגלייך מיט דיין לאַגע, דאָס איז אימער אזוי. איך בין עטליכע מאָל ארומגעגאַנגען דאָס הויז פון דרויסען, און וואָס מעהר איך געה אלץ ערגער ווערט מיר; — ניין טראַכט איך, ער וועט ניט געבען, ער וועט בשום אופן ניט געבען! א מענש בין איך אן אונבאַקאַנטער, די זאַך מיינע איז אזא איידעלע, און מיט מיין פיגור קען איך אויך ניט אויסנעהמען, — נו טראַכט איך, ווי דאָס מזל וועט זיין; אום שפּעטער קיין חרטה ניט האָבען וועל איך מאַכען א פּאַרזוך, פאַר קיין פּאַרזוך וועט מען דאָך מיך ניט אויפעסען, און איך האָב שטיל געעפענט דאָס טירעל פון הויף. דאָ האָט מיט מיר פּאַסירט אן אנדער צרה; עס האָט זיך אין מיר אָנגעבונדען א נישטיג נאַריש הינטעל

פון הויף, און קריכט ממש פון דער הויט אזוי פארגעהט עס זיך אין בילען. און אט אזעלכע נידערטרעכטיגע קליינליכע צופעלע ברייננען ארויס א מענשען פון די כלים, מאכען איהם צפּהענדיג און פאר־ניכטען די גאנצע ענטשלאָסענהייט זיינע: אט אזוי בין איך אריין אין הויז ניט טויט ניט לעבעדיג, איך בין אריין און גלייך אין א צרה. איך האב ניט געזעהן וואס עס טוט זיך הינטען ביים שוועל, אין דער פינסטער. איך האב אנגעטראָטען און זיך אנגעשטויסען אין א נאַ־רישער פרוי, און אט די פרוי האט געהאלטען אין איבערזייען מילך פון מעלק שעפעל אין קרינגעל אריין און האט די גאנצע מילך צוגאָ־סען. נו, איז זי געבליבען א פארציטערטע, אט די נארישע פרוי, און האט זיך צושריען: וואָ:הין קריכסטו דאס, טאטיניו, וואס דארפסטו. און זיך גענומען שילטען מיט ניט גוטען. איך באמערק דאס דערפאר, מאמעלע, ווייל מיט מיר פלעגט אימער אזוי טרעפען אין אזעלכע אדער ענליכע פעלע. אזוי זעהט אוים איז מיר שוין באשערט; שטענ־דיג וועל איך זיך פארטשעפען אן א זייטיגער זאך. אין דעם טומעל האט זיך ארויסגערוקט אן אלטער טייפעל, די בעל־הבית'טע, א טשור־האנקע, איך האב זיך געווענדעט גלייך צו איהר, — וואוינט דא הער מאקאראוו? — ניין זאגט זי; זי איז געשטאנען א ווילע, מיך באַ־טראכט פון קאפ ביז די פיס — וואס דארפט איהר איהם? איך ערקלער איהר אז מיך האט געשיקט יעמיליאן איוואנאוויטש, און אויך דאס איבעריגע; איך האב א געשעפטעל. די אלטע האט גערו־פען די טאכטער, — עס איז אריינגעקומען די טאכטער א מיידעלע אין די יאהרען, — א בארוויסע, — „רוף אריין דעם טאטען; ער איז פון אויבען ביי די שכנים, — ביטע“. איך בין אריין.

דער צימער איז א נישקשה'דיגער: אויף די ווענט הענגען בילד־לאך, עפּעס פארטרעטען אזיינע פון גענעראלען, עס שטעהט א דיוואן, א קיילעכדיגער טיש, רעזעדא און באלזאמינטשקעס. איך טראכט און טראכט, צו זאל איך זיך אינגאנצען ניט אבטראגען די ביינער, אזוי זיך, אין גוטען מוטה בעסער, אוועקגעהן; צי ניט אוועקגעהן? אויף מיין עהרען ווארט מאמעלע, איך האב געוואלט אנטלויפען! שוין בעסער קלער איך, וועל איך מארגען קומען: דער וועטער וועט אויך זיין א בעסערער, וועל איך בעסער איבערוואַרטען, — היינט האט זיך אי די מילך צוגאסען, אי די גענעראלען קוקען אזוי בייז...

איך בין שוין צו דער טיר געגאַנגען, איז ער אַריינגעקומען. דאָס איז געווען אַזוי ז״ך אַ גרויער אַלטינקער, מיט אַזעלכע גנב׳שע אויגעלאַך, און אַ פאַרשמאַלצעוואַטען חאַלאַט מיט אַ שטריקעל אונטערגעגאַר־טעלט. ער האָט געפרעגט אין וואָס עס האַנדעלט זיך. איך האָב איהם ערקלערט אַז אַזוי און אַזוי, יעמיליאַן איוואַנאָוויטש האָט איהם מיר רעקאָמענדירט, און אַז איך וויל לייען פערציג רובעל; איך מוז זיי האָבען אויף אַ געוויסער זאַך, איך האָב ניט געענדיגט, ווייל איך האָב געזעהן אין זיינע אויגען אַז מיין זאַך איז אַ פאַרשפּילטע. ניין, וואָס איז דאָ צו ריידען פון זאַבען, ווען קיין געלט האָב איך סיי ווי ניט. — „האָט איהר עפּעס אַ משכּן צו פאַרזעצען?“ איך האָב אָנגע־הויבען ערקלערען, אַז קיין משכּן האָב איך ניט, אָבער יעמיליאַן אי־וואַנאָוויטש וועט פאַר מיר גוט זאָגען. — מיט איין וואָרט איך ער־קלער ווי נעהעריג איז, ער האָט מיך איינגאַנצען אויסגעהערט. — „ניין זאָגט ער, וואָס איז מיר יעמיליאַן איוואַנאָוויטש, אַז קיין געלט האָב איך ניט“. — טו, טראַכט איך מיר דאָס מוז זיין אַזוי. איך האָב דאָס געוואוסט און אויף צופריער געפילט. — נו, פּשוט גערעט, וואַרינקאַ, עס וואָלט שוין בעסער געווען ווען די ערד זאָל זיך געווען פאַר מיר עפענען: עס איז אַזוי קאַלט די פיס פאַרפרוירען, מוראַשקעס לויפען אום איבער דער פּלייצע. איך קוק אויף איהם, און ער קוקט אויף מיר, און שיעור וואָס ער רעדט ניט אַרויס: „גייה דיר ברודער לעבען, וואוהין דו ווילסט, דאָ האָסטו ניט וואָס צו טאָן, — אַזוי אַז ווען עס טרעפט איהם נאָך אַזאַ פאַל וואָלט זיך אפשר ערוועקט זיין געוויסען איינגאַנצען. — נו, צו וואָס דאַרפט איהר געלט? — (אָט וועגען וואָס ער האָט געפרעגט מאַמעלע!) איך האָב נאָר דאָס מויל געעפענט, אום ניט צו שטעהן אַזוי אומזיסט, אָבער ער האָט אפילו הערען ניט געוואָלט. נישטאָ קיין געלט, איך וואָלט אייך מיט פאַרגעניגען געגעבען. איך האָב זיך אַלץ פאַרגעשטעלט און געזאָגט אַז איך בעט דאָך אַ קליינע סומע, איך וועל אָבגעבען אין צייט, און אפשר נאָך פאַר דער צייט, און פּראָצענטען זאָל ער נעמען וועלכע ער וויל נאָר אַליין, און אַז איך וועל אָבגעבען ווי גאָט איז הייליג, ווייל איך מאַמעלע האָב אויף אַ רעגעלע זיך אין אייך דערמאָנט, זיך דערמאָנט אין אַלע אייערע אומגליקען און נויטען, אין אייערע פופציג קאָפּיקעס האָב איך זיך דערמאָנט. — אָבער, ניין, זאָגט ער,

וואס זענען מיר די פראצענטען, אט ווען איהר האט א משכן! אזוי קיין געלט האב איך ניט, אניט זאגט ער וואלט איך מיט פארגעניגען און האט זיך נאך געשוואוירען דער גזלון!

נו, און דא טייערע מיינע, געדענק איך ניט ווי איך בין ארויס, ווי איך בין דורכגעגאנגען וועבארגסקי, ווי איך בין געקומען אויפן וואסקרעסענסקי בריק, מיעד א שרעק, דורכגענומען און דערפרוירען, בין איך ערשט 10 א זייגער געקומען צו דער ארבייט. איך האב זיך געוואלט ארומרייניגען פון דער בלאטע, אבער סנעגור דער סטאראז (היטער) האט ניט געלאזען, דו וועסט פטרען דאס בערשטעל פריז, האט ער געזאגט, דאס בערשטעל איז א קאזיאנע. אט ווי זיי זענען איצט, מאמעלע, ביי אט די לייט ביזטו ערגער פון א שמאטקעלע אין וועלכער מען ווישט אב די פיס. זעהט איהר, אט דאס הרג'ט מיך אוועק, ווארינקא! ניט די געלט הרג'עט מיך, נאר אט די אלע אונרוהען פון לעבען, אט דער שעפטשען זיך, אט די שמייכעלאך, און שפאסיגע ווערטערלאך. זיין הערשאפט קען נאך אמאל אונבאמערקט עפעס זאגען אויף מיין חשבון, — אך, מאמעלע עס זענען שוין פאריבער מיינע גאלדענע צייטען! היינט האב איך איבערגעלעזען אלע אייערע בריעף; טרויעריג, מאמעלע! זייט געזונט מיין טייערע. היט איך גאט.

מ. דעוואושקין.

פ. ס. א, מיינע צרות, ווארינקא, איך האב אייך געוואלט שילדערען דאס אלעס מיט א שפאס אויף דער העלפט, אבער ווי עס ווייזט אויס גיט זיך מיר ניט איין א שפאס צו טאן. געוואלט האב איך אייך געפעלען. — איך וועל צו אייך אריינגעהן, מאמעלע, אונבאדינגט. איך וועל אריינגעהן, מארגען וועל איך זיין.

דעם 11טען אוגוסט.

ווארווארא אליעקסיעוונא! טייבעלע מיינע, מאמעלע! איך בין פארלארען, מיר זענען ביידע פארלארען. מיר זענען ביידע צוזאמען אויף אייביג פארלארען. מיין גוטער נאמען, מיין אמביציע אלעס איז פארלארען. איך בין פארלארען און צוזאמען מיט מיר זענט איהר אויך אויף אייביג פארלארען, מאמעלע. דאס האב איך, אייך אריינ־

געפיהרט אין א צרה! מען יאָגט מיך, מאַמעלע. מען פאַראַכטעט מיך, און מען הויפט מיך אויף אויף א געלעכטער, און די בעל־הבית׳טע האָט זיך פשוט אנגעהויבען שילטען. זי האָט געשריען און געשריען היינט אויף מיר, געמוסרט נידעריגער פון א שפּינדעלע האָט זיך מיך אוועקגעשטעלט, און אין אָוועגט האָט אימיצער ביי ראטאזיא־יעוו׳ן געלעזען די קאַפּיע פון מיינע בריעף צו אייך, וואָס איך האָב אונבאַמערקט ארויסגעוואָרפען פון קעשענע. מאַמעניו, ס׳אַרא מין געלעכטער זיי האָבען אויפגעהויבען, זיי האָבען אונז געהויבען — געהויבען אין דער הויך און געקאַטשעט זיך פון געלעכטער, אָהן זייטען ממש זענען זיי געבליבען לאַכענדיג, אַזוינע פאַרעטער! איך בין אריין צו זיין און דערוויזען ראטאזיאיעוו׳ן זיין פאַלשקייט; איך האָב איהם געזאָגט אז ער איז א פאַרעטער! ראטאזיאיעוו האָט מיר גענטפערט אז איך בין אליין א פאַרעטער, און פאַרנעהם זיך דאַר־טען מיט פאַרשיעדענע „קאָנקעטען“. ער זאָגט אז איך האָב זיך אויסבאַהאַלטען פון זיי, אזא מין ליידאַק ווי איך בין; און איצט האָב איך שוין ניט קיין אנדער נאָמען, ווי וואָויל־יונג, ליידאַק. — הערט איהר, מלאכ׳ל מיינער, איהר הערט — זיי ווייסען איצט אלע פון אלץ, און אייך קענען זיי אויך, טייערע מיינע, און פון אלעם וואָס טוט זיך ביי אייך ווייסען זיי! נו, וואָס איז דאָ צו רעדען, אז אפילו פאַלדאָני, איז מיט זיי פאַר איינס; איך האָב איהם היינט געשיקט אין וואָרשט געשעפט, בריינגען וואָס ניט איז, געהט ער ניט און שווין. ער איז פערנומען זאָגט ער! אבער דו ביזט דאָך פאַרפליכטעט — זאָג איך. — ניין, ניין — זאָגט ער, — איך בין ניט פאַרפליכטעט. איהר צאָהלט מיין בעל־הבית׳טע קיין געלט ניט, בין איך צו אייך ניט פאַרפליכטעט. איך האָב ניט געקענט אריבערטראָגען אזא מין באַ־ליידיגונג פון אן אונוויסענדען פויער, און איך האָב איהם געזאָגט: „ אז ער איז אן אָפּגעריסענער נאַר“, און ער ענטפערט מיר — „פון אן אָפּגעריסענעם נאַר געהערט“. דענק איך אז ער איז שיכור, און דערפאַר אזוי גראָב, און איך זאָג איהם ביזט—שכר דו פויער איינער, און ער מיר דערויף — פיליכט האָט איהר מיר אונטערגעטראָגען א גלעזעל? פאַרמאָגט איהר דען אפילו פאַר זיך אליין אביסעלע צו נעמען אויפ׳ן ניכטערען הארצען? איהר בעט דאָך אליין אוים ביי

איינער דאַרטען צעהן קאָפּקעס, און נאָך צוגעגעבען: און דאָס האָסט נאָך „פריץ“! אָט מאַמעלע, אָט צו וואָס עס איז געקומען! עס איז אַ שאַנדע צו לעבען, ווארינקא. פּונקט ווי איין חרים אריינגעוואָרפען. ערגער ווי אַ וואַנדערענדער פּאַספּאַרט־לאָזער שנאָרער.

אַ צרות, אומגליקען, שווערע, אונערטרעגליכע. — פאַרלאָרען בין איך, פּשוט און אויף אייביג פאַרלאָרען.

מ. ד.

דעם 13טען אוגוסט.

ליעבסטער מאַקאַר אַליעקסעיעוויטש!

איבער אייך שוועבען אַלץ נייע און נייע אומגליקען און פּלאָגען. איך וויים שוין אַליין ניט וואָס צו טאָן! וואָס וועט זיין מיט אייך איצט. אויף מיר זענען שוואַכע האָפנונגען; איך האָב היינט זיך אָפּ־געבריהט מיט'ן פּרעס־אייזען די לינקע האַנט; איך האָב דאָס ניט אומיסטען אַרויסגעלאָזען פון האַנט, און האָב אַי צוקלאַפּט, אַי אָבגעבריהט די האַנט. אַרבייטען איז אַבסאָלוט אונמעגליך, און פעדאָרא קרענקט שוין דעם דריטען טאָג. איך געפין זיך אין אַ פּיינ־ליכער אונרוהיגקייט. איך שיק אייך 30 קאָפּיקעס; דאָס איז כמעט דאָס לעצטע וואָס מיר פאַרמאָגען, גאָט איז מיין עדות ווי שטאַרק איך וואָלט אייך ווען העלפען איצט אין אייערע נויטען. עס פאַר־דריסט ביז טרערען. זייט געזונט מיין פריינד. עס וואָלט פאַר מיר געווען אַ גרויסע טרייסט ווען איהר קומט היינט צו אונז.

וו. ד.

דעם 14טען אוגוסט.

מאַקאַר אַליעקסעיעוויטש! וואָס איז מיט אייך! פאַר גאָט האָט איהר קיין מורא ניט. איהר פיהרט מיך פּשוט פון זינען אַראָפּ! איהר ברייננט זיך פּשוט אום, טוט אַ טראַכט בלויז פון אייער גוטען נאָמען איהר זענט אַן ערליכער, און איידעלער, אַן אַמביציעזער מענש, —

נו וואָס וועט זיין אַז אַלע וועלען זיך דערוויסען וועגען אייך! איהר וועט פּשוט דאַרפען שטאַרבען פון בזיון! אדער עס טוען אייך ניט באַנג אייערע גרויסע האָר? נו, האָט איהר גאָר קיין מרא ניט פאַר גאָט! פעדאַרא האָט געזאָגט אַז איצט וועט זי אייך שוין מעהר ניט העלפען, און איך וועל שוין אייך אויך מעהר קיין געלט ניט געבען. — זעהט צו וואָס איהר האָט מיך געבראַכט מאַקאַר אַליעקסעיעוויטש! איהר דענקט אַז מיך אַרט גאָרניט וואָס איהר פיהרט זיך אויף אַזוי' מיאוס; איהר ווייסט גאָר ניט וויפיעל איך שטעה אוים איבער אייך! איך קען ביי אונז די שטיגען ניט דורכגעהן; אַלע קוקען אויף מיר, טייטלען אויף מיר מיט די פינגער, און מען זאָגט פּשוט אַז איך האָב זיך פאַרבונדען מיט א שיכור. ווי איז דאָס צו הערען? ווען מען ברייגנט אייך, ווייזען אויף אייך אַלע שכנים מיט פאַראַכטונג. „אָט האָט מען געבראַכט יענעם טשינאָווניק". איך האָב שוין קיין כח ניט איבערצוטראָגען דעם בזיון פון אייך. איך שווער אייך אַז איך וועל זיך ארויסקלייבען פון דאַנענט. איך וועל אַוועק ערגעץ וואו פאַר אַ דינסט-מיידעל, פאַר א וועש-וואַשערין נאָר דאָ וועל איך ניט בלייבען. איך האָב אייך געשריבען אַז איהר זאָלט אריינגעהן צו מיר, און איהר זענט ניט אריינגעגאַנגען. ווי עס ווייזט אוים רירען אייך ווענינ מיינע בקשות און טרערען, מאַקאַר אַליעקסעיעוויטש! פון וואַנענט האָט איהר געקראָגען געלט? אום גאָטעס ווילען, היט זיך. אָט אַזוי, וועט איהר מיר ניט, דיר ניט, פאַרלאָרען געהן! און וואָס פאַר א שאַנדע און חרפה דאָס איז! די בעל-הבית'טע האָט אייך נעכטען אפילו ניט געוואָלט ארייגלאָזען, און איהר האָט גענעכטיגט אין קאָרידאָר: איך ווייס אַלעס. ווען איהר ווייסט ווי שווער עס איז מיר געווען, ווען איך האָב זיך וועגען דעם אַלעם דערוואוסט. קומט צו מיר, אייך וועט פרעהליך זיין ביי אונז; מיר וועלען לעזען צוזאַמען און זיך ערינערען אין אַלטע צייטען. פעדאַרא וועט אונז דערצעהלען וועגען איהרע וואַנדערונגען צו די הייליגע פּלעצער. צו־ליעב מיר, טייבעלע מיינער, מאַכט ניט קיין תל פון זיך און פון מיר. זעהט צוליעב אייך אַליין לעב איך, און צוליעב אייך בלייב איך דאָ איך בעט אייך זייט איצט אַן איידעלער מענש און אויך א שטאַרקער אין אייערע אומגליקען. געדענק אַז אָרימקייט איז קיין שאַנדע ניט, און צו וואָס זיין פאַרצווייפעלט? דאָס איז דאָך אַלץ צייטווייליגע

זאָכען! גאָט וועט געבען און אַלעס וועט פאַרבעסערט ווערען. דער־האַלט איהר זיך בלוי. איך שיק אייך 20 קאָפּיקעס, קויפט זיך טיטון און צו וואָס זיין פאַרצווייפעלט? דאָס איז דאָך אַלץ צייטווייליגע קיין געלט אויף עטוואָס שלעכטעס. קומט צו אונז. קומט אונבעדינגט. איהר וועט זיך אפשר שעמען ווי אמאָל, אָבער שעמט זיך ניט; דאָס איז אַ פאַלשער בזיון, האָט אויפריכטיג חרטה. האָפט אויף גאָט. ער וועט אַלץ מאַכען צום בעסערען.

וו. ד.

דעם 19טען אויגוסט.

וואַרוואַרא אַליעקסעיעווּנאַ, מאַמעלע!

עס איז מיר אַ שאַנדע, פויגעלע מיינע, וואַרוואַרא אַליעקסעיעווּנאַ, איך בין אינגאַנצען פערשעמט. איבריגענס וואָס איז דאָ אַזוינס מאַמעלע? פאַרוואָס ניט דערפרעהען דאָס האַרץ? דאָן טראַכט איך ניט וועגען מיינע פאַדעשוועס, ווייל אַ פאַדעשווע איז אַ נאַרישקייט און וועט אימער פאַרבלייבען ניט מעהר אַ נידערטרעכ־טיגטע און בלאָטיגע פאַדעשווע. און שטיוועל זענען אויך גאָר ניט ניט ווערט! — די גריכישע חכמים זענען אויך אומגעגאַנגען אָהן שטיוועל, טאַ וואָס האָט אונזער אַ ברודער זיך צוניאַנטשען מיט אַזאַ מין אונווירדיגער זאַך? היינט פאַרוואָס איז פאַראַן מיך דאָ צו באַליי־דיגען און פאַראַכטען? אַה, מאַמעלע, מאַמעלע, איהר האָט קוים גע־פונען וועגען וואָס צו שרייבען! און זאָגט פעדאָרען אַז זי איז אַ נישטיגע, אונרוהיגע און דערצו נאָך אַ נאַרישע פרוי! וואָס אַנבע־לאַנגט מיינע גרויע האָר, מאַכט איהר אויך אַ טעות אין חשבון, טייערע מיינע, ווייל איך בין נאָך ווייט ניט אַזוי אַלט ווי איהר דענקט. יעמעליאַן גריסט אייך. איהר שרייבט אַז איהר האָט געהאַט עגמות נפש און גע־וויינט, שרייב איך אייך אַז איך האָב אויך געליטען און געוויינט. צום שלום ווינש איך אייך געזונט און אַלדאָס גוטס, וואָס אַנבאַלאַנגט מיך בין איך אויך געזונט און פרעהליך, און פאַרבלייב מלאך׳ל מיינער,

אייער פריינד,

מאַקאַר דעוואָושקין.

הויכגעשעצטער און ליעבער פריינד ווארוואַרא אלעקסעיעוונא!

איך פיהל אַז איך בין שולדיג. איך פיהל אַז איך האָב געזינדיגט געגען אייך, און אַליין האָב איך גאָר ניט געוואונען דערפון, מאַמעלע. איך פיהל דאָס, וואָס איהר זאָלט דאַרטען ניט זאָגען. נאָך איידער איך בין באַגאַנגען דעם פאַרברעכען האָב איך דאָס געפיהלט, נאָר איך האָב פאַרלאָרען דעם מוט. מיט דעם באַוואוסטזיין פון מיין שולד בין איך געפאַלען. מאַמעלע מיינע, איך בין ניט בייז און אויך ניט הארצ־לאָז; כדי צו צורייסען אייער הערצעלע, טייבעלע מיינע, מוז מען זיין ניט מעהר און ניט וועניגער ווי א בלוטדורשטיגער טיגער, און ביי מיר, ווי איהר ווייסט איז א הארץ פון א שאָף, און ווי איהר ווייסט האָב איך ניט קיין באַרוף צו בלוט־דורשטיגקייט.

פאָלגליך, מלאָכ׳ל מיינער, בין איך ניט אינגאַנצען שולדיג אין מיין פאַרברעכען, פונקט ווי מיין הארץ און מיינע געדאַנקען זענען ניט שול־דיג; איך ווייס אַליין וואו די שולד איז. דאָס איז שוין אַזאַ מין דונ־קעלע זאַך, מאַמעלע! דרייסיג קאָפּיקעס האָט איהר מיר צוגעשיקט און דערנאָך נאָך צוואַנציג; ביי מיר האָט דאָס הארץ פאַרקלעמט קו־קענדיג אויף אייערע יתום׳שע גראָשענדלאַך. אַליין האָט איהר דאָס הענטעלע אָפּגעבראָכען און וועט שוין אינגיכען הונגערען און מיר שרייבט איהר איך זאָל קויפען טיטון. נו, ווי זשע האָב איך געזאָלט האַנדלען אין אַזאַ פאַל? אָבער גלאַט אַזוי זיך, אָהן געוויסענביסע, גלייך ווי א רויבער, אונהויבען אייך מיין יתום׳על צו באַראַבעווען! דאָ האָב איך אינגאַנצען פאַרלאָרען דעם מוט, מאַמעלע. פון אָנפאַנג האָב איך ניטוויליגענדיג דערפיהלט אַז איך טויג אויך גאָר נישט, און בין אַליין ניט בעסער פון מיין אַלטער פּאַדאָשווע. איך האָב גערעכענט אַז עס איז פשוט ניט העפליך צו קוקען אויף זיך, ווי אויף עפּעס רעכטעס, נאָר פאַרקערט, איך האָב גענומען קוקען אויף זיך ווי אויף אַן אונמענשליכען און אונווירדיגען ווערען. נו, און ווי איך האָב נאָר פאַרלאָרען די אכטונג צו זיך אַליין, און גענומען לייקענען אַלע מיינע גוטע מעלות, צווייפלען אין מיין זעלבסטווירדע, טאַ, זאָל אַלץ געהן צום טייפעל, צו אַלדע רוחות.

דאָ קומט דאָס פאַלען, אַלץ אין אונפערמיידליכע זאַך. דאָס איז שוין פון שיקזאַל באַשערט, איך בין אין דעם ניט שולדיג. פון אָנהויב

בין איך ארוים זיך צו דערפרישען אביסעל. דערנאָך האָט זיך שוין ווייטער אלץ אליין נעקליפּט און געבונדען איינס צום אנדערען. די נאַטור איז געווען אין לויטער טרערען, און דער וועטער אזא קאַלטער, עס איז געגאַנגנען א רעגען: נו, דאָ האָב איך נאָך אַנגעטראָפען יעמעליאַן ער, וואַרינקא, האָט שוין אלעס פאר'משכנ'ט, וואָס ער האָט נאָר געהאָט. ווען איך האָב איהם באַגעגענט האָט ער שוין צוויי טאָג אפילו קיין ברעקעל ברויט ניט געהאַט אין זיין מויל, אזוי אז ער האָט געוואָלט פאר'משכנ'נען אזוינס וואָס מען נעהמט באין אופן פאר קיין משכן ניט אָן. נו, וואָס איז דאָ צו רעדען, וואַרינקא, איך האָב נאָכגעגעבען, מעהר פון מיטלייד און מענשליכקייט וועגען ווי צוליעב דעם אייגענעם געדראַנג. אָט אזוי האָט געטראָפען די זינד, מאַמעלע! מיר האָבען ביידע אזוי געוויינט! אייך דערמאָנט. ער איז מעהר ווי גוט. ער איז זעהר א וואוילער מענש, און זעהר א פיהלענדער. איך אליין פיהל דאָס אלעס זעהר שטארק, מאַמעלע, און טאָקע דערפאר טרעפט מיט מיר אזוינס. איך וויים, טייבעלע מיינע, מיט וואָס איך האָב אייך צו פארדאַנקען! ווען איך האָב אייך דערקענט, האָב איך אויך זיך בעסער דערקענט. איך האָב אייך אַנגעהויבען ליעבען, ווען ביז אייך, מלאַכ'ל מיינער, בין איך געווען אינגאַנצען איינזאַם, און עס האָט אויסגעזעהן אזוי פונקט, ווי איך וואָלט געשלאָפען און ניט געלעבט אויף דער וועלט. זיי, די גנבים מיינע, האָבען געזאָגט אז אפילו די פיגור מיינע איז אן אונאַנשטענדיגע, און האָבען זיך געשעמט מיט מיר, נו האָב איך זיך אַנגעהויבען צו שעמען מיט זיך אליין. זיי האָבען געזאָגט, אז איך בין טעמפּ, האָב איך באמת געדענקט, אז דאָס איז אזוי. און ווי נאָר איהר זענט געקומען, אזוי האָט איהר מיין גאַנצען דונקעלען לעבען באלויכטען, אזוי אז מיין הארץ און מיין נשמה זענען העלער געוואָרען, און איך האָב געפונען רוה פאר דער נשמה. איך האָב זיך דערוואוסט אז איך בין ניט ערגער פון אנדערע, אז איך גלאַנץ בלויז ניט אזוי, און דער גלאַנץ און טאָן פעלען מיר. נאָר פונדעסטוועגען בין איך א מענש. נו, און איצט האָב איך דערפיהלט, אז געיאָגט פון שיקזאַל, האָב איך אן ערנידריגטער זיך איבערגעגעבען צום אָפּלייקענען פון מיין אייגענער ווירדע. דערשלאָגען פון צרות, האָב איך פארלאָרען דעם מוט. אבער אזוי ווי איהר ווייסט שוין איצט אלעס, בעט איך אייך מיט טרערען, ניט ארויסווייזען מעהר קיין נייגעריגקייט וועגען

נען דער מאטעריע. ווייל מיין הארץ צורייסט זיך, און מיר ווערט אזוי שווער און ביטער דערפון.

מיט אכטונג פארבלייב איך אייער טרייער,

מאקאר דעוואושקין.

דעם 3טען סעפטעמבער.

איך האב ניט פארענדיגט דעם לעצטען בריעף מאקאר אלעקסיע־יעוויטש, ווייל מיר איז געווען שווער צו שרייבען. עס טרעפען ביי מיר מינוטען ווען איך בין צופריעדען צו זיין אליין: אליין טרויערען, און איינע אליין בייגקען אהן א שיעור. אזעלכע מינוטען קומען אלץ אפ־טער און אפטער. אין מיינע ערינערונגען איז דא עפעס אזוינס אונער־קלעהרבארעס פאר מיר, וואס טראגט מיך ווייט אוועק. די טרוימען זענען שטארק, און אהן חשבון, אז איך ווער אויף אייניגע שטונדען איגגאנצען גלייכגילטיג צו אלץ וואס רינגעלט מיך ארום און פארגעס די גאנצע געגענווארט. עס איז ניטא קיין איין און איינ־ציגער איינדרוק אין מיין היינטיגען לעבען, סיי אן אנגענעהמער, סיי א שווערער, אן אומעטיגער וואס זאל מיר ניט דערמאנען עטוואס עהנליכעס אין מיין פארגאנגענהייט. אפט מיין גאנצע קינדהייט! מיין גאלדענע קינדהייט! נאר מיר ווערט שטענדיג שווער נאך אזוינע מי־נוטען. איך ווער עפעס שוואכער, מיין פעהיגקייט צו טרוימען מא־טערט מיך אויס, און מיין געזונט איז אזוי אויך שוואך און ווערט פון טאג צו טאג שוואכער.

היינט איז אזא פרישער, העלער און בליסטשענדער פריהמארגען, אזוינער וועלכע טרעפען דא זעלטען אין הערבסט. דער פריהמארגען האט מיך אויפגעלעבט און איך האב איהם פרעהליך באגעגענט. און אזוי האבען מיר הערבסט! ווי איך האב דאס ליעב געהאט דעם הערבסט אין דארף! איך בין נאך דאן א קינד געווען, נאר איך האב שוין א סך געפיהלט. דעם הערבסט־אוועגד האב איך מעהר ליעב גע־האט, ווי דעם פריהמארגען. איך געדיינק אז אין צוויי טריט פון אונזער הויז אונטער'ן בארג איז געווען אן אזערע. אט די אזערע שטעהט מיר איצט פאר די אויגען ווי א לעבעדיגע. — אט די אזערע איז געווען א ברייטע און א גלייכע, א ליכטיגע ווי קריסטאל! עס פלעגט טרע־

פען. ווען דער אָווענט איז געווען שטיל און די אַזערע רוהיג. די בוימער וואָס וואַקסען אויפ'ן ברעג געבען זיך ניט א ריהר. און דאָס וואַסער איז באַוועגלאָז ווי א שפּיגעל; עס איז אַזוי פריש! אַזוי קיהל! עס פאַלט די טוי אויפ'ן גראָז; אין די הייזקעס אויפ'ן ברעג צינדען זיך אָן פייערלאַך, מען טרייבט דורך די טשערעדע. דאַ פלעג איך זיך שטילינקערהייד אַרויסרוקען פון דער היים כדי א קוק טאָן אויף דער אַזערע. איך פלעג זיך אַזוי פאַרקוקען. ערגעץ וואו ברענט ביי די פישער א בינטעל שפּענער אויף דעם ברעג ביים סאַמע וואַסער, און דאָס ליכט צוגיסט זיך ווייט, ווייט איבער'ן וואַסער. דער הימעל איז אַזא בלויער, אַזא קאַלטער, ביי די עקען פון הימעל ציהען זיך פייערדיגע רויטע פּאַסען, און אַט די פּאַסען ווערען אַלץ בלאַסער און בלאַסער; עס געהט אויף די לבנה; די לופט איז אַזוי קלינגענד; זאָל א פויגעלע דורכשוועבען, אָדער זאָל א גרעזעלע פון ברעג זיך א נויג טאָן, פון דער באַריהרונג פון א לייכטען ווינט, אָדער זאָל א פישעלע זיך א ריהר טאָן אין וואַסער, — אַלץ פלעגט זיך הערען אַזוי קלינגענד. איבער דער בלויער וואַסער שטעהט אויף א ווייסע דורכזיכטיגע פּאַרע. די ווייטקייט דונקעלט; אַלץ ווערט עפּעס פאַרטרונקען אין נעבעל, אָדער פון דער נאָהענט איז אַלץ אַזוי בולט אויסגעטאַקט, גלייך ווי מיט א מעסער אויסגעשניטען,—דאָס פישעל, דער ברעג, די אינזלען,—עפּעס א פאַס, וואָס איז אַרויסגעוואָרפען געוואָרען, ביים סאַמע ברעג, שאַקעלט זיך קוים, קוים אין וואַסער; א צווייגעלע מיט געלע בלעטעלאַך פּלאָנטערט זיך אין גראָז, עס שוועבט דורך א פאַרשפּעטיגטע טשאַיקע, וואָס אַט טונקט זי זיך איין אין וואַסער, און אַט הויבט זי זיך אויף און ווערט פאַרטרונקען אין נעבעל, — און איך פאַרקוק זיך, הער זיך צו.— און עס ווערט מיר אַזוי וואונדערליך גוט. איך בין נאָך גאָר א קינד דאַן געווען, נאָך גאָר א קליינינקע!... איך האָב אַזוי ליעב געהאַט דעם הערבסט, — דעם טיעפען שפּעטיגען הערבסט, ווען מען נעהמט שוין צו דאָס ברויט פון די פעלדער; אַלע פעלד־אַרבייט זענען פאַרענדיגט, ווען אין די הייזער הויבען זיך אָן די „פאַסידעלקעס" (זיצען שפּעט און פאַרברייינגען און וועבען) ווען אַלע ערוואַרטען שוין דעם ווינטער. דאַן ווערט אַלעס שוואַרצער, אומעטיגער אַרום, דער הימעל פאַרכמורעט זיך מיט וואָלקענס, די געלע בלעטער שפּרייטען זיך ווי סטעשקעס ביי די ברעגען פון ענטבלויזטען וואַלד, און דער וואַלד

בלויט און שווארצט זיך פון ווייטען — באזונדערס אין אָוועגט. ווען עס לאָזט זיך אראָפּ א פייכטער נעבעל, און די בוימער שוועבען ארוים פון נעבעל ווי ריזען, ווי געשטאַלטלאָזע שרעקליכע זעהונגען. עס פלעגט טרעפען, אז דו פארשפעטיגסט זיך אמאָל אויפ'ן שפּאַציר, שטעהסט אָפּ פון אנדערע, געהסטו איינע אליין, היילסטו זיך, — עס ווערט עפּעס אזוי מורא'דיג. ציטערסט אזוי ווי א בלאַט, און טראַכסט זיך אָט וועט עפּעס א שרעקליכע ברואה ארויסקוקען פון אונטער א בוים. דערווייל טראגט זיך דער ווינט דורך דורכ'ן וואלד, און דער וואלד הויבט אָן אזוי וועגען, רוישען און צוואווינט זיך אזוי יאָמערליך. דער ווינט רייסט אוים א גאנצען וואלקען מיט פארוועלקטע בלעטער און צווייגען. דרעהט זיי אזוי אין דער לופטען, נאָך זיי טראגט זיך דורך מיט א דורכדרינגענדען ווילדען געשריי א לאנגע און ברייטע רוישיגע סטאַיע פויגלען, אזוי אז דער הימעל ווערט שווארץ, און פארדעקט זיך אינגאנצען פון זיי. עס ווערט אָזא אימה און דו פונקט ווי דו וואָלסט ווירקליך דערהערען — ווי אימיצענס שטימע, וואָס שעפּטשעט שטיל: — „לויף קינד, לויף, פארשפּעטיגט זיך ניט; באלד וועט דאָ אונהיימליך ווערען, לויף קינד! א גרויל געהט דורך איבער'ן הארצען און לויפסט, לויפסט אזוי אז עס פארכאַפּט דיר אזש דער אָטעם. קומסט צו לויפען א היים א פארסאפּעטע; און אין דער היים איז טור־מעלדיג און פרעהליך; אונז אלע קינדער, גיט מען ארבייט; אויסצור־קלאַפּען פון דער שולאכץ די ארבעס און מאָן. די נאסע האָלץ טרעס־טשען אין אויוועז; די מאמע גיט פרעהליך אכטונג אויף אונזער פרעה־ליכער ארבייט; און די אלטע ניאניא אליאנא, דערצעהלט וועגען אלטע צייטען, אָדער זי דערצעהלט שרעקליכע מעשיות וועגען כישוף־מאכער און מתים. מיר קינדער טוליען זיך איינע צו איינער. און א שמייכעל שוועבט איבער אונזער אלעמענס ליפּען. אָט ווערען אלע שטיל מיט אמאָל... שאַ! עס הערט זיך א גערויש. אָט ווי אימיצער וואָלט קלאַ־פּען! אָבער עס הויבט זיך אפילו ניט אָן, דאָס קלאַפּט דער וועבשטול ביי דער אַלטער באָבע: ס'אַר אָ מין געלעכטער עס פלעגט ווערען! און דערנאָך שלאָפט מען ניט ביינאכט פון שרעק; עס קומען אזוינע שרעקליכע חלומות. כאַפּסט זיך אויף און וואגסט זיך ניט א ריהר צו טאָן, און ביז פארטאָג ציטערסטו אזוי אונטער דער קאָלדרע. אין דער פריה שטעהסט אויף פריש ווי א בלימעלע. גיסט א קוק אין

פענסטער. דער פראָסט האָט ארומגעכאַפּט דאָס גאַנצע פעלד, די דינע פאַרפרוירענע הערבסט־טוי הענגט אראָפּ פון די ענטבלויזטע צווייגען: די אָזערע האָט זיך באַצויגען מיט א הייטעל פון אייז. עס הויבט זיך אויף א ווייסע פּאַרע איבער דער אָזערא; פרעהליכע פויגעל שרייען, ארום און ארום לייכט די זון מיט העלע שטראַהלען, די שטראַהלען צוברעכען דעם דינעם אייז, ווי גלאָז. עס איז ליכטיג, העל און פרעהליך! אין אויוען פלאַקערט דער פייער; מיר זעצען זיך אלע צו צום סאַמאָוואַר, אין די פענסטער קוקט אריין דער דורכגעפרוירענער דורך דער נאַכט, אונזער שוואַרצער הונט פּאַלקאַן, שאָקעלט באַגריסענדיג מיט'ן וויידעל. פאַר די פענסטער פאַהרט דורך א פּויער אויף א מונטער פערדעל, דאָס פאַהרט ער אין וואַלד נאָך האָלץ. אלע זענען אזוי צופריעדען און פרעהליך... אין די שפּייכלערס איז פאַרגרייט א סך א סך ברויט. גרויסע קופּעס ברויט שיינען אָפּ אויף דער זון מיט גאָלד געדעקטע שטרוי, א מחיה צו קוקען! אלע זענען רוהיג און פריידיג, אלעמען האָט גאָט געבענשט מיט א גערעטעניש: אלע ווייסען, אז זיי וועלען האָבען ברויט אויף ווינטער; דער פּויער ווייס, אז זיין פאַמיליע, זיינע קינדער וועלען זיין זאַט. אָט דערפאַר ווערען ניט אנטשוויגען דורך די אָוונדען די קלינגענדע ליעדער פון די מיידלאַך און עס ווערען ניט איבערגעריסען די קאַראַהאָדען שפּיעלען, און דערפאַר טוען אלע תפילה אין קלויסטער מיט דאַנקבאַרע טרערען אום יום־טוב!... אַך ס'אַרא גאָלדען־גאָלדענע עס איז געוועזען מיין קינדהייט. אָט האָב איך זיך איצט צעוויינט ווי א קינד, זיך אָפּגעגעבענדיג מיט מיינע ערינערונגען. איך האָב זיך אזוי לעבעדיג—לעבעדיג אין אלעם דערמאָנט, אזוי העל איז אויפגעשטאַנען פאַר מיר מיין גאַנצע פאַרגאַנגענהייט, וועז די געגענוואַרט איז אזוי בלאַס און דונקעל! מיט וואָס וועט דאָס זיך ענדיגען, מיט וואָס וועט דאָס אלעס זיך ענדיגען? ווייסט איהר אין מיר לעבט א טיעפע איבערצייגונג און זיכערהייט, אז הייגטיגען הערבסט וועל איך שטאַרבען. איך בין זעהר זעהר קראַנק, איך טראַכט אָפט דערפון, אז איך וועל שטאַרבען, דאָך וואָלט זיך מיר ניט וועלען אזוי שטאַרבען און לעגען אין דער הייגער ערד. אפשר וועל איך זיך צוריק ארייגלעגען אין בעט, ווי דאַן אין פריהלינג, און איך האָב נאָך ניט דערוויזען צו קומען צו זיך. אָט אויך איצט איז מיר זעהר שווער. פעדאָרא איז ערגעץ אוועקגעגאַנגען אויף

דעם גאַנצען טאָג און איך זיץ אליין. שוין א צייט אז איך האָב מורא צו בלייבען אליין. מיר דוכט זיך אלץ אז מיט מיר אין צימער איז נאָך אימיצער דאָ, אז אימיצער רעדט מיט מיר, באַזונדערס ווען איך פאַרטראַכט זיך וועגען וואס ניט איז, און מיט אמאָל, אז איך כאַפּ זיך אויף פון מיינע געדאַנקען, ווערט מיר אזוי אונהיימליך. אָט פּאַרוואָס איך האָב אייך אָנגעשריבען אזא גרויסען בריעף; ווען איך שרייב, געהט דאָס איבער. זייט געזונט, איך ענדיג דעם בריעף, ווייל קיין פּאַפּיר און קיין צייט איז ניטאָ מעהר. פון געלדער וואָס איך האָב געקראָגען פאַר מיינע קליידער און העמטשקעס איז געבליבען בלויז איין רובעל. איהר האָט געגעבען דער בעל־הבית'טע צוויי רובעל; דאָס איז זעהר גוט; זי וועט איצט אנטשווייגען ווערען אויף א צייט.

פאַריכט זיך ווי ניט איז די קליידער. זייט געזונט: איך בין אזוי מיעד: איך פאַרשטעה ניט פאַרוואָס איך ווער אזוי שוואַך: די קלענסטע באַשעפטיגונג מאַכט מיך מיעד. ווען עס טרעפט זיך ארבייט, — ווי ארבייט מען? אָט דאָס האַרג'עט מיך אוועק.

וו. ד.

וואַרינקא, טייבעלע מיינע!

איך האָב היינט, מלאכ'ל מיינער א סך איינדריקע אָנגעזאַפּט אין זיך. ערשטענס האָט מיר א גאַנצען טאָג וועה געטהאָן די קאָפּ, אום זיך אביסעל אָפּפרישען בין איך ארויסגעגאַנגען און זיך דורכגעגאַנגען איבער דער פאָנטאַנקע. דער אָוועגט איז געווען אזא דונקעלער און פייכטער. — זעקס א זייגער ווערט שוין פינסטער, אָט ווי איצט! קיין רעגען איז ניט געווען, דערפאַר איז געווען א נעבעל, ניט קיין ערגערער, ווי אנאַנדער גוטער רעגען. איבער'ן הימעל האָבען זיך אין לאַנגע, ברייטע פאַסען געצויגען וואָלקענס. איבער דער נאַבערעזשנע האָבען שפּאַצירט מאַסען מענשען און ווי אומיסטען מיט אזעלכע שרעקליכע און מורא־אָנוואַרפענדע פּנים'ער. שכור'ע פּויערים, קור־נאָסע ווייבער, טשוכאָנקעס אין שטיוועל, אַרטיעלטשיקעס, איזוואָז־טשיקעס, אונזער אָ ברודער וואָס איז אַרויס צוליעב א געוויסער נויט; אינגלאַד, עפּעס א לעהרען־אינגעל ביי א סלעסאַר אין א כאַלאַט אין פּאַסען, מיט א פאַרוועלקטען אָפּגעניצעוועטען פּנים; אַן אויסגעדיענ־

טער סאלדאט, פון דריי ארשין די הויך, וואס ווארט אויף א סוחר וועלכער זאל ביי איהם קויפען א מעסערל אדער א בראנזענע פינגערל — צט דאס איז געווען דאס ארט פובליקום. עס איז געווען אזא שטונדע אז קיין אנדער פובליקום האט מען ניט געקענט ערווארטען. דאס איז דער קאנאל פאנטאנקא וואו עס געהען שיפען! די שיפלאך זיינען אזוי פיעל אין צאהל, אז עס איז שווער זיך פארצושטעלען ווי אזוי זיי האבען דא אלע געפונען פלאץ. אויף די בריקען זיצען ווייבער מיט נאסען לעקאך און פוילע עפעל, און אלע זענען זיי אזוינע שמוציגע, און נאסע. עס איז לאנגווייליג צו שפאצירען אויף דער פאנטאנקע! נאסע שטיינער אונטער די פיס, און ביי די זייטען ציהען זיך הויכע הייזער, שווארצע פון רויך. איבער'ן קאפ שפרייט זיך דער נעבעל: אזא אומעטיגער און טונקעלער אווענט איז היינט.

ווען איך האב פארקערעוועט אויף דער גאראכאווע גאס איז שוין געווען איינגאנצען פינסטער, און מען האט גענומען אנצינדען פייער. איך בין שוין טאקע לאנג ניט געווען אויף דער גאראכווע גאס, — עס האט זיך עפעס ניט איינגעגעבען. א רוישיגע גאס! ס'ארא מין קלייטען און רייכע מאגאזינען; אלץ בליסטשעט און ברענט אזוי אונטער'ן גלאז, סחורות פארשידענע, בלומען, העטס מיט סטענגעס, וואלסט א טראכט טאן אז דאס אלעס איז אזוי זיך פון שעהנקייט וועגען פאר־נאנדערגעלעגט, — איז דאס דאך אבער ניט אזוי: עס זענען דא מענ־שען וואס קויפען דאס אלעס און שענקען דאס צו זייערע ווייבער. — א רייכע גאס! — עס וואוינען זעהר א סך דייטשע בעקערס אויף גא־ראכאווע, עס זעהט אויס, א גאנץ פארמעגליכער עולם. און ווי־פיעל קארעטעס עס פליהען דורך אלע ווייל, ווי טראגט דאס נאר איבער דער בריק! אזוינע פראכטפולע עקיפאזשען, מיט פענסטער ווי שפיגעל, אינווייניג איז סאמעט און זיידענס, די לאקעיען פון די פריצים זענען אנגעטאן אין עפאלעטען מיט שפאגעס. איך האב אין אלע קא־רעטעס אריינגעקוקט, עס זיצען דארט דאמען אזוינע אויסגעפוצטע, אפשר פרינצעסינס און גרעפינס. עס ווייזט אויס געווען די שעה ווען אלע איילען זיך צו די בעלער און פארזאמלונגען. עס איז אינטערע־סאנט צו זעהן א פרינצעסין אדער אין אלגעמיין א רייכע דאמע פון דער נאהענט: עס ווייזט אויס זעהר גוט צו זעהען א רייכע דאמע פון דער נאהענט, איך האב זיי קיינמאל ניט געזעהן, סיידען דו קוקסט אריין

אין די קאַרעטעס, ווי איך האָב דאָס איצט געטאָן. דאָ האָב איך זיך אין אייך דערמאָנט. — אַך, טײַבעלע מײַנע, טײַערע מײַנע! ווען איך דערמאָן זיך איצט אין אייך ווערט מיר מײַן האַרץ צוריסען! וואָרום זענט איהר, וואָרינקאַ, אַזאַ אומגליקליכע? מלאַב׳ל מײַנער! מיט וואָס זשע זענט איהר ערגער פון זיי אַלע. איהר זענט ביי מיר אַזאַ גוטע, שעהנע און געלעהרענטע? וואָרום זשע פאַלט אויס אַזאַ בייזער מזל אויף אייער חלק. וואָרום טרעפט דאָס אַזוי, וואָס אַ גוטער מענש געפינט זיך אין אַזאַ מין פאַרלאַזענהייט און אימעצער דאַרטען גיט זיך דאָס גליק אַליין אין די הענט?

איך ווייס, איך ווייס, מאַמעלע, אַז מען טאָר אַזוי ניט דענקען, אַז דאָס מיינט זיין אַ פרייידענקער; נאָר אויפריכטיג, לויט׳ן אמת׳ען אמת, וואָרום האָט איינעם נאָך אין דער מאַמעס בויך דער שיקזאַל צוגעזאָגט גליק, און דער צווייטער קומט אויף גאָטס וועלט פון יתומים אנשטאַלט. און עס טרעפט דאָך ניט זעלטען, אַז דאָס גליק פאַלט אויס אויפ׳ן חלק פון איוואַנושקאַ נאַר. דאָ, דאַכט זיך איוואַנושקאַ האָסטו פאַר זיך אַ שמאַלצגרוב. ער, טרינק, פרעה זיך, און דו, אזעלכער און אזעלכער באַלעק זיך בלויז; ווייל נאָר דאַרויף טויגסטו בלויז, ברודערל, איינער! עס איז אַ זינד, מאַמעלע, עס איז אַ זינד אַזוי צו טראַכטען, אָבער דאָ קריכט ניט ווילענדיג די זינד אין דער נשמה אריין. וואָלט איהר אומפאַהרען אין אַזאַ קאַרעטע, טייערע מיינע, פויגעלע מיינס, וואָלטען געגעראַלען זוכען אייערען אַ מילדען בליק, ניט נאָר אונזער אַ ברודער. וואָלט איהר אומגעגאַנגען ניט אין קיין ליידווענטענע אַלטינקער קליידעלע, נאָר אין זייד און אין גאָלד, וואָלט איהר דאַן געווען ניט קיין דאַרינקע און פאַרוועלקטע ווי איצט, נאָר איהר וואָלט געהאַט אַ זיסען געשטאַלט, אַזאַ מין פרישינקע, רויטינקע און פולינקע וואָלט איהר זיין. דאַן וואָלט איך שוין דערמיט אַליין גליקליך געווען, וואָס איך וואָלט כאָטש פון גאַס, אין די העל באַלויכטענע פענסטער אויף אייך אַ בליק געטאָן, אום כאָטש דעם שאָטען אייערען זעהן. פון דעם געדאַנק אַליין אַז איהר זענט דאַרטען גליקליך און פרעהליך, פויגעלע איהר מיינע, שעהנינקע, וואָלט איך אויך דערפרעהט געוואָרען. און איצט וואָס, ווענינג איז דאָס וואָס שלעכטע מענשען האָבען אייך רואינירט, ערלויבט זיך נאָך דאַרטען עפּעס אַ גאַרנישט, אַ הונט אייך צו באַליידיגען. דערפאַר וואָס דער

פראַק זינגט אויף איהם, און ער קוקט אויף אייך דורך א גאָלדענער לאָרנעטקע, דער אונפאַרשעהמטער, געהט שוין איהם אַלעם פון האַנט אַראָפּ, און זיינע אונפאַרשעהמטע רייד מוז מען גוטמוטיג אויסהערען! געַנוג, איז דאָס טאַקע אזוי, מיינע טייבעלאָך! טאָ וואָ־רום זשע איז דאָס אַלץ אזוי, דערפאַר ווייל איהר זענט א יתום, ווייל איהר זענט א שוצלאָזע, דערפאַר ווייל איהר האָט ניט קיין שטאַרקען פריינד, וואָס זאָל אייך ווי געהעריג באַשיצען. נו, און וואָס איז דאָס פאַר א מענש, וואָס זענען דאָס פאַר מענשען, וואָס קענען אזוי לייכט באַליידיגען א יתומה? דאָס איז עפּעס א מין פּייגלינג, פּשוט נישטיגע פּיינדליכע, ניט קיין מענשען; זיי זענען גלאַט פאַרעכענט פאַר מענ־שען, אבער אין דער ווירקליכקייט זענען זיי דאָס ניט, אין דעם בין איך זיכער. אָט אזוינע זענען זיי אָט די מענשען! נאָך מיין מיינונג, טייערע מיינע, וועקט שוין צו זיך מעהר אכטונג, יענער קאַטערינש־טשיק, וועמען איך האָב היינט באַגעגענט אויף גאַראַכאָווע, ווי זיי. ער געהט טאַקע אום דעם גאַנצען טאָג און פּלאָגט זיך, און וואַרט אויף דעם פּאַרליגענעם נישטיגען גראָשען אום זיך צו דערהאַלטען, דער־פאַר איז ער אימער אליין אויף זיך דער בעל הבית און ערנעהרט זיך אליין. ער וויל קיין נדבה ניט בעטען; דערפאַר מיהט ער זיך צוליעב דעם פאַרגעניגען פון מענשען, ווי אַן אַנגעשטעלטע מאַשינע, — ווי איינער רעדט „מיט וואָס איך קען, דערמיט וועל איך ברייגגען פאַר־געניגען". אַן אָרימאַן, אַן אָרימאַן איז ער. אמת טאַקע דער זעלבער אָרימאַן, נאָר דערפאַר אַן איידעלער אָרימאַן. ער איז מיעד און דער־פרוירען און פונדעסטוועגען אַרבייט ער; אמת אויף זיין אייגענעם שטייגער, דאָך אַרבייט ער, א סך זענען דאָ עהרליכע מענשען, וועלכע פאַרדיענען ניט קיין סך לויט דער נוצליכקייט פון זייער אַרבייט, נאָר דערפאַר נייגען זיי זיך אבער צו קיינעם ניט און בעטען ביי קיינעם קיין ברויט ניט. אָן בין איך פּונקט ווי יענער קאַטערינשטשיק, ניט אינ־גאַנצען אזוי, אָבער איז א געוויסען זין, אין א לייטישער געזעל־שאַפט, איז דאָס פּונקט די זעלבע זאַך. איך אַרבייט ווי ער לויט מיינע כחות, ווי איך קען נאָר. מעהר פאַרמאָג איך ניט, און פאַר ניין משפּט מען ניט.

דערפאַר האָב איך זיך צורעדט וועגען קאַטערינשטשיק, ווייל מיר איז אויסגעקומען היינט מיין אָרימקייט אין צווייען צו דערפילען. איך

האָב זיך אָפּגעשטעלט און באַטראַכט דעם קאַטערינטשיק. עפּעס זענען אַזוינע מאָרנע געדאַנקען געקראָכען אין קאָפּ — האָב איך זיך אָפּגע־שטעלט, אום אַביסעל זיי צו פאַרגעסען. שטעה אַזוי און עס שטעהען אויך איזוואָזטשיקעס, עפּעס אַ מויד און אַ קליינע פאַרשמירטע מיידעלע שטעהען אויך. דער קאַטערינשטשיק האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אימי־צענס פענסטער. איך באַמערק אַ אינגעלע, אַ קינד פון אַ יאָהר צעהן: ער וואָלט געוועזען אַ שעהנינקער, אָבער ער איז אַזוי אויסגעצערטער און קראַנקער אויפ׳ן אויסזעהן, כמעט אין איין העמדעלע, שיער ניט אַ באָרוועסער, שטעהט ער אַזוי, צועפּענט דאָס מויל און הערט די מו־זיק. קינדערשע יאָהרען! ער האָט זיך פאַרקוקט ווי ביים דייטש טאַנצען די ליאַלקעס. ביי איהם זענען די הענטלאַך מיט די פּיסלאַך פאַרפרוירען, ער ציטערט אינגאַנצען און גריזשעט דעם עק פון אַר־בעל. איך מערק אַז אין די הענטלאַך האַלט ער אַ פּאַפּירעל. עס איז פאַרביי־געגאַנגען עפּעס אַ מאַן און האָט אַריינגעוואָרפען דעם שאַר־מאַנשטשיק אַ קליינע מטבעה. די לעצטע איז געפאַלען גלייך אין יע־נעם איבערגעצאַמטען שיפלאַד, וואו עס איז פאַרגעשטעלט אַ פראַנ־צויז וואָס טאַנצט מיט דאַמען. ווי עס האָט נאָר אַ קלונג געטאָן די מטבעה׳לע, ווי מיין אינגעל האָט אויפגעציטערט, האָט זיך אַזוי אָפּ־הענדיג אומגעקוקט, און עס ווייזט אויס אַז ער האָט געדענקט אַז איך האָב דאָס געגעבען די געלט. ער איז צוגעלאָפען גלייך צו מיר און דער־לאַנגט מיר דאָס פּאַפּירעל. זיינע הענטלאַך און זיין שטים ציטערען: און ער זאָגט: — אַ צעטעלע. איך האָב צונומען דאָס צעטעלע — נו, וואָס, אַלץ באַקאַנטעס: — דאָרט ווערט געזאָגט: — וואוילטעטיגע מיינע, עס שטאַרבט אַ מוטער פון קינדער, דריי קינדער הונגערען. העלפט אונז איצט, און ווען איך וועל שטאַרבען, וועל איך אייך אויף יענער וועלט ניט פאַרגעסען, דערפאַר וואָס איהר וועט איצט ניט פאַר־געסען מיינע קינדער. — נו, וואָס איז דאָ, עס איז אַ קלאָרע זאַך, פון לעבעדיגען לעבען, אָבער וואָס זאָל איך זיי געבען? נו, האָב איך זיי גאָרניט געגעבען. און ווי עס האָט מיר באַנג געטאָן. דער אינגעל אַזאַ אָרימינקער אַ בלוייער פון קעלט און אפשר אויך אַ הונגעריגער. ער ליינט ניט, אויף מיין עהרען וואָרט אַז ניין. ווייל איך ווייס די זאַך. דאָס איז בלויז ניט גוט, וואָרום שיקען אָט די מיאוסע מוטערס היטען ניט זייערע קינדער און שיקען זיי האַלב נאַקעטע אין אַזאַ קעלט מיט

צעטעלאַך. זי קען זיין איז א נארישע פרוי, וואָס פארמאגט ניט קיין שטאַרקייט אין איהר נאַטור, און האָט אפשר ניט ווער עס זאָל עפּעס טאָן פאר איהר, זיצט זי אזוי, די פיס אונטער זיך, און אפשר איז זי טאקע א קראנקע! נו, וואָלט זי זיך ווענדען וואוהין מען דאַרף; און איבריגענס קען דאָך זיין אז זי איז פּשוט א נידריגע ליגנערין און שיקט אומיסטען ארויס א הונגעריגען פארטרוקענטען קינד, אום אפּ־צונארען דעם עולם, און דערצעהלען וועגען קראנקהייט. און וואָס וועט זיך אויסלערנען דער אָרימער אינגעל מיט אַט די צעטעלאַך. בלויז זיין הארץ ווערט פארהארטעוועט; ער געהט אום, לויפט אום און בעט. עס געהען אום מענשען, זיי האָבען אָבער קיין צייט ניט, און הערצער האָבען זיי שטיינערנע, און הארט זענען זייערע ווערטער.

„אוועק! טראג זיך אָפּ! דו שטיפּסט!" — אַט וואָס ער הערט פון אלעמען. און עס ווערט בייז פארהארטעוועט א קינדערשעס הארץ. און אומזיסט ציטערט אין דער קעלט אַן אָרימינקער צושראָקענער אינגעלע, פונקט ווי א פויגעלע, וואָס איז פון א צובראָכענער נעסט ארויסגעפאלען. עס פריהרען זיינע הענטלאַך און פיסלאַך, עס פאר־כאַפּט דער אָטהעם פון קעלט. קוקסט זיך ניט ארום, און אַט הוסט ער שוין; דאָ איז שוין ניט לאנג צו ווארטען, און די קראנק־הייט ווי אַן אומרייניער שלאנג קריכט אין ברוסט אריין, און אַקאָרשט ווי מען זעהט ניט שטעהט שוין דער טויט איבער איהם ערגעץ אין א ווינקעל און ווארט. אָהן אויפפּאַסונג און אָהן הילף געהט ער צו גרונד— אַט דאָס איז זיין גאנצער לעבען! אַט ס'אַרא מין לעבען עס קען זיין. אַך, ווארינקא, עס איז פיינליך צו הערען, שענק א נדבה און פארביי געהען גאָר ניט געבענדיג און זאָגען אז גאָט וועט געבען. אַן אנדער „שענקט א נדבה" — איז נאָך גאָר ניט. (אפילו „שענקט א נדבה" זענען דאָ פארשידענע, מאמעלע). אַן אנדער „שענקט א נדבה" איז אַזאַ אויסגעצויגענער, לאַנגער און א באמת שנאָרערישער. אַזעלכען איז נאָך ניט אזוי שווער ניט צו געבען. דאָס איז אַן אַלטער אָרימאַן, שוין פון יאָהרען. אַן אָרימאַן לויט זיין באשעפטי־גונג. אַזעלכער טראכסטו איז צוגעוואוינט, ער קען פארטראָגען און אָריבערטראָגען, אַן אנדער „שענקט א נדבה", קלינגט אזוי אונגע־וועהנליך, גראָב און שרעקליך, — אַט ווי היינט איז געווען, ווען איך האָב גענומען דאָס צעטעלע פון אינגעל, איז עפּעס איינער אַן אָרימאַן

געשטאַנען ביי'ם פּאַרקאַן און זאָגט מיר: „גיב א נדבה, פריץ!" אבער מיט אזא אַנגעריסענעם גראָבען קול, אז איך האָב אינגאַנצען אויפגע־ציטערט פון א מין שרעקליכען געפיהל, און קיין גראָשען האָב איך ניט געגעבען: ווייל איך האָב ניט געהאַט. רייכע מענשען גלייבען ניט אז די אָרימע לייט באַקלאָגען זיך אין דער הויך אויף זייער שלעכטען מזל. — דאָס מיינט, מען באַאונרוהיגט זיי, מען עסט זיך זיי איין! יאָ, אָרימקייט עסט זיך אימער איין: — עס שטערען זיי צו שלאָפען ווי עס ווייזט אויס, די קרעכצען פון די הונגעריגע!

דעם אמת געזאָגט, טייערע מיינע, באַשרייב איך אייך דאָס אַלעס טייל־ווייז דערפאַר כדי זיך צו מאַכען לייכטער אויפ'ן הארצען, אבער נאָך מעהר צוליעב דעם אום אייך צו ווייזען א ביישפּיעל פון גוטען סטיל און מיינע שאַפונגען. ווייל איהר זעהט דאָס מסתמא אַליין, מאַמעלע, אז לעצטענס פאַרמירט זיך ביי מיר א סטיל. נאָר איצט האָט מיך אזא בייגקשאַפט באַפאַלען, אז פון מיין נשמה האָב איך דער־פילט א וואַרימען מיטגעפיהל צו מיינע געדאַנקען. און כאָטש איך ווייס אַליין, מאַמעלע, אז דערמיט קען מען ווייט ניט אוועקגעהן. דאָך ווערט עפּעס לייכטער אויף דער נשמה, ווען דו טיילסט זיך אַליין צו אביסעל גערעכטיגקייט. און טאַקע, טייערע מיינע, גאַנץ אָפט, אָהן א פאַרוואָס וואַרפסטו זיך אַליין אַרונטער, דיינקסט ביזט קיין גראָשען ניט ווערט און קוקסט אויף זיך נידעריגער ווי אויף א שפּינדעלע. און אויב איך זאָל דאָס אויסדריקען אין א פאַרגלייך, נעהמען זיך געוויס אזעלכע זאַכען דערפון, וואָס איך בין אַליין דערשראָקען און פאַר־יאָגט, אַט ווי יענער אָרימער אינגעל, וועלכער האָט ביי מיר א נדבה געבעטען. און איצט וועל איך אייך דערצעהלען אין דריטען פּערזאָן און איהר הערט מיך אויס מאַמעלע. עס טרעפט מיר טייערע מיינע, גאַנץ פריה ווען איך אייל זיך צו דער ארבייט, זיך פאַרקוקען אויף דער שטאָדט, ווי זי ערוועקט זיך, שטעהט אויף, רויכערט זיך, זידט און דונערט. און דאָ דערפיהלסטו זיך אמאָל אזוי קליין פאַר אזא מין פאַרשטעלונג, פונקט ווי דו וואָלסט געקראָגען פון אימיצען א פּיק איבער'ן נייגעריגען נאָז, און דאָ שלעפּסט זיך אזוי דיין וועג ווייטער, שטילער פון וואַסער און נידעריגער פון גראָז, אויף אַלץ א מאַך טוענ־דיג מיט'ן האַנט! איצט קוקסט זיך צו וואָס עס טוט זיך אין אַט די שוואַרצע פאַררויכערטע און גרויסע שטיינערנע הייזער, טראַכסט זיך

אריין דעריין און זאגט אליין, איז דאס געווען גערעכט, זיך צו פארעכער־נען אן א טאלק צווישען די ווערטהלאזע, און צוליב דעם ווערען ביי זיך אזוי אונווירדיג אפהענגיג. באמערק דאס, ווארינקא, אז איך רעד צו א דריטען פערזאן. נו, לאמיר א קוק טאן, וואס איז דארטען אזעלכעס אין אט די הייזער ? ערגעץ אין א פארויכערט ווינקעל, אין א נאסער לאך, וועלכע איז על פי נוים פארעכענט פאר א דירה, האט זיך אן ארבייטער ערוואכט פון שלאף. אין שלאף האט זיך איהם א גאנצע נאכט גע־חלום'ט, צום ביישפיעל, זיינע צוריסענע שטיוועל, וועלכע ער האט נעכ־טען צופעליג צוריסען. אט פונקט ווי עס מוז זיך חלום'ען א מענ־שען אט אזא מין נישטיגע זאך ! נו, ער איז דאך אן ארבייטער א שוס־טער : און עס איז נאטירליך וואס ער טראכט אלץ ווענען איין זאך. ביי איהם וויינען דארטען די קינדער, דאס ווייב געהט אום א הונגעריגע : אבער ניט בלויז די שוסטער האבען אזעלכע חלומות אין פריהמארגענס, טייערע מיינע. דאן וואלט דאס נאך ניט אויסגעמאכט און עס וואלט זיך ניט לוינגע שרייבען ווענען דעם. מאמעלע: אבער געוועהנליך אין דעם זעל־בען הויז, מיט א שטאק העכער אדער נידריגער, אין געזידעלטע פאלא־צען, קענען זיך ביינאכט חלום'ען דער גרעסטער פערזאן די זעלבע שטי־וועל, בלויז אויף אן אנדער אופן, פון א'אנדער פאסאן, אבער דאך שטי־וועל. אט אין דעם זין, מאמעלע, קומט אוים אז מיר אלע זענען א גע־ווימער מאס שוסטער. דאס וואלט נאך אלץ ניט אויסגעמאכט. שלעכט איז בלויז דאס, וואס עס איז ניטא קיינער ארום דעם רייכען מאן, ווער עס זאל איהם זאגען אויפ'ן אויער, אז עס איז ניט שעהן צו טראכ־טען ווענען אזוינע זאכען, טראכטען נאר פון זיך, און לעבען בלויז פאר זיך: „דו ביזט דאך ניט קיין שוסטער, דיינע קינדער זענען געזונט, דיין ווייב בעט ניט קיין עסען, קוק זיך בלויז גוט ארום, און דו וועסט אפשר דערזעהן מעהר וויכטיגע זאכען ווענען וואס צו זארגען, ווי שטיוועל !" אט וואס איך האב אייך געוואלט זאגען, אביעקטיוו גע־רעדט, ווארינקא ! עס קען זיין אז דאס איז צו א פרייער געדאנק, טיי־ערע מיינע, נאר אט דער געדאנק קומט אמאל ניט ווילענדיג, און רייסט זיך פון הארצען מיט א הייסען ווארט. און דערפאר איז ניט געווען צוליעב וואס זיך צו שעצען אין א גראשען, דערשרעקענדיג זיך פאר'ן גערויש און דונער ! איך וועל שליסען דערמיט, מאמעלע, אז איהר קענט נאך א טראכט טאן אז איך זאג אייך א ליגען אדער אז

עס איז אויף מיר אזוי אָנגעקומען א שלעכטע שטימונג. אָדער אז איך האָב דאָס גאָר פון א ביכעל אויסגעשריבען? ניין, מאַמעלע, גלויבט נים, רעדט זיך ניט איין: — פון א ליגען ווייך איך, קיין שלעכטע שטימונג איז ניט געקומען, און פון קיין ביכעל האָב איך גאָרנישט ניט אויסגעשריבען — אַט האָט איהר אייך!

איך בין געקומען אהיים אין אזא אומעטיגען געמיט. איך האָב זיך צוגעזעצט צום טיש, און אָנגעוואָרעמט דעם טשייניק, און זיך צוגע־גרייט אויסזופען א פּאָר גלעזלאך טהיי מיט אמאָל, זעה איך, אז עס קומט אריין צו מיר גאָרשקאָוו. אונזער אָרימער שכן. איך האָב נאָך אין דער פריה באמערקט אז ער דרעהט זיך עפּעס אום ארום די שכנים און האָט אויך צו מיר געוואָלט צוגעהן. איך וועל פארבייגעהענדיג באַ־מערקען, מאַמעלע, אז זייער לעבען, איז פיעל־פיעל ערגער פון מיינעם. א קלייניגקייט! א פרוי, קינדער!—אזוי, אז ווען איך זאָל זיין גאָרשקאָוו, ווייס איך שוין ניט וואָס איך וואָלט געטאָן אויף זיין אָרט! נו, איז ארייגגעגאַנגען מיין גאָרשקאָוו, נויגט זיך, א טרערעלע, ווי אימער, הייטערט זיך איבער זיינע וויעס, און קען קיין וואָרט ניט זאָגען. איך האָב איהם אוועקגעזעצט אויף א בענקעל, אמת א צובראָ־כענעם, ווייל קיין אנדערער איז ניט געווען. איך האָב איהם דערלאַנגט א גלאָז טהעע. ער האָט זיך לאַנג ענטשולדיגט און דאָך גענומען די גלאָז. ער האָט געוואָלט פון אָנפאַנג טרינקען אָהן צוקער, און האָט זיך ווייטער אָנגעהויבען ענטשולדיגען, ווען איך האָב איהם פארזיכערט אז מען דאַרף נעהמען צוקער. ער האָט זיך לאַנג געהאַמפּערט, זיך אָפּגעזאָגט און צולעצט ארייגגעלעגט אין גלאָז דאָס קלענסטע שטיקעלע צוקער און גענומען פארזיכערען אז די טהע איז אויסערגעוועהנליך זיס. עס, אָרימקייט ברייגגט דעם מענשען ביז צו זעלבסטפארניכטונג!

— „נו, וואָס ווערט איהר זאָגען גוטס, טאַטוניו?" פרעג איך איהם. יאָ, אזוי און אזוי מיין וואוילטעטיגער, מאַקאַר אַליעקסיעיעוויטש, זאָגט ער, ווייזט א גאַטס געפעליגקייט, און העלפט ארויס מיין אָרימער פאַמיליע: קינדער, א פרוי, עס איז ניטאָ וואָס צו עסען. נו, ווי זאָל איך זיך אויסדריקען, איך בין דאָך א פאָטער! איך האָב געוואָלט עפּעס, זאָגען, האָט ער מיך איבערגעריסען: „איך האָב דאָ פּאָר אַלעמען מורא, מאַקאַר אַליעקסיעיעוויטש, דאָס הייסט, ניט איך האָב מורא, נאָר אזוי ווייסט איהר איז עפּעס אומאַנגענעהם: זיי זענען אַלע אזוי

שטאָלץ און מאַכען זיך אַזוי גרויס. איך, זאָגט ער, וואָלט אייך טאַטוניו וואָלטעטיגער מיינע, ניט באַאונרוהיגען, איך ווייס אַז איהר האָט אַליין גענוג צרות, און קענט מיר פיעל ניט העלפען, אָבער באָרגט מיר כאָטש וויפיעל ניט איז; דערפאַר, זאָגט ער, וואָס איך אייך צו בע־טען, ווייל איך ווייס אַז איהר האָט אַ גוט האַרץ, און אַז איהר האָט זיך אַליין גענויטיגט און אַז איהר פּלאָגט זיך איצט אויך, און דער־פאַר איז אייער האַרץ אָפען פאַר מיטגעפיהל".

געענדיגט האָט ער דערמיט אַז איך זאָל איהם פאַרגעבען זיין חוצפה און אונאַנשטענדיגקייט. איך ענטפער איהם, אַז איך וואָלט מיט דער גאַנצער נשמה צופריעדען זיין איהם צו העלפען, אָבער אַז איך האָב אַבסאָלוט גאַרניט מיט וואָס איהם צו העלפען. — „טאַטוניו, מאַ־קאַר אַלעקסיעיעוויטש, איך בעט ניט קיין סך, זאָגט ער, און ווערט רויט אַזוי, מיין ווייב און קינדער הונגערען, — כאָטש צעהן קאָפּיקעס קריגען". דאָ האָט מיר אַזוי פאַרקלעמט ביים האַרצען. אַך, טראַכט איך ווי ווייט זיי האָבען מיך איבערגעיאָגט! און ביי מיר איז אינגאַנצען פאַרבליבען 20 קאָפּיקעס, איך האָב נעדענקט צו קויפען פאַר זיך דאָס נויטיגסטע. — „ניין, טייבעלע מיינע, איך קען ניט; אָט אַזוי און אַזוי" — זאָג איך: — „טאַטוניו, מאַקאַר אַלעקסיעיעוויטש, כאָטש וויפיעל איהר ווילט, כאָטש צעהן קאָפּיקעס". נו, האָב איך אַרויסגע־נומען פון שיפלאַד מיינע 20 קאָפּיקעס און איהם אַוועקגעגעבען. דאָס איז דאָך אַ גוטע זאַך, מאַמעלע! דלות, דלות. איך האָב זיך אַזוי צורעדט מיט איהם: ווי זשע, פרעג איך איהם, טאַטוניו, אַז איהר נויי־טיגט זיך אַזוי שטאַרק, נעהמט איהר נאָך אַ צימער פאַר 5 רובעל? האָט ער מיר ערקלערט אַז דעם צימער האָט ער נאָך געדונגען מיט אַ האַלב יאָהר צוריק, און האָט באַצאָהלט פאַר דריי מאָנאַטען פאָראויס. דערנאָך האָבען זיך די אומשטענדען אַזוי געביטען, אַז ער האָט זיך ניט געקענט אַ ריהר טאָן ניט אהער און ניט אהין. ער האָט ערוואַר־טעט, אַז זיין פּראָצעס וועט זיך ענדיגען צו דער צייט. זיין פּראָצעס איז אַן אונאַנגענעהמער. ער איז, ווי איהר זעהט, וואַרינקאַ, פאַר עפּעס פאַראַנטוואָרטליך פאַר'ן געריכט. ער לאָדט זיך מיט אַ סוחר, וועלכער האָט אָפּגענאַרט קאַזנאַ מיט אַ פּאָדרייאַד. מען האָט ענטדעקט דעם שווינדעל, דער סוחר איז אַרעסטירט געוואָרען און געשטעלט געוואָרען צו משפט, און ער האָט דאָס אויך נאַרשקאָווען אַריינגע־

פּלאַנטערט אין דער זאַך. דער גזלן איינער.

און דעם אמת געזאָגט, איז גאַרשקאָוו שולדיג בלויז אין נאַכלעסיגקייט, אין דעם וואָס ער האָט אונפאַרגעבליך ניט געהיט די רעגירונגס אינטערעסען. שוין עטליכע יאָהר ווי עס ציהט זיך דער פּראָצעס: אין אַלץ געפינען זיך פאַרשידענע שטערונגען געגען גאַרש־קאָווען. — „און דעם בזיון און זינד וואָס מען וואַרפט אויף מיר אַרויף, רציחה — זאָגט מיר גאַרשקאָוו — בין איך ניט שולדיג". ער איז ניט שולדיג ניט אין שווינדעל, ניט אין גזלה". דער פּראָצעס האָט איהם אביסעל פאַרשמירט, מען האָט איהם אויסגעשלאָסען פון דינסט, כאָטש מען האָט איהם ניט געפונען שולדיג, נאָר צו קיין פּאַלשטענדיגער ריינוואַשונג קען ער עד היום ניט קומען, ווייל ער קען ניט אויפמאַנען ביים סוחר א היבשע סומע געלט, וואָס איהם קומט, אָבער פאַר וועלכער ער האָט ניט קיין באַווייזען. איך גלויב איהם, אָבער דאָס געריכט וויל איהם ניט גלויבען אויפ'ן וואָרט: דער פּראָצעס איז אַזאַ פאַרוויקעלטער, איינגאַנצען איז בינטלאַך און אין קניפּלאַך, אַזוי אַז וועמט איהם אין הונדערט יאָהר אויך ניט צופּלאַנטערען. עס גיט זיך איין אביסעל צו פאַרנאַנדערפּלאַנטערען די זאַך. ברייננגט דעם סוחר אַריין אַלץ מעהר און מעהר פּלאַנטערס. איך נעהם א האַרציגען אַנ־טייל אין גאַרשקאָווען. טייערע מיינע, איך פיהל איהם מיט. א מענש אָהן א שטעל, אַזוינער אויף וועמען מען קען זיך ניט פאַרלאָזען, נעהמט מען אין ערגעץ נים. וואָס עס איז געווען אָפּגעשפּאַרט האָט מען אויפ־געגעסען. דער פּראָצעס איז א פאַרפּלאָנטערטער, עסען דאַרף מען דער־ווייל: צו דער זעלבער צייט, אַזוי גיך, גאָר ניט אם פּלאַץ, ווערט א קינד געבאָרען,— אָט זענען דאָ נייע אויסגאַבען: דער זון איז קראַנק געוואָרען — ווייטער אויסגאַבען, געשטאָרבען — אויסגאַבען; די פרוי איז קראַנק, ער ליידט פון אן אַלטער קראַנקהייט: מיט איין וואָרט ער האָט פאָלשטענדיג געליטען. איבריגענס, זאָגט ער, אַז ער ערוואַר־טעט די טעג זאָל זיך זיין פּראָצעס ענדיגען און צום גוטען פאַר איהם. דאָס איז שוין א קלאָרע זאַך, און אָהן שום צווייפעל, א רחמנות, עס איז זעהר א גרויסער רחמנות אויף איהם, מאַמעלע! איך האָב אַזוי צערט־ליך איהם דערנעהענט צו מיר. ער איז אַזאַ פאַרלאָרענער מענש, אַזאַ פאַריאָגט - דערשראָקענער. נו, זייט זשע געזונט מאַמעלע. זאָל גאָט זיין מיט אייך. זייט געזונט, טייבעלע מיינע! ווען איך דערמאָן זיך

אַז אייך, איז פונקט ווי איך וואָלט אַ רפואה צוגעלעגט צו מיין קראַנ־
קער נשמה. כאָטש איך לייד פאַר אייך, נאָר אפילו ליידען פאַר אייך
איז מיר גרינג.

אייער אמת׳ער פריינד,

מאַקאַר דעוואושקין.

דעם 9טען סעפּטעמבער.

מאַמוניו, וואַרוואַרא אַליעקסיעיעוונאַ!

איך שרייב אייך איצט, ווען איך בין אויסער זיך. איך בין אינ־
גאַנצען אויפגעטרייסעלט פון אַ שרעקליכער פּאַסירונג. מיין קאָפּ
דרעהט זיך מיר און איך פיהל, ווי אַלץ אַרום מיר דרעהט זיך. אַך, טייי־
ערע מיינע, וואָס איך וועל אייך איצט דערצעהלען! אָט האָט קיינער
פון אונז ניט געהאַט דעם פאַרגעפיהל דערפון. ניין, איך גלויב ניט, אַז
איך האָב דאָס ניט פאַראויס געפיהלט. איך האָב דאָס אַלעס פאַראויס
געפיהלט. אַלץ האָב איך אויפצופריהער מיט מיין האַרצען געהערט און
געפיהלט! איך האָב אפילו דאָ ניט לאַנג אין חלום עטוואָס ענליכעס
געזעהן.

אָט וואָס עס האָט פּאַסירט! — איך וועל אייך דערצעהלען אָהן
אַ סטיל, נאָר ווי גאָט וועט געבען. איך בין היינט אַוועק אויף מיין
אמט, געקומען און זיך און שרייב. איהר דאַרפט וויסען, מאַמעלע, אַז
איך האָב נעכטען אויך געשריבען. אָט נעכטען געהט צו מיר צו טימאָפעי
איוואַנאָוויטש, און זיי זענען אַזוי גוט פערזענליך מיר אָנצוזאָגען, אַז
אָט דאָס איז זעהר אַ נויטיגער פּאַפּיר, וועלכען מען דאַרף גלייך האָבען
„שרייבט איבער“, מאַקאַר אַלעקסיעיעוויטש, „ווי מעגליך ריינער, שנע־
לער, אויפמערקזאַמער: נאָך היינט מוז דער פּאַפּיר אונטערגעשריבען
ווערען“ מען דאַרף אייך באַמערקען, מלאכ׳ל מיינער, אַז נעכטי־
גען טאָג בין איך געוועזן ניט אויף דער וועלט, אינגאַנצען אויסער זיך.
עס האָט זיך אויף קיין זאַך ניט געוואָלט קוקען, אַזאַ אומעט און
ביינקשאַפט האָבען מיך באַפאַלען! אין האַרצען קאַלט, אויף דער נשמה
פינסטער: אין מיין זכרון האָט איהר אַליין בלויז געוואַכט, פויגעלע
מיינע. נו, איך האָב זיך גענומען איבערשרייבען: איך האָב געשריבען

ריין און גוט, און איך ווייס ניט, ווי פּינקטליבער אייך צו זאָגען, צו דער ניט גוטער אליין האָט מיך פארפּלאָנטערט, צו אזוי איז שוין געווען פון שיקזאל באשערט, אז עס זאָל אזוי זיין, נאָר איך האָב דורכגעלאָזען א גאנצע שורה; און די זאך האָט אינגאנצען פארלאָרען איהר זין. מען האָט נעכטען פארשפּעטיגט צו געבען דעם פּאַפּיר אונטערשרייבען און מען האָט ערשט היינט דערלאנגט זיין הערשאפט דעם פּאַפּיר צום אונטערשריפט. איך, ווי עס וואָלט גאר ניט פּאסירט, קום היינט צו דער ארבייט און זעץ זיך מיר אוועק, ארום יעמיליאן איוואנאָוויטש'ן. איך מוז אייך זאגען, טייערע מיינע, אז פון א קורצער צייט צוריק, בין איך געוואָרען נאָך אפּהענדיגער און שעמעוודיגער. לעצטענס האָב איך אויף קיינעם ניט געקוקט. ווי עס גיט נאָר ביי אימיצען א סקריפּע דאָס ביינקעל, אזוי בין איך שוין ניט טויט ניט לעבעדיג. אזוי אויך היינט, איך בין צוגעפאלען צו דער ארבייט, אזוי שטיל, זיץ מיר ווי א יאזשיק, אזוי אז יעפים אקימאָוויטש (א שטיפער, וואָס די וועלט פארמאָגט ניט נאָך איינעם אזא) זאָגט אזוי אויפ'ן קול: וואָס זיצט איהר אזוי מאקאר אלעקסיעיעוויטש, אוי, אוי, אוי. דערביי האָט ער געמאכט אזא גרימאסע, אז אלע, ווער עס איז געווען ארום איהם און ארום מיר, האָבען אויסגעשאָסען א געלעכטער, און פארשטעהט זיך אויף מיין חשבון, און מען האָט גענומען שפּאָסען אָהן א שיעור און אָהן אן עק. איך האָב מיינע אויערען פארשטעלט, די אויגען פארמאכט, און אזוי זיץ איך זיך און גיב זיך ניט א ריהר. דאָס איז מיין מנהג; אזוי מיעדען זיי זיך גיכער איין. מיט אמאָל איך הער א טומעל, א לויפעריי, א געשריי; איך הער, — נאָרען זיך מיינע אויערען ניט אָפּ? מען רופט מיך, מען פאָדערט מיך, מען רופט דעוואושקינען. עס איז פארציטערט געוואָרען דאָס הארץ און מיין ברוסט, און איך ווייס אליין ניט וואָס איך האָב זיך דערשראָקען; איך ווייס בלויז אז איך האָב זיך אזוי איבערגעשראָקען, ווי קיינמאָל אין מיין לעבען. איך בין צוגעוואקסען צום ביינקעל, ווי עס וואָלט גארנישט ניט געווען, ווי ניט מיך מיינט מען. נאָר מען האָט ווידער אָנגעהויבען רופען נעהענטער און נעהענטער. אָט שרייט מען מיר שוין אין אויער אריין: מען רופט דעוואושקינ'ען! דעוואושקין, וואו איז דעוואושקין? איך הויב אויף די אויגען, פאר מיר שטעהט יעווסטאפיע איוואנאָוויטש; ער זאגט: מאקאר אלעסיעיעוויטש, שנעלער, זיין הערשאפט

פארדערט אייך. צרות האט איהר אנגעמאכט מיט'ן פאפיר! דאס איז אלץ וואס ער האט געזאגט, און געגוג, און ניט אמת, מאמעלע, אז עס איז גענוג געזאגט געווארען? איך בין א טויטער געבליבען, און פאר־קלעהרט אזוי, ווי אין חלשות, גערה איך — ניט טויט ניט לעבעדיג בין איך אוועק. מען פיהרט מיך דורך איין צימער א צווייטען און א דריטען און ענדליך קום איך אין קאבינעט, — קיין ריכטיגען חשבון וועגען דעם וואס איך האב דאן געטראכט, קען איך אייך ניט אפגעבען. איך זעה זיין הערשאפט שטעהט און ארום איהם זיי אלע. איך האב, דאכט זיך, ניט פארנויגט, זיך פארגעסען. צושראקען בין איך אזוי, אז הענט און פיס טרייסלען זיך מיר. און עס איז געווען פאר וואס, מאמעלע. ערשטענס איז אונאנגענעהם, איך האב א קוק געטהאן רעכטס אין שפיגעל, האט מען שוין געקענט משוגע ווערען דערפון וואס איך האב דארטען דערזעהן. און צווייטענס, האב איך אימער אלץ געטהאן אזוי, פונקט ווי איך וואלט אויף דער וועלט ניט געווען, איז אז עס איז נאך א גרויסע פראגע צו זיין הערשאפט האט אפילו געוואוסט פון מיין עקזיסטענץ. אפשר האט ער אמאל געהערט פארבייגעהענדיג, אז אין זיין דעפארטמענט איז דא א דעוואושקין, אבער אין קיין איינצעל־הייטען איז ער ניט אריינגעגאנגען אין דעם הינזיכט.

זיי האבען אזוי בייז אנגעהויבען: „ווי זשע טוט מען דאס אזוי, מיין הער! ווארום קוקט איהר ניט? א נויטיגער פאפיר, מען דארף איהם גלייך, און איהר צו'פטר'ט? ווי אזוי טוט איהר דאס — דא האט זיך זייער הערשאפט געווענדעט צו יעווסטפיע איוואנאוויטש'ן. איך הער בלויז, צו מיר דערגרייכען בלויז די קלאנגען פון די ווערטער: — נאכלעסיגקייט! געטרייזלאזיגקייט! איהר ברייננגט צו אונאנגענעהמליכקייט! איך האב געוואלט עפענען דאס מויל, געוואלט בעטען מען זאל מיר מוחל זיין און האב ניט געקענט, אנטלויפען — האב איך ניט געוואגט צו מאכען א פארזוך, און דא... דא, מאמעלע, האט עטוואס אזוינס פאסירט אז איך קען נאך איצט ניט האלטען די פעדער אין האנט פון שאנדע. — מיין קנעפעל, — צום טייפעל זאל דאס געהן — דאס קנעפעל איז ביי מיר געהאנגען אויף א פעדימעל, איז אפגעשפרונגען, (איך האב דאס, ווייזט אויס, פארטשעפעט מיט'ן האנט) און האט מיט א קלאנג זיך צוטאנצט איבער'ן דיל, און זיך גענומען קייקלען גלייך צו די פיס פון זיין הערשאפט. דאס האט פא־

סירט ביי דער אַלגעמיינער פאַלשטענדיגער שטילקייט ארום. די פאַל־
גען זעגען געווען גרויליך! זיין הערשאַפט האָט גלייך געשענקט זיין
אויפמערקזאַמקייט צו מיין פיגור און קאָסטיום. איך האָב זיך דערמאַנט
וואָס איך האָב געזעהן אין שפּיגעל, און זיך גענומען זוכען דאָס קנעי־
פּעל! עס איז אַנגעקומען אויף מיר אַ משוגעת! איך האָב זיך אָנגע־
בויגען און וויל אויפהויבען דאָס קנעפּעל, און דאָס לעצטע קייקעלט
זיך און דרעהט זיך, איך קען דאָס ניט כאַפּען, מיט איין ווארט איך
האָב זיך אויסגעצייכענט מיט געשיקטקייט. דאַ פיהל איך אַז מיינע
לעצטע כחות פאַרלאָזען מיך, אַז אַלץ איז שוין פאַרלאָרען! פאַרלאָרען
מיין רעפּוטאַציע, פאַרפאַלען אינגאַנצען דער מענש! און דאָ הויבט
מיר אָן, דיר ניט מיר ניט, קלינגען אין די אויערען, און טערעזאַ און
פּאַלדאַני האַלטען זיך אין איין איבעררײדען. אם ענדע האָב איך גע־
כאַפּט דאָס קנעפּעל, איך האָב זיך אויפגעהויבען, און אויב שוין יאָ
געווען אַ נאַר וואָלט איך שוין בעסער געשטאַנען אַזוי רוהיג, די הענט
אַרונטערגעלאָזען! אבער ניין, דאָס ניט. איך האָב גענומען דאָס קנעי־
פּעל צוצובינדען צו די אָפּגעריסענע פעדים, פונקט ווי דאָס וואָלט
קענען העלפען, און שמייכעל נאָך אַזוי. זיין הערשאַפט האָבען
זיך אָפּגעקערעוועט פון אָנפאַנג, דערנאָך ווידער אויף מיר אַ קוק
געטאָן — איך הער, זיי זאָגען יעווסטיפיע איוואַנאָוויטש'ן: נו,
ווי דען?... קוקט זיך נאָר צו אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד ער איז... ווי
ער זעהט אויס!... וואָס איז ער!"... — אַך, טייערע מיינע, וואָס איז
דאַ צו ריידען — „וואָס איז ער, ווי זעהט ער אויס?" „ער האָט זיך
אויסגעצייכענט!" הער איך ווי יעווסטאַפי איוואַנאָוויטש זאָגט. „ער
איז ניט באַמערקט אין קיינע שלעכטע זאַכען, זיין אויפפיהרונג איז אַ
מוסטערהאַפטע, געהאַלט באַקומט ער אַ געהעריגען". — נו, פאַר־
לייכטערט איהם ווי ניט איז, — זאָגט זיין הערשאַפט. „גיט איהם
פאָראויס זיין געהאַלט". ער האָט שוין פאַרנומען פאַר אַזוי פיעל און
אַזוי פיעל צייט האָט ער שוין פאַרנומען אויפצופריהער, — זאָגען זיי.
די אומשטענדען זיינע ווייזט אויס האָבען זיך אַזוי צונויפגעלעגט, ווייל
ער פיהרט זיך אויף מוסטערהאַפט און איז אין קיין זאַך ניט באַ־
מערקט". — איך, מלאכ'ל מיינער, האָב אינגאַנצען געברענט, אין אַ
מיין העלישען פייער! איך בין אויסגעגאַנגען! — „נו זאָגען, זיין הער־
שאַפט הויך אויפ'ן קול, מען מוז דאָס איבערשרייבען אויף דאָס ניי

און אמשנעלסטען. דעוואושקין קומט אהער, שרייבט דאס איבער ווי־
דער אמאָל, נאר אָהן טעות'ן; אבער הערט זיך איין: דאַ האָט זיך די
ערשאפט אומגעקערעוועט צו די איבעריגע און האָט זיי אָפּגעגעבען
פארשידענע באפוילען און אלע זענען זיך צוגאנגען. ווי נאר זיי זענען
אוועק, אזוי האָט זיך זיין הערשאפט אומגעקערט צוריק צו מיר, און
איילעניש האָט ער ארויסגענומען זיין בייטעל פון טאש, פון וועלכען ער
האָט ארויסגענומען א הונדערטער און דערלאנגט מיר: „אָט דערמיט
בלויז קען איך אייך העלפען" האָט געזאָגט זיין הערשאפט. נעהמט, און
קוקט דערויף ווי איהר ווילט." איך האָב א ציטער געטאָן, מלאכ'ל
מיינער, מיין גאנצע נשמה האָט אויפגעטרייסעלט. איך ווייס אליין ניט
וואס מיט מיר איז געווען, איך האָב געוואָלט כאפען קושען זיין האנט.
ער איז אינגאנצען רויט געווארען, דערביי האָט ער גענומען און גע־
געדריקט מיין אונווירדיגע האנט, ווי זיינעם א גלייכען, פונקט ווי א מין
גענעראל. איך דערצעהל אייך דעם ריינעם אמת, טייבעלע מיינע, און
איבערטרייב אפילו אויף קיין האר ניט. „געהט" — זאָגט ער — „איך
האָב געטאָן, וואס איך האָב געקענט... מאכט שוין מעהר ניט קיין
גרייזען, און איצט איז די זינד אויף דער האלב".

איצט, מאמעלע, אָט וואָס איך האָב באשלאָסען: — אייך און
פעדארען בעט איך יעדען טאָג גאָט בעטען פאר זיין הערשאפט, און
וואָלט איך קינדער האָבען, וואָלט איך זיי הייסען, אז זיי זאָלען אייביג
יעדען טאָג תפילה טאָן און גאָט בעטען פאר זיין הערשאפט! און אָט
וואס איך וועל אייך נאָך זאגען, מאמעלע, הערט מיך נאר גוט אוים,—
מיין עהרען ווארט — אז דאָס וואָס איך וויל אייך זאגען איז הייליג,—
נים קוקענדיג דערויף וואס אונזערע מאטעריעלע נויט און אָט די
גרויליך פיינליכע טעג האָט מיך אזוי שווער געדריקט. ווען איך האָב
געמוזט צוזעהן אייער נויט און אנגסט און דערביי געפיהלט מיין
הילפלאָזיגקייט, מיין ערנידערונג און אונפעהיגקייט זיך ארויסצורייסען
פון דעם אלעם, ניט קוקענדיג דערויף, שווער איך אייך, אז מיר זענען
נים אזוי טייער די הונדערט רובעל, ווי דאס וואס זיין הערשאפט
אליין האָט מיר, א שמרוי און א שכור, געדריקט די אונווירדיגע האנט!
דערמיט האָט ער מיך, אומגעקערט מיר אליין, מיט אָט דער האנדלונג
האָט ער מיין מוט אויפגעלעבט און האָט אויף אייביג מיין לעבען
פארזיסט. איך בין טיעף איבערצייגט, אז ווי זינדיג איך ביז גיט פאר

דעם וואָס לעבט אייביג, נאָר דאָך וועט מיין תפילה פאַר'ן גליק און וואוילייזען, פון זיין הערשאַפט דערגרייכען דעם כסי הכבוד.

מאַמעלע, איך בין שטאַרק צודרעהט און מורא'דיג אויפגערעגט. מיין האַרץ קלאַפּט אַזוי ווי עס וואָלט וועלען פון ברוסט ארויסשפּרונגען, און אַליין בין איך אינגאַנצען אָפּגעשוואַכט. איך שיק אייך 45 רובעל. 20 רובעל גיב איך דער בעל־הבית'טע, זיך לאָז איך 35; פאַר 20 רובעל וועל איך פאַריכטען מיינע קליידער, און פּופּצעהן וועל איך זיך אַזוי לאָזען. איצט פיהל איך, אַז אַלע איינדריקע פון דעם היינטיגען פריהמאָרגען האָבען אונטערבראָכען מיין עקזיסטענץ. איך וועל זיך צולעגען. עס איז מיר אַזוי גוט, רוהיג, זעהר רוהיג. איך הער ווי עס ברענט די נשמה, וואו דאָרטען אין די טיפענישען ציטערט, צאַפּעלט זיך און ריהרט זיך מיין האַרץ, — איך וועל קומען צו אייך; איצט בין איך פּשוט שכור פון אָט די אַלע איבערלעבונגען... גאָט זעהט אַלעס, מאַמעלע מיינע, טייבעלע מיינע אונשעצבאַרע! אייער ווירדיגער פריינד, מאַקאַר דעוואושקין.

דעם 10טען סעפּטעמבער.

מיין ליעבער מאַקאַר אַליעקסיעיעוויטש!

איך קען אַזוי פיעל מיט ווערטער ניט אויסדריקען, וויפיעל איך פרעה זיך מיט אייער גליק. און איך קען אויך שעצען די וואוילטעטיגקייטען פון אייער נאַטשאַלניק. און אַזוי וועט איהר זיך איצט אויסרוהען פון צרות! נאָר אום גאָטעס ווילען פּטר'ט ניט מעהר קיין געלט אומזיסט. לעבט שטילינקערהייט ווי איהר קענט, באַשיידענער, און פון היינטיגען טאָג הויבט אָן אָבשפּאַרען כאָטש וויפיעל ניט איז, אַז אין פאַל פון עפּעס אַן אומגליק, ח"ו, זאָלט איהר ווידער ניט געפינען זיך אין אַזאַ אונבאַהאָלפענער לאַגע. וועגען מיר מיט פעדאָרען, זאָרגט נים. ווי גאָט איז אייך ליעב, מיר וועלען שוין דורכקומען ווי ניט איז. צו וואָס האָט איהר אונז צוגעשיקט אַזוי פיעל געלט, מאַקאַר אַליעקסיעיעוויטש? מיר נויטיגען זיך גאָר ניט אין דעם. מיר זענען צופריעדען מיט דעם וואָס מיר האָבען אַליין. אמת, מיר וועלען זיך אינגיכען נוי־טיגען אין געלט אויף איבערצוקלייבען זיך אין אַ נייער דירה, אָבער

פעדאָרא האָט צו קריגען ביי אימיצען אַן אַלטען חוב. איבריגענס, איך לאָז זיך איבער 20 רובעל אויף די נויטיגסטע זאַכען. דאָס איבעריגע שיק איך אייך אָפּ. היט דאָס געלט מאַקאַר אַלעקסיעיעוויטש, איך בעט אייך! זייט געזונט, לעבט וואויל און רוהיג. זייט געזונט און פרעהליך. איך וואָלט אייך געשריבען מעהר, נאָר איך פיהל זיך שרעקליך מיעד. נעכטען בין איך אַ גאַנצען טאָג ניט אַרויס פון בעט. איהר האָט גוט געטאָן וואָס איהר האָט מיר צוגעזאָגט קומען. באַזוכט מיך, איך בעט אייך, מאַקאַר אַליעקסיעיעוויטש.

וו. ד.

דעם 11טען סעפּטעמבער.

מיין ליעבע וואַרוואַרא אַליעקיעיעוונא!

איך בעט אייך, טייערע מיינע, צושיידט זיך ניט מיט מיר איצט, ווען איך בין אינגאַנצען גליקליך און מיט אַלעם צופריעדען. טייבעלע מיינע! הערט ניט פעדאָרען און איך וועל טאָן אַלץ וואָס איהר ווילט נאָר; איך וועל זיך גוט אויפפיהרען, אויס רעספעקט צו זיין הערשאַפט אַליין וועל איך זיך אויפפיהרען גוט; מענשליך, שעהן און מיר וועלען ווידער שרייבען איינע די אַנדערע גוטע און גליקליכע בריעף. אין די בריעף וועלען מיר זיך איבערגעבען איינער דעם אַנדערען אונזערע געדאַנקען, און וועלען זיך טיילען מיט אונזערע פריידען און ליידען אויב אַזוינע וועלען זיין. מיר וועלען לעבען צוזאַמען צופריעדען און גליקליך, מיר וועלען זיך פאַרנעהמען מיט ליטעראַטור... מלאכ'ל מיינער! אין מיין לעבען האָט זיך אַלעס אומגעענדערט, און אומגעענדערט צום גוטען. די בעל-הבית'טע איז געוואָרען נאָכגעביגער, טערעזאַ קלוגער, און אַפילו פאַלדאָני איז געוואָרען געשיקטער. מיט ראַטאַזיאַיעווען האָב איך זיך איבערגעבעטען, פון גרויס פרייד בין איך אַליין צו איהם אַריינגעגאַנגען. ער איז, באמת, אַ וואוילער יונג, מאַמעלע, און דאָס וואָס מען האָט גערעדט שלעכטס וועגען איהם, איז געווען אַ ליגען. איך האָב איצט אויסגעפונען אַז דאָס איז געווען אַ פאַרדאַמטער ליגען. ער האָט אַפילו ניט געדענקט אונז צו באַשרייבען: ער האָט מיר דאָס אַליין געזאָגט. ער האָט מיר פאַרגעלעזען זיין

גייע ווערק. און דאָס וואָס ער האָט מיך דאָן אָנגערופען „לײַדאַק“, איז דאָס גאָר ניט קיין זידעל־וואָרט, אָדער אונאַנשטענדיגער נאָמען. ער האָט מיר ערקלערט, דאָס איז א וואָרט וואָס איז גענומען געוואָרען פון איין אויסלענדישער שפּראַך. דאָס וואָרט באדייט פּשוט געשיקטער יונג, און אויב זיך אויסדריקען שעהנער, ליטעראַרישער: בחור לעבען — זיי קיין נאַר ניט — אָט דאָס איז דאָס. דאָס איז געווען אן אונ־שולדיגער שפּאַס, מלאכ׳ל מיינער! און איך אונווויסענדער, האָב זיך פּאַר א נאַרישקייט באַליידיגט. נו, האָב איך זיך איצט ענטשולדיגט... היינט איז א שעהנער מערקווירדיגער וועטער, וואַרינקאַ. אמת, אין דער פריה איז געווען א פרעסטעל און עס האָט ווי דורך א זיפּ געשאָ־טען א שנייעלע, נאָר גאָר ניט! דערפאַר איז די לופט געוואָרען אַבי־סעל פרישער. איך בין געגאַנגען זיך קויפען שטיוועל; און האָב גע־קויפט א וואונדערבאַרע פּאָר שטיוועל. איך בין זיך דורכגעגאַנגען מיט זיי איבער נעווסקי, געקויפט און דורכגעלעזען די „ביהן“. יאָ, דאָס וויכטיגסטע פאַרגעס איך זיך צו דערצעהלען:

ווייסט איהר וואָס? היינט אין דער פריה צורעד איך זיך מיט יעמיליאַן איוואַנאָוויטש׳ן און אַקסענטי יעווסטאַפּאָוויטש׳ן וועגען זיין הערשאַפט. יאָ, וואַרינקאַ ניט בלויז מיט מיר אליין זענען זיי זיך באַגאַנגען אַזוי באַרימהאַרציג. ניט בלויז מיר אליין האָבען זיי אַזאַ טובה געטאָן, נאָר מיט דער גוטסקייט פון זייער האַרצען זענען זיי באַ־קאַנט דער גאַנצער וועלט. פון א סך פּלעצער טראָגען זיך צו איהם לויב־געזאַנגען און עס ווערען פאַרגאָסען טרערען פון דאַנקבאַרקייט. ביי זיי האָט זיך ערצויגען א יתומה, האָבען זיי איהר חתונה געמאַכט פּאַר א באַוואוסטען טשינאָווניק, אן אלמנות א זוהן האָבען זיי איינגעאָר־דענט אין א קאַנצעלאַריע, און נאָך א סך אַזוינע וואָלטעטיגע זאַכען האָ־בען זיי אויפגעטאָן. איך, מאַמעלע, האָב דערפיהלט אלס מיין פליכט צולעגען מיין קנייטעל. איך האָב אין דער הויך, אז אלע זאָלען הערען, דערצעהלט וועגען דער האַלטונג פון זיין הערשאַפט; איך האָב זיי אַלץ דערצעהלט, קיין זאַך ניט אויסבאַהאַלטען, איך האָב די שאַנדע אין קעשענע באַהאַלטען. וואָס איז דאָ פּאַר א בזיון, פּאַר אן אמביציע אַזוי־נע, ביי אַזוינע אומשטענדען! אָט אַזוי האָב איך אַלעס אין דער הויך דערצעהלט, און זאָלען געלויבט זיין די טאַטען פון זיין הערשאַפט! איך האָב גערעדט אָנציהענד, מיט פייער, איך האָב גערעדט און זיך ניט

גערויטעלט, פאַרקערט, איך בין שטאָלץ געווען, וואָס עס איז מיר אויס־געקומען אזעלכעס צו דערציילן. (איך האָב אַלץ דערציילט, בלויז וועגן אייך, מאַמעלע, האָב איך פאַרזיכטיג פאַרשוויגן) אבער וועגן מיין בעל־הבית'טע, וועגן פּאָלדאָני, ראַטאַזיאַיעווען, מיינע שטיוועל און מאַרקאָווען, וועגן אַלעם דעם האָב איך דערציילט. ווער ניט ווער האָט געלאַכט דאָרטען, יאָ, אמת אַלע האָבען געלאַכט. אבער דאָס האָבען זיי אין מיין געשטאַלט געפונען עפּעס לעכערליכעס, זיי האָבען געלאַכט, אויף דעם חשבון פון מיינע שטיוועל. אבער ניט מיט וואָסערען ניט איז שלעכטען אבזיכט האָבען זיי דאָס געטאָן. דאָס איז אזוי זיך, די יוגענד, און אפשר דערפאַר, ווייל זיי זענען רייכע מענשען. אבער זיי האָבען באַין אופן ניט געקענט אויסלאַכען מיין רעדע. דאָס וואָלט געהייסען לאַכען אויף'ן חשבון פון זיין הערשאַפט, און דאָס האָבען זיי זיכער ניט געקענט טאָן. ניט אזוי, וואַרינקא?

איך קען נאָך עד היום ניט קומען צו זיך פון אַט די אַלע פּאַסי־רונגען, אזוי האָבען זיי מיך אויפגעטרייסעלט! האָט איהר האַלץ? פאַרקיהלט זיך ניט, וואַרינקא. עס איז קיין קונץ ניט זיך צו פאַרקיה־לען. אַך, מאַמעלע מיינע, איהר הרג'עט מיך אוועק מיט אייערע טרויע־עריגע געדאַנקען, אַ, ווי איך בעט גאָט פאַר אייך, מאַמעלע! האָט איהר צום ביישפּיעל, וואַלענע זאָקען, אָדער עפּעס פון וואַרימע קליידער? זעהט זשע, טייבעלע מיינע, אויב איהר וועט דאַרטען דאַרפען וואָס ניט איז, טאָ זעהט, באַליידיגט מיך ניט, און אין נאָמען פון באַשע־פער, בעט איך קומט גלייך צו מיר. עס זענען איצט אוועק די שלעכטע צייטען. אויף מיין חשבון באַאונרוהיגט אייך ניט. פאַראויס איז אַלץ אזוי ליכטיג און גוט. עס איז געווען אַן אומעטיגע צייט, וואַרינקא! אבער זי איז דאָך שוין אַלץ איינס פאַריבער. מיט יאָהרען שפּעטער וועלען מיר אויך וועגען דער צייט אַ זיפץ פאַרלירען. איך דערמאָן זיך אָן מיינע יונגע יאָהרען! אָהן אַ פּרוטה ביי דער נשמה, קאַלט און הונגער, און דאָך איז פרעהליך און שיין. געהסט זיך דורך אין דער פריה איבער נעווסקי פּראָספּעקט, באַגעגענסט אַ שעהנינקען פּנים'על, און ביזט גליקליך אויף אַ גאַנצען טאָג. אַ ליעבע זעהר ליעבע צייט איז דאָס געווען, מאַמעלע! עס איז גוט צו לעבען אויף דער וועלט, וואַרינקא! באַזונדערס אין פּעטערבּוּרג. איך האָב נעכטען מיט טרערען אין די אויגען און גרויס חרטה גאָט דעם

אלמעכטיגען געבעטען, אז דער אויבערשטער זאל מיר פארגעבען אלע מיינע זינד פון אט דער אומעטיגער צייט. וועגען אייך האב איך זיך דערמאנט מיט עהרפורכט אין מיין תפילה. בלויז איהר איינע, האט מיך געשטארקט, איהר אליין האט מיך געטרייסט. מיט גוטע ראטען און וואוילע אבזיכטען מיין וועג באגלייט. דאס מאמעלע וועל איך קיינ־מאל ניט פארגעסען. אייערע צעטעלאך, טייבעלע מיינע, האב איך היינט געקושט. נו, זייט געזונט, מאמעלע, מען זאגט אז דא ניט ווייט איז דא צו קויפען קליידער. נו, וועל איך געהן א קוק טאן. זייט גע־זונט, מלאכ׳ל מיינער, זייט געזונט!

אייער איבערגעבענער,

מאקאר דעוואושקין.

דדעם 15טען סעפטעמבער.

חויכגעשעצטער מאקאר אלעקסיעיעוויטש!

איך געפין זיך איינגאנצען אין א שרעקליכער אויפרעגונג. הערט אויס וואס עס איז געוועזן ביי אונז. איך פיהל אז עטוואס אונפערמיידלי־כעס וועט מיט מיר פאסירען. זאגט אליין, מיין אונשעצבארער פריינד: הער בעקאוו איז אין פעטערגראד. פעדארא האט איהם באגעגענט. ער איז געפאהרען, האט ער אפגעשטעלט דאס וועגעלע, איז אראפגע־שפרונגען און איז אליין צוגעגאנגען צו פעדארען, און גענומען אויס־פארשען וואו זי וואוינט. יענע האט צוערשט ניט געזאגט. דערנאך האט ער געזאגט מיט א געלעכטער, אז ער ווייס ווער עס וואוינט ביי איהר. (עס ווייזט אויס, אננא פעדראוונא האט איהם דער־צעהלט) דאן האט שוין פעדארא ניט אויסגעהאלטען, און האט איהם גענומען אויפווארפען אז ער איז אן אונמאראלישער מענש, און אז ער איז די אורזאכע פון אלע מיינע ליידען. ער האט געענטפערט, אז א מענש איז ווירקליך אומגליקליך, ווען ער האט ניט קיין גראשען ביי דער נשמה. פעדארא האט איהם געזאגט אז איך וואלט זיך געקענט דורכלעבען מיט ארבייט, איך וואלט אויך געקענט חתונה האבען, אבער אזוי זיך געפינען א פלאץ וואו ניט איז, אבער אזוי איז מיין גליק אויף איביג פארלארען, ווייל איך בין קראנק און וועל גיך שטארבען.

דערויף האט ער באמערקט, אז איך בין נאך צו יונג. און עס דרעהט נאך עפעס ביי מיר אין קאפ, און אז אונזערע גוטע מעלות זענען בלא־סער געווארען (דאס זענען זיינעווערטער) מיר מיט פעדארא'ן האבען געדענקט אז ער ווייסט ניט אונזער אדרעס. מיט אמאל, נעכטען ווי איך בין ארוים אין גאס עפעס קויפען, ווי ער איז אריין צו אונז אין צימער. ער האט, דאכט זיך, ניט געוואלט מיך טרעפען אין דער היים. ער האט זיך לאנג דערפרעגט וועגען אונזער לעבען, און אזוי צוגעקוקט זיך צו אלץ ביי אונז; געקוקט מיין ארבייט, און אם ענדע געפרעגט וואס איז דאס פאר א טשינאווניק מיט אונז באקאנט? צו יענער צייט זענט איהר דורכגעגאנגען דעם הויף און פעדארא האט איהם אנגעוויזען אויף אייך; ער האט א קוק געטאן און א שמייכעל געגעבען. פעדארא האט איהם געבעטען אוועקגעהן, זי האט איהם גע־זאגט, אז איך בין אזוי אויך קראנק פון פארדרוס. און זעהן איהם ביי אונז וועט מיר זיין שטארק אונאנגענעהם. ער האט געשוויגען א ווילע און דאן געזאגט, אז ער איז אזוי אריינגעגאנגען, ווייל ער האט ניט געהאט וואס צו טאן, און האט געוואלט געבען פעדארא'ן 25 רובעל: זעלבסטפארשטענדליך, אז פעדארא האט ניט גענומען. — וואס קען דאס באטייטען? נאך וואס איז ער געקומען צו אונז. איך קען דאס ניט פארשטעהן, פון וואנענט ווייסט ער אלעם וועגען אונז. פעדארא זאגט, אז אקסיניא איהרע א שוועגערין, וועלכע קומט צו אונז, איז באַ־קאנט צו אונז, איז באקאנט מיט דער וועש־וואשערין נאסטאסיען, און נאסטאסיע'ס געשוועסטערקינד איז א היטער אין יענעם דעפארטמענט. וואו עס דיענט א באקאנטער פון אננא פעדראוונא'ס פלימעניק. אפשר אויף אזא אופן איז געקומען צו זיי א רכילות. איבריגענס, עס קען אויך זיין, אז פעדארא האט א טעות: מיר ווייסען ניט וואס צוצוטראכטען. שוין־זשע וועט ער נאך אמאל צו אונז קומען. דער געדאנק אליין וועגען דעם איז פאר מיר גרויליך! ווען פעדארא האט מיר נעכטען דאס אלעס דערצעהלט, האב איך זיך אזוי איבערגעשראקען אז איך בין שיער ניט געפאלען אין חלשות פון שרעק. וואס ווילען זיי נאך? איך וויל זיי איצט ניט קענען! און וואס פאר געשעפטען האבען זיי מיט מיר, ארימע! אך! און וואס פאר א מין פחד איך בין עס איצט: אט אזוי זיץ איך און טראכט, אז אט געהט אריין בעקאוו, גליך די מינוט. וואס וועט זיין מיט מיר, וואס גרייט

מיר מיין מזל? אום גאָטעס ווילען, קומט צו מיר גלייך, איצט, מאַקאַר אַליעקסיעיעוויטש, קומט, ווי גאָט איז אייך ליעב, קומט!

דעם 18טען סעפּטעמבער.

מאַמעלע וואַרוואַרא אַליעקסיעיעוונא!

היינט האָט ביי אונז אין הויז געטראָפען ביז גאָר א צרה'דיגע געשעהעניש, וועלכע לאָזט זיך מיט קיין זאך ניט ערקלערען, אזוי איז דאָס אונערוואַרטעט געקומען. אונזער אָרימער גאָרשקאָוו, איך וויל אייך באַמערקען, מאַמעלע, אז ער האָט זיך אינגאַנצען ריינגעוואַשען. דער באַשלוס איז שוין לאַנג אַרויס, היינט איז ער געגאַנגען הערען די לעצטע רעזאָלוציע. דער פּראָצעס האָט זיך געענדיגט צו גונסטען פאַר איהם, און וואָס פאַר א שולד עס איז דאָרט געלעגען אויף איהם פאַר ניט באַמיהען זיך און אונפאַרזיכטיגקייט — אויף אַלץ האָט ער געקראָגען א פאַלשטענדיגע פאַרגעבונג. מען האָט איהם צוגע'פּסק'נט אַרויס־צוקריגען פון סוחר א היבשע סומע געלט. אזוי אז זיינע אומשטענדען האָבען זיך פיעל פאַרבעסערט, ווען זיין עהרע האָט זיך אָפּגעוואַשען פון א פלעק און אַלץ איז געוואָרען בעסער, — מיט איין וואָרט, זיינע פאַרלאַנגען זענען פאָלשטענדיג ערפילט געוואָרען.

היינט איז ער געקומען דריי א זייגער אהיים. ער האָט אויסגע־זעהן שרעקליך, און איז בלאַס געוועזען ווי לייווענט. די ליפּען האָבען געציטערט און אַליין האָט ער געשמייכעלט. — ער האָט אַרומגענומען דאָס ווייב און די קינדער. מיר זענען אַלע מיט אמאָל געקומען איהם גראַטולירען. ער איז געוועזען זעהר געריהרט פון אונזער האַנדלונג, ער האָט זיך געבויגט אין אַלע זייטען, און האָט יעדען פון אונז געדריקט די האַנט עטליכע מאָל. מיר האָט זיך אפילו אויסגעוויזען, אז ער איז אויסגעוואַקסען און האָט זיך אויסגעגלייכט, און אז עס הייטערען זיך ניט מעהר די טרערען אין די אויגען. אָרימער, ער איז געוועזען אזוי אויפגערעגט. קיין צוויי מינוט האָט ער ניט געקענט איינשטעהן אויף קיין אָרט. ער האָט גענומען אין האַנט אַלץ וואָס עס איז איהם צום האַנט געקומען, דערנאָך עס געוואָרפען, ער האָט געשמייכעלט אָהן אָן אויפהער און זיך געבויגט. אָט האָט ער זיך געזעצט, אָט אויפגעשטאַנען

און זיך ווידער געזעצט און גערעדט! גאָט ווייסט וואָס ער האָט גע־רעדט: — „מיין עהרע, מיין עהרע, מיין גוטער נאָמען, מיינע קינ־דער" — און ווי ער האָט דאָס גערעדט! ער האָט אפילו געוויינט ביי די מעהרסטע פון אונז איז אויך געשטאַנען טרערן. ראַטאַזאיעוו, ווי עס זעהט אויס, האָט איהם געוואָלט ערמונטערן, און האָט גע־זאָגט—„וואָס, טאַטעניו, וואָס איז מיר עהרע, ווען עס איז ניטאָ וואָס צו עסען; געלט, טאַטעניו, געלט איז דאָס וויכטיגסטע; אַט דערפאַר דאַנקט גאָט!" — און דאָ האָט ער איהם אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע. מיר האָט זיך געדוכט, אַז גאָרשקאָוו האָט זיך באַליידיגט. ער האָט ניט ארויסגעזאָגט גלייך זיין אונצופריעדענהייט. ער האָט נאָר מאָדנע אַ קוק געטאָן און אראָפּגענומען ראַטאַזאיעוו'ס האַנט פון פּלייצע. פריה־העד איז דאָס אַזוי ניט געווען, מאַמעלע! איבריגענס איז דאָ פאַר־שידענע נאַטורען. — אַט איך צום ביישפּיעל, וואָלט זיך אין אַזאַ פריינד ניט ארויסגעוויזען פאַר קיין שטאָלצען; אָבער, וואָס, טייערע מיינע, עס טרעפט אַמאָל, אַז דו פאַרנייגסט זיך אַן איבעריגען מאָל, און ערנידעריגסט זיך און דו טהוסט דאָס בלויז צוליב דער גוטסקייט פון דיין נשמה און איבערמעסיגער ווייכהאַרציגקייט... אָבער דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען מיר — „יאָ, זאָגט ער, געלט איז גוט; געלויבט איז גאָט, געלויבט איז גאָט!..." און דערנאָך די גאַנצע צייט וואָס מיר זענען ביי איהם געווען האָט ער אַלץ גע'חזר'ט: „געלויבט איז גאָט, געלויבט איז גאָט!"... זיין פרוי האָט באַשטעלט אַ דעלי־קאַטען גוטען מיטאָג. אונזער בעל'הבית'טע האָט אַליין פאַר זיי גע־קאָכט. אַמאָל איז זי אַ גוטע פרוי. ביז מיטאָג האָט גאָרשקאָוו ניט געקענט איינזיצען אויפ'ן אָרט. ער איז אריינגעגאַן צו אַלעמען אין די צימערען צי מען האָט איהם גערופען צי ניט. ער קומט אריין אַזוי זיך, ניט אַ שמייכעל, זעצט זיך צו, זאָגט וואָס ניט איז און אַמאָל גאָרניט — און געהט אַוועק. ביים מיטשמאָן האָט ער אפילו גענומען די קאָרטען אין האַנט; מען האָט איהם אַוועקגעזעצט צו שפּיעלען פאַר'ן פערטען. ער האָט געשפּיעלט און געשפּיעלט און אונגעפּלאָנטערט אין דער שפּיעל אַזוי פיעל נאַרישקייטען, געמאַכט דריי, פיער גענג און אַוועקגעוואָרפען דאָס שפּיעלען. „ניין, זאָגט ער, דאָס האָב איך גלאַט אַזוי זיך, פּשוט אַזוי", — און איז אַוועק פון זיי. מיך האָט ער באַגעגנעט אין קאָרידאָר, ער האָט מיך אַנגענומען פאַר

ביידע הענט און האָט מיר א קוק געטאָן גלייך אין די אויגן, נאָר אזוי וואונדערליך, געדריקט מיין האנט און איז אוועקגעגאנגען שמייכ־לענדיג, און אזוי מאָדנע שווער האָט ער געשמייכעלט, ווי א טויטער. זיין פרוי האָט געוויינט פאר פרייד און יום־טוב'דיג פרעהליך איז ביי זיי געווען. זיי האָבען שנעל אפגעגעסען מיטאָג. נאָך מיטאָג זאָגט ער זיין פרוי: — „העד זיך איין נשמה'ניו, איך וועל זיך אביסעל צולעגען", — און איז אוועק אין בעט. ער האָט צוגערופען צו זיך זיין טעכטער'ל און האָט ארויפגעלעגט זיין האנט אויף איהר קעפעל און האָט לאנג, לאנג געגלעט דאָס קינד איבער'ן קעפעל. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אויסגעקערעוועט צו זיין פרוי. „נו, וואָס איז מיט פעטינקען? אונזער פעטיא זאָגט ער, אונזער פעטינקא!" די פרוי האָט זיך איבער־געצ'צלם'ט און ענטפערט. — ער איז דאָך געשטאָרבען. „יא, יא, איך ווייס, איך ווייס, פעטינקא איז יעצט אין הימעל". זיין פרוי זעהט, אז ער איז אויסער זיך, אז די פאסירונג האָט איהם איינגאנצען אויפגע־טרייסעלט, זאָגט זי צו איהם, דו וואָלסט בעסער איינגעשלאָפען, נשמה'ניו" — „יא, גוט, איך וועל באלד... נאָך אביסעלע." דאָ האָט ער זיך אפגעקערעוועט, געלעזען אביסעל, און דערנאָך זיך ווייטער אויסגעדרעהט, ער האָט געוואָלט עפעס זאָגען. די פרוי האָט ניט דער־הערט און נעפרעגט איהם — „וואָס מיין פריינד?" ער ענטפערט ניט. זי האָט צוגעוואָרט א וויילע, — נו, טראָכט זי, ער איז איינגעשלאָפען. איז זי ארוים אויף א שטונדע צו דער בעל־הבית'טע. אין א שטונדע ארום האָט זי זיך אומגעקעהרט, — זעהט, דער מאַן האָט זיך נאָך ניט אויפגעכאפט און ליגט זיך אזוי און גיט זיך ניט א ריהר. זי האָט גע־דענקט, אז ער שלאָפט און האָט זיך געזעצט טאָן אן ארבייט. זי דער־צעהלט, אז אין א האַלבע שטונדע ארום האָט זי זיך אזוי פאר־טיפט אין געדאנקען, אז זי געדענקט אפילו ניט פון וואָס זי האָט גע־טראַכט. זי זאָגט בלויז, אז זי האָט זיך פארגעסען וועגען איהר מאַן. מיט אמאָל האָט זי זיך אויפגעכאפט פון עפעס א מין אומרוהיגען געפיהל, און זי איז ערשטוינט געוואָרען פון דער טויטער שטילקייט וואָס האָט געהערשט אין צימער. זי האָט א קוק געטאָן אויפ'ן בעט און זעהט, אז דער מאַן ליגט אַלץ אין דערזעלבער פאזע. זי איז צוגע־גאנגען צו איהם און האָט אראָפגעריסען די קאָלדרע, און זעהט: — ער איז שוין פארקיהלט, ער איז געשטאָרבען, מאמעלע, גארשקאָוו איז

געשטאָרבען.... געשטאָרבען פּלוצלונג, ווי א דונער האָט איהם דער־הרג'עט. אבער פון וואָס איז ער געשטאָרבען — גאָט ווייס. אויף מיר האָט דאָס אזוי געווירקט, ווארינקא, אז איך קען נאָך ביז אהער צו זיך ניט קומען. עס גלויבט זיך עפּעס ניט, אז אזוי פּשוט זאָל א מענש קאָנען שטאַרבען, אך, צרה'דיגער, פון פּיין דורכגעווייקטער, גארשקאָוו! אך, ס'מזל, וואָס פאר א מין מזל! די פרוי איז טרערען, אזא דער־שראָקענע, דאָס מיידעלע האָט זיך פארשלאָגען אין א ווינקעלע, וואָס פאר א טומעל עס איז ביי זיי: מען וועט מאכען א מעדיצינישע אונ־טערזוכונג.... איך קען אייך ניט זאָגען אויף געוויס. עס איז אזא רחמנות, אזא רחמנות אויף זיי! טרויעריג צו דיינקען, אז דו ווייסט ווירקליך ניט, ניט דיין טאָג, ניט דיין שטונדע... קומסט אום אזוי פאר גארניט....

אייער

מאַקאר אליעקסיעיעוויטש.

דעם 19טען סעפּטעמבער.

הויכגעשעצטע ווארווארא אלעקסיעיעוונא!

איך אייל זיך אייך מיטצוטיילען מיין פריינד, אז ראטאזיאיעוו האָט מיר געפונען ארבייט ביי א מחבר. — געקומען עפּעס איינער צו איהם און האָט איהם געבראַכט א גראָבען מאַנוסקריפּט. גאָט צו דאנ־קען א סך ארבייט. אבער עס איז אזוי ניט קלאָר געשריבען, אז איך ווייס ניט ווי זיך צו נעהמען צו דער ארבייט: מען פאָדערט דאָס זאָל געטאָן ווערען אמשנעלסטען. דאָרט איז אלץ וועגען אזוינע זאכען גע־שריבען, אז דיר דוכט זיך, אז דו פארשטעהסט ניט... מען האָט זיך באַרונגען אויף 40 קאָפּיקעס א בויגען. איך שרייב אייך דאָס דערפאר טייערע מיינע, ווייל איצט וועט זיין זייטיגע געלט. נו, און איצט זייט געזונט, מאַמעלע. איך נעהם זיך גלייך צו דער ארבייט.

אייער טרייער פריינד,

מאַקאר דיעוואושקין.

דעם 23טען סעפּטעמבער.

מיין טייערער פריינד מאַקאַר אַליעקסיעיעוויטש!

עס איז שוין דער דריטער טאָג, מיין פריינד, אַז איך האָב אייך ניט געשריבען, איך האָב געהאַט אַ סך, אַ סך צרות. אייערנעכ־טען איז געוועזען ביי מיר באַקאַוו. איך בין געוועזען אַליין. פעדאָרא איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען. איך האָב איהם געעפענט און זיך אַזוי איבערגעשראָקען ווען איך האָב איהם דערזעהן, אַז איך האָב זיך ניט געקענט רירען פון אָרט. איך האָב געפיהלט, אַז איך ווער בלאַס. ער איז אריין ווי געוועהנליך מיט אַ הויכען געלעכטער גענומען אַ ביינקעל און זיך געזעצט. איך האָב לאַנג ניט געקענט קו־מען צו זיך, און אַם ענדע גענומען די ארבייט און זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל. ער האָט אויפגעהערט לאַכען, עס זעהט אויס, אַז ער איז ערשטוינט געוואָרען פון מיין אויסזעהן. איך בין אַזוי אַרונטער די לעצטע צייט; מיינע באַקען און אויגען זענען אַזוי איינגעפאַלען, און איך בין געוועזען אַזוי בלאַס ווי אַ טויט... אַז עס איז ווירקליך געוועזען שווער מיך צו דערקענען, דעם, וועלכער עס האָט מיך געקאַנט מיט אַ יאָהר צו־ריק. ער האָט לאַנג און דורכדרינגענד געקוקט אויף מיר, און אַם ענדע צוריק פרעהליך געוואָרען. ער האָט מיר עפּעס אַזוינס געזאָגט, איך גע־דענק ניט וואָס איך האָב איהם געענטפערט, און ער האָט זיך ווידער צולאַכט. ער איז ביי מיר געזעסען אַ גאַנצע שטונדע, ער האָט לאַנג גערעדט מיט מיר; וועגען אייניגע זאַכען זיך צופרעגט. צום סוף ביים געזעגענען זיך האָט ער מיך גענומען פאַר אַ האַנט און געזאָגט (איך גיב אייך איבער זיינע רייד וואָרט אין וואָרט): „וואַרוואַרא אַלעק־סיעיעוונאַ. צווישען אונז גערעדט איז אייער קרובה אַנאַ פאָדראָוונאַ אַ נידערטרעכטיגע פרוי (דאָ האָט ער זי אָנגערופען מיט אַ מיאוסען וואָרט) אייער געשוועסטערקינד האָט זי אויך אַראָפּגעפיהרט פון וועג, אייך האָט זי רואינירט. איך פון מיין זייט בין אין דעם פאַל געוועזען אַ נידעריגער מיאוס'ער מענש; אָבער דאָס איז דאָך אַזאַ מין געוועהנ־ליכע זאַך אין לעבען". דאָ האָט ער זיך צולאַכט און איז זיך אַזש פאַר־גאַנגען פון געלעכטער. דערנאָך האָט ער באַמערקט אַז שעהן רעדען איז ער קיין בריה ניט, אָבער דאָס וויכטיגסטע, וואָס מען האָט באַדאַרפט

ערקלערען, נאָר וואָס די פליכטען פון איידעלקייט האָבען איהם געהייסען שווייגען, האָט ער שוין ערקלערט. און אין קורצע ווער־טער טרעט ער איצט צו צום איבעריגען. דאָ האָט ער ערקלערט, אַז ער בעט מיין האַנט, אַז ער פיהלט דאָס פאַר זיין פליכט, מיר אומצוקע־רען מיין עהרע, אַז ער איז רייך, און אַז נאָך דער חתונה וועט ער מיך אוועקפיהרען אין זיין דאָרף אין די סטעפּעס; און אַז דאָרט וועט ער האָזען יאַגען, קיין פּעטערגראַד וועט ער מעהר קיין מאָל ניט קומען, ווייל אין פּעטערגראַד איז אַלץ אַזוי מיאוס. אין פּעטערגראַד ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, האָט ער אַ נישטיגען פּלעמעניק, וועמען ער האָט געשוואוירען ניט צו לאָזען קיין ירושה. און אייגענטליך דערפאַר אַליין, ווייל ער וויל האָבען געזעצליכע יורשים, זוכט ער מיין האַנט. און דאָס איז די וויכטיגסטע אורזאַכע פון זיין שדכנ'ען זיך. דערנאָך האָט ער באַמערקט אַז איך לעב זעהר אָרים. און אַז עס איז קיין וואונדער ניט וואָס איך בין קראַנק, ווען איך וואוין אין אַזא לאָך. ער האָט מיר פאָראויס געזאָגט אַז איך וועל געווים שטאַרבען, אויב איך וועל דאָ פאַרבלייבען אפילו נאָר אויף איין מינוט. ער האָט געזאָגט, אַז אין פּעטראָגראַד זענען זעהר שלעכטע דירות, און אם ענדע האָט ער געפרעגט צי דאַרף איך ניט וואָס?

מיך האָט אַזוי ערשיטערט זיין פאָרשלאָג, אַז איך ווייס אַליין ניט פאַרוואָס, איך האָב זיך צוואויינט. ער האָט צוגענומען מיינע טרערען פאַר אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט, און האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אימער געווען זיכער, אַז איך בין אַ גוטע פיהלענדע און געלערענטע מיידעל. און בלויז דאָן האָט ער זיך באַשלאָסען צו חתונה האָבען מיט מיר, ווען ער האָט זיך אויספיהרליך דערוואוסט וועגען מיין אויפפיהרונג איצט. דאָ האָט ער זיך גענומען פאַרנאַנדער פרעגען וועגען אייך און האָט געזאָגט, אַז ער האָט געהערט, אַז איהר זענט אַ מענש פון הויכע פּרינציפּען. אַז ער פון זיין זייט וויל ניט בלייבען קיין בעל־חוב ביי אייך, און צי עס איז גענוג אייך צו געבען 500 רובל פאַר אַלץ, וואָס איהר האָט פאַר מיר געטאָן. ווען איך האָב איהם ער־קלערט, אַז איהר האָט פאַר מיר געטאָן דאָס, פאַר וואָס מען קען מיט קיינע געלטען ניט באַצאָהלען, האָט ער געזאָגט, אַז דאָס איז אַלץ נאַ־רישקייטען; אַז דאָס זענען אַלץ ראָמאַנען, אַז איך בין נאָך יונג און לייען פּאָעזיע, און אַז ראָמאַנען רואינירען יונגע מיידלאַך, און אַז

ביכער מאכען בלויז א טל פון דער מאָראַל, און אז ער פארטראַגט ניט קיינע ביכער. ער האָט מיר געראטען צו דערלעבען זיינע יאָהרען און דערנאָך רעדען וועגען מענשען: „דאן, האָט ער צוגעגעבען, וועט איהר דערקענען מענשען". דערנאָך האָט ער מיך געבעטען, אז איך זאָל זיך גוט באטראַכטען וועגען זיינע פערשלעגע, און אז איהם וועט זיין שטארק אונאנגענעהם, אויב איך זאָל אזא וויכטיגען שריט מאַכען ניט באטראַכטערהייד, ווייל לייכטזיניגקייט און איבעראיילעניש רואינירט די אונערפאהרענע יוגענד. ער פון זיין זייט איז שטארקט פאראינטע־רעסירט אין א גינסטיגען ענטפער פון מיין זייט. אין ערגסטען פאַל וועט ער זיין געצוואונגען צו חתונה האָבען מיט א מאַסקווער קאפ־טשובע, ווייל ער האָט א נדר געטאָן, אז ער זאָל ניט איבערלאָזען זיין פארמעגען צום גידערטרעכטיגען פלימעניק. ער האָט מיט גוואלד איבערגעלאָזען אויפ'ן וועב־שטול 500 רובעל אויף קאָנפעקטען. וו' ער האָט זיך אויסגעדריקט. ער האָט געזאָגט, אז אין דארף וועל איך זיך צואוואַקסען, און ווערען נעזונד, אז ביי איהם וועל איך זיך באָדען אין אלדעם גוטס. ער האָט איצט זעהר פיעל עוסקים, און האָט זיך א גאנצען טאָג אומגעשלעפט א פארנומענער מיט פארשיעדענע געשעפטען, און צווישען דער ארבייט איז ער דאָס אריינגעפאלען צו מיר, און מיט די ווערטער איז ער אוועקגעגאנגען. איך האָב לאַנג גע־טראַכט, איך האָב א סך איבערגעטראַכט, זיך שטארק געמאַטערט, מיין פריינד, און אם ענדע האָב איך זיך באשלאָסען, פריינד מיינער, איך מוז אָננעהמען זיין פארשלאָג. אויב אימיצער קען מיך באפרייען פון מיין שאנדע, און מיר אומקערען אן עהרליכען נאָמען, מיך באשיצען פון אָרימקייט, נויט און אומגליקען אין דער צוקונפט, איז דאָס בלויז ער דער אייגציגער וואָס קען דאָס טאָן. וואָס נאָך האָב איך צו ערוואַר־טען פון דעם מאָרגעדיגען טאָג, וואָס נאָך בלייבט מיר צו פרעגען ביים שיקזאַל? פעדאָרא זאָגט, אז מען דאַרף ניט פארלירען דאָס אייגענע גליק: זי זאָגט — אז אין אזא פאַל איז דאָ באמת א גליק! אלענפאלס געפין איך ניט קיין אנדער וועג פאר זיך, מיין אונשעצבארער פריינד, וואָס זאָל איך טאָ'? מיט דער ארבייט האָב איך שוין אזוי אויך גע־פּטר'ט מיין געזונט; שטענדיג ארבייטען קען איך ניט. געהן צו יענעם דיענען? — וועל איך אויסגעהן פון בייגקשאַפט און אומעט, דערצו וועל איך זיך צו קיינעם ניט קענען צופאַסען, און וועל קיינעם ניט צו־

פריעדענשטעלען. איך בין א קרענקליכע פון דער נאַטור, און דערפאַר וועל איך אימער זיין א לאַסט אויף פרעמדע הענט. געווים, גאָט איך איצט אויך ניט אין גן־עדן, נאָר וואס בלייבט מיר צו טאָן מיין פריינד? וואס זאָל איך טאָן? פון וואס זאָל איך אויסקלייבען? איך האָב ניט געבעטען ביי אייך קיין ראַטה. איך האָב געוואָלט אלעס אליין באַטראַכטען. דעם באַשלוס, וועלכען איהר האָט נאָר וואס דורכגעלעזען, איז הייליג און קען ניט געענדערט ווערען. איך לאָז גלייך וויסען בעקאָוו'ן. ער איילט מיך אַזוי אויך מיט אַן ענטגילטיגען באַשלוס. ער זאָגט אַז זיינע געשעפטען קענען ניט וואַרטען, און אַז ער מוז פאָהרען גלייך, און ניט אָפּלעגען צוליעב נאַרישקייטען. גאָט וויים צי איך וועל זיין גליקליך אין גאָטס האַנט, אין זיין הייליג ניט פאַראויס־געזעהענעם רשות איז מיין מזל; נאָר איך האָב זיך באַשלאָסען. מען זאָגט, אַז בעקאָוו איז א גוטער מענש; ער וועט מיך רעספּעקטירען. עס קען זיין, אַז איך זאָל איהם אויך רעספּעקטירען. וואס קען מען נאָך ערוואַרטען פון אונזער הייראַט.

איך טייל אייך מיט וועגען אלעס, מאַקאַר אלעקסיעיעוויטש. איך בין איבערצייגט, אַז איהר וועט פאַרשטעהן מיין אומעט, די גאַנצע ביינקשאַפט מיינע. פרופט מיך ניט אָפּריידען פון מיין פאַרלאַנג. אייער באַמיהונגען וועלען זיך ניט איינגעבען, זיי וועלען זיין אומזיסט. באַטראַכט און וועגט אָפּ אין אייער אייגענעם האַרצען אלץ וואס האָט מיך געצוואונגען אַזוי צו האַנדלען. איך בין געווען זעהר אונרוהיג צוערשט, נאָר איצט בין איך רוהיגער געוואָרען. וואס ערוואַרטעט מיך אין דער צוקונפט, — וויים איך ניט. וואס וועט זיין, דאָס וועט זיין; ווי גאָט וועט געבען!... עס איז געקומען בעקאָוו. איך וואַרף דעם בריעף ניט קיין פאַרענדיגטען. איך האָב אייך נאָך אַזוי פיעל געוואָלט זאָגען. בעקאָוו איז שוין דאָ!

דעם 23טען סעפּטעמבער.

מאַמעלע, וואַרוואַרא אלעקסיעיעוונא!

איך, מאַמעלע, אייל זיך אייך מיטצוטיילען. אַז איך בין ער־שטוינט. דאָס אלעס איז עפּעס ניט אַזוי... געבטען האָבען מיר באַ־

גראבען גארשקאוועז... יא, דאס איז אזוי, ווארינקא, דאס איז אזוי.
בעקאוו האט געהאנדעלט שעהן: אבער, זעהט איהר, טייערע מיינע, אז
איהר שטימט איין, איז געוויס אין דעם אלעם גאטעס ווילען. דאס מוז
אומבאדינגט אזוי זיין, דאס מיינט, אז גאטס ווילען מוז אומבאדינגט
זיין דערביי. און די וועגען פון דעם באשעפער אין הימעל, זענען געוויס
גוט און אומבאוואוסט צו אונז, עס איז ווי דאפעלטע זאך —
פעדארא נעהמט אויך איינטייל אין אייך, איהר וועט איצט גליקליך
זיין, מאמעלע, איהר וועט איצט לעבען אין רייכטום, טייבעלע מיינע,
פויגעלע מיינע אונפארגלייכליכע, מלאכ'ל מיינער, — אבער, הערט זיך
איין, ווארינקא, וואס איז עפעס אזוי גיך?... הער בעקאוו האט גע־
שעפטען, — נו, געוויס, ווער האט דען ניט קיין געשעפטען, און ביי
איהם קענען זיי זיך אויך מאכען... איך האב איהם געזעהן, ווען ער איז
פון אייך ארויס, אן אנגעזעהענער מאנסביל: יא, זעהר אן אנגעזעהע־
נער מאנסביל. אבער דאס אלעס, איז דאך עפעס ניט אזוי, די זאך
איז ניט אין דעם וואס ער איז אן אנגעזעהענער מאנסביל, נאר איך ווייס
איצט אליין ניט וואו און ווער איך בין. און ווי וועלען מיר דאס איצט
שרייבען בריעף איינע צו די אנדערע? אבער איך? ווי וועל איך דאס
בלייבען אליין? איך, מלאכ'ל מיינער, טראכט און טראכט. ווי איהר
האט מיר געשריבען, וועג איך אלעס איבער אין מיין הארצען, אלע
אט די אורזאכען. איך האב שוין געענדיגט דעם 20טען בויגען איבער־
צושרייבען, ווען אט די אלע פאסירונגען זענען אנגעקומען! מאמעלע,
איהר פאהרט, מוזט איהר דאך אלעס איינקויפען, פארשידענע שיכע־
לאך, א קליידעלע. אם פלאץ האב איך א באקאנטען מאגאזין אויף
גאראכאוועי; איהר געדענקט, איך האב אייך אלעס באשריבען. —
אבער ניין, ניין! ווי איז דאס, מאמעלע? איהר קענט איצט ניט פאה־
רען. עס איז אבסאלוט אונמעגליך, אבער גאר אינגאנצען אונמעגליך.
איהר מוזט דאך אזוי פיעל גרויסע זאכען איינקויפען, איהר דארפט
דאך איינפיהרען אן עקיפאזש. היינט זעהט נאר ס'ארא מין שלעכטער
וועטער עס איז איצט, קוקט זיך צו, עס געהט אזא שטארקער און נאסער
רעגען, און נאך... און נאך דאס, וואס אייך וועט זיין קאלט, מלאכ'ל
מיינער: דעם הערצעלע אייערען וועט קאלט זיין! אט האט איהר דאך
מורא פאר א פרעמדען מענשען, און דאך פאהרט איהר. און אויף וועמ־
מען וועל איך דא אליין בלייבען? יא, אט זאגט פעדארא, אז אייך ער־

וואַרטעט א גרויסער גליק... אבער זי איז דאָך אזא מין שלעכטע און וויל מיך אומברענגען, וועט איהר היינט געהן אין קלויסטער צו דער ווסענאָשנע (א גאַנצע נאַכט געבעט) מאַמעלע? איך וואָלט אייך געקומען זעהן. דאָס איז אן אמת, א פּאַלשטענדיגער אמת, אז איהר זענט א געלערענטע מיידעל, א וואוילטעטיגע און פּיהלענדע, אבער זאָל ער בעסער חתונה האָבען מיט דער קופּטשיכע (סוחר'טע). ווי דענקט איהר, כאַמעלע? זאָל ער שוין בעסער מיט איהר הייראַטען! ווי עס וועט נאָר פינסטער ווערען, וועל איך, וואַרינקאַ מיינע, אריינלויפען צו אייך אויף א שטונדע. היינט ווערט דאָך פריה נאַכט וועל איך אריינלויפען. איך וועל אונבאַדינגט קומען צו אייך היינט אויף א שעה'לע. אט איצט ערוואַרטעט איהר בעקאָוו'ן. ווען ער וועט אוועק, דאַן וועל איך קומען... אט וואַרט אקאַרשט, מאַמעלע, איך וועל אריינלויפען.

מאַקאַר דעוואושקין.

דעם 27טען דעצעמבער.

פריינד מיינער מאַקאַר אליעקסיעיעוויטש!

הער בעקאָוו זאָגט, אז איך מוז האָבען אויף דריי טוצען העמדער פון האָלענדישען לייוועַנט, מען מוז אלזא גלייך געפינען נייטאָרינס פאַר 2 טוצען העמדער. צייט האָבען מיר זעהר וועניג. הער בעקאָוו כעס'ט זיך. אונזער חתונה וועט זיין אין פינף טעג ארום, און אויף מאָרגען נאָך דער חתונה פאָהרען מיר. הער בעקאָוו איילט זיך זעהר. ער זאָגט אז אויף נאָ־רישקייטען דאַרף מען קיין סך צייט ניט פּטר'ן. איך האָב זיך פאַרמאַ־טערט פון טומלעניש, קוים וואָס איך האַלט זיך אויף די פיס. עס איז אזא מין מיאוסע ארבייט, אז עס וואָלט פיעל בעסער זיין, ווען דאָס אלעס וואָלט גאָר אינגאַנצען ניט געווען. יאָ, עס סטאַיעט ניט קיין קרוזשעוועס שפּיצען, און אנדערע באַפּוצונגען, דאַרף מען דאָס צו־קויפען, ווייל הער בעקאָוו זאָגט, אז ער וויל ניט, אז זיין ווייב זאָל אומגעהן ווי א קוכין, און איך מוז אונבאַדינגט אַפּווישען אלע לאַנדבאַ־זיצערינס די נאָז". אזוי זאָגט ער אליין. און אזוי מאַקאַר אלעקסיעיע־וויטש, ווענדט זיך, איך בעט אייך, צו מאַדאַם שיפאָן אויף גאָראָכאָווע,

און בעט זי אז ערשטענס זאָל זי צושיקען נייטאַרינס, און צווייטענס, אז זי זאָל זיך אליין באמיהען צופאָהרען, ווייל איך בין היינט קראנק. אין דער נייער דירה איז ביי אונז אזוי קאַלט, און א שרעק־ליכער אונאָרדנונג. הער בעקאָוו'ס מאמע אָטעמט קוים פון עלטער. איך האָב מורא, אז זי זאָל ניט שטארבען ביז מיר וועלען אוועקפאָה־רען. נאָר הער בעקאָוו זאָגט אז דאָס איז גאָרניט. זי וועט ערוואכען. אין הויז ביי אונז איז א מורא'דיגע אונאָרדנונג. הער בעקאָוו וואוינט ניט מיט אונז, דערפאר צולויפען זיך אַלע דיענער, גאָט ווייסט וואו־היין. עס טרעפט אז בלויז פעדאָרא באדינט אונז, און דער קאמערדיע־נער פון הער בעקאָוו, וועלכער דאַרף אויף אַלץ אויפזעהן, איז פארפאַלען געוואָרען, עס איז שוין דער דריטער טאָג און קיינער ווייסט ניט וואו ער איז. הער בעקאָוו פאָהרט צו יעדען פריהמארגען, בעס'ט זיך אַלץ. נעכטען האָט ער געשלאָגען דעם פריקאַזטשיק פון הויז, דערפאַר האָט ער געהאַט צרות מיט דער פּאָליציי... עס איז ניט געווען מיט וועמען אייך איבערשיקען די בריעף. דערפאַר שרייב איך און שיק מיט פּאָסט. יאָ! איך האָב שיעור ניט פארגעסען דאָס וויכטיגסטע. זאָגט מאַדאַם שיפאָן, אז זי זאָל די בלאָנדען אונבאַדינגט איבערבייטען, אין איינ־קלאַנג מיט דעם נעכטיגען מוסטער, און זאָל מיר אליין צופאָהרען ווייזען דעם נייעם אויסוואהל. יאָ, זאָגט איהר אז איך האָב זיך איבער־געלעגט מכח די שפּיצען: מען דאַרף זיי איינניייען מיט שטיינגעלעך יאָ, אויך די בוכשטאַבען אויף די טיכלאַך זאָל מען אויסנייען ניט מיט פּאַדים נאָר מיט זייד; איהר הערט, מיט זייד. אבער ניט מיט פּאָדים! יאָ, אָט האָב איך ווידער שיעור ניט פארגעסען, גיט איהר איבער, אום גאָטעס ווילען, אז די בלעטעלאַך אויף דער פעלערינע זאָל זי אָנייען העכער, די וואַנצען און דערנער זאָל זי מאַכען פון קאָר־דאָן. און דערנאָך ארומנייען דעם קאָלנער מיט א קרוזשעווע אדער מיט ברייטע שפּיצען. איך בעט אייך, גיט איהר דאָס איבער, מאַקאַר אליעקסעיעוויטש.

אייער, וו. ד.

באַמערקונג. — מיר איז אזוי אונאנגענעהם, וואָס איך מאַטער אייך מיט מיינע שליחות. אָט אויך אייערנעכטען זענט איהר ארומגע־לאָפען א גאַנצען פריהמארגען. נאָר וואָס זאָל איך טאָן. ביי אונז איז

ניטאָ קיין שום אָרדנונג, און איך אַליין פיהל ניט גוט. זאָל אייך ניט פאַרדריסען אויף מיר, מאַקאַר אַלעקסיעיעוויטש! אַזאַ אומעט! אַך, וואָס וועט דאָס זיין פריינד מיינער! ליעבער מיינער, מיין גוטער מאַקאַר אַליעקסיעיעוויטש! איך שרעק זיך אַפילו אַריינצוקוקען אין מיין צוקונפט. ביי מיר איז אַלץ אַ מין שלעכטער פאָרגעפיהל, איך געה אַרום ווי אין אַ חלום, אַזוי אויך לעב איך.

ווי גאָט איז אייך ליעב, מיין פריינד, פאַרגעסט ניט, קיין זאַך דערפון, וואָס איך האָב אייך איצט געזאָגט. איך האָב אַלץ מורא, אַז איהר זאָלט חלילה קיין טעות ניט האָבען. געדענקט זשע, מיט טאַמבור און ניט מיט גלאַדי. וו. ד.

דעם 27טען סעפּטעמבער.

הויכגעשעצטע וואַרוואַרא אַלעקסיעיעוונאַ!

איך האָב זעהר אויפמערקזאַם ערפילט אַלע אייערע בקשות. מאַדאַם שיפאָן האָט געזאָגט, אַז זי האָט שוין אַליין אויך געדענקט אַרומצונעהמען מיט טאַמבור, אַזוי איז אַנשטענדיגער צו וואָס, איך ווייס ניט, און קען דאָס גוט ניט פאַרשטעהן. און איהר האָט נאָך געשריבען וועגען שפּיצען, האָט זי אויך גערעדט וועגען שפּיצען. נאָר איך, מאַמעלע, האָב פאַרגעסען וואָס זי האָט וועגען דעם געזאָגט. איך געדענק בלויז אַז זי האָט זעהר פיעל גערעדט; ס'אַרא מין מיאוסע פרוי! וואָס אַזוינס דאָרט איז? דאָס וועט זי אייך שוין אַליין דערדערצעהלען. איך, מאַמעלע, האָב שוין אין גאַנצען פאַרדרעהט. היינט ביז איך צו דער אַרבייט אויך ניט געגאַנגען. אָבער איהר, מיין טייערע, זענט אומזיסט פאַרצווייפעלט. פאַר אייער רוה בין איך גרייט אַלע מאַגאַזינען אויסמעסטען. איהר שרייבט אַז איהר האָט מורא אַריינצוקוקען אין דער צוקונפט. נו, אָבער היינט זיבען אַ זייגער וועט איהר זיך אַלעס דערוויסען. מאַדאַם שיפאָן וועט אַליין צו אייך קומען. טאָ זייט ניט פאַרצווייפעלט; האָפט, מאַמעלע, פיליכט וועט זיך אַלעס איינאָרדנען צום בעסערען. נו אָט דערפאַר דרעהט זיך מיר אַלץ די פאַרשאָלטענע שפּיצען! איך וואָלט צו אייך אַריינגעגאַנגען, מלאכ'ל צוגעלאָפען אַזוי, אונבאַדינגט וואָלט איך דאָס געטאָן. איך בין שוין

אזוי אויך צוויי מאָל צוגעגאנגען צו דעם טויער פון אייער הויז. נאר בעקאָוו, איך וויל זאָגען, אז הער בעקאָוו איז אלץ אזא ברוגז'ער, אז עס קומט אלץ ניט אויס, עס איז עפּעס ניט דאָס... נו, וואָס איז דען!

מאקאר דעוואושקין.

דעם 28טען סעפּטעמבער.

הויכגעשעצטער מאקאר אלעקסיעיעוויטש!

אום גאָטעס ווילען, לויפט גלייך צום הענדלער מיט בריליאנטען און זאָגט איהם אז די אוירינגעל מיט פּעריל און דימאנטען דארף מען ניט מאכען. הער בעקאָוו זאָגט אז דאָס איז צו רייך, אז דאָס בייסט זיך. ער האָט זיך נעכטען געבייזערט און געזאָגט, אז עס איז איהם גע־וואָרען לייכט אין קעשענע, אז מיר ראַבעווען איהם. און אז ווען ער זאָל געוועזען וויסען פאראויס פון אזוינע אויסגאבען, וואָלט ער זיך ניט געוועזען פארבונדען. ער האָט געזאָגט אז ווי נאר מען וועט אונז מסדר קדושין זיין, אזוי וועלען מיר גלייך אוועקפאָהרען, אז קיין געסט וועלען ניט זיין און אז איך זאָל ניט האָפען זיך צו דרעהען און טאנצען, ווייל עס איז נאָך וויים צו יומים טובים. אָט, ווי ער רעדט! גאָט ווייס ווי איך דארף דאָס אלעס האָבען! הער בעקאָוו אליין האָט דאָך דאָס אלעס באשטעלט. איך וואָג איהם גאָר ניט צו ענטפערען, ער איז אזא היציגער. וואָס וועט מיט מיר זיין?

וו. ד.

דעם 28טען סעפּטעמבער.

טייבעלע מיינע, ווארווארא אלעקסיעיעוונא!

איך — דאָס הייסט דער בריליאנטשיק זאָגט — גוט. און וועגען זיך האָב איך געוואָלט זאָגען, אז איך בין קראנק געוואָרען און קען ניט אויפשטעהן פון בעט. איצט אין אזא נויטיגער, פול מיט קלאפּאָט צייט, זענען די פארקיהלונגען אנגעפאלען, זאָל זיי נעהמען דער טייפעל! איך מוז אייך אויך מיטיילען, אז צום שלום פון מיינע צרות, איז

זיין הערשאַפט געווען שטרענג היינט און האָט זיך זעהר א סך גע'כעס'ט אויף יעמיליאַן איוואַנאָוויטשען, געשריען, און אַם ענדע זיך אינגאַנ־צען פאַרמאַטערט, אַרימינקער. איך טייל אייך מיט וועגען דעם אַלעם. איך וואָלט אייך נאָך עפּעס געוואָלט אָנשרייבען. נאָר איך האָב מורא אייך צו באַלעסטיגען. איך, מאַמעלע, בין דאָך א נאַרישער און פּשוטער מענש, און שרייב וואָס עס קומט מיר אויפ'ן זינען און עס קיין זיין, אַז איהר דאַרפען טראַכט איבער וואָס ניט איז אַזוינס.

מאַקאַר דעוואָושקין.

דעם 29טען סעפּטעמבער.

וואַרוואַרא אַליעקסיעיעוונא, טייערע מיינע!

איך האָב היינט געזעהן פעדאָרען, טייבעלע מיינס. זי זאָגט אַז מאָרגען וועט זיין אייער חופה, און איבערמאָרגען פאָהרט איהר אוועק. הער בעקאָוו דינגט שוין פערד. מכח זיין הערשאַפט האָב איך אייך שוין געשריבען, מאַמעלע. יאָ; איך האָב איבערגעקוקט דעם חשבון פון דער קראָם אויף גאָראָכאָווע: עס איז אַלץ ריכטיג, נאָר בלויז זעהר טייער. אַבער פאַר וואָס איז הער בעקאָוו אויף אייך אין כעס? נו, זייט גליקליך מאַמעלע! איך בין צופריעדען; יאָ, איך וועל זיין צופריעדען אויב איהר וועט זיין גליקליך. איך וואָלט געקומען אין קלויסטער, מאַ־מעלע, קען איך אָבער ניט, עס טוט וועה דער רוקען. יאָ, אָט אַלץ מכח בריעף; ווער זשע וועט אונז איבערגעבען, מאַמעלע? איהר האָט פאַדערען גליקליך געמאַכט, טייערע מיינע! דאָס האָט איהר געטאָן א גוטע זאַך, מיין פריינד; דאָס האָט איהר זעהר גוט געטאָן. א גוטער טאָט. און פאַר יעדען גוטען טאָט וועט אייך גאָט בענשען. גוטע טאַטען ווערען ניט פאַרפאַלען, און וואוילטעטיגקייט וועט זיך שטענדיג קרוי־נען מיט דער קרוין פון גאָטס גערעכטיגקייט. פריהער אָדער שפּעטער וועט דאָס אַזוי זיין, מאַמעלע! איך וואָלט אייך וועלען א סך שריי־בען; אַזוי יעדער שעה, יעדער מינוט וואָלט איך אייך געשריבען, אַלץ געשריבען! ביי מיר איז פאַרבליבען אייער א ביכעל, „בעלקינס סקי־צען“, אַזוי ווי איהר ווייסט דאָס, טו נעהמט ניט צו ביי מיר דאָס בי־כעל, מאַמעלע, שענקט דאָס מיר, טייבעלע. דאָס איז ניט דערפאַר, ווייל עס ווילט זיך מיר אַזוי שטאַרק לעזען, נאָר איהר ווייסט אַליין מאַמעלע, אַז עס קומט אַז דער ווינטער, די אָווענדען זענען לאַנגע; עס וועט

אזוי אומעטיג זיין, אַז דאָן איז גוט צו לעזען. איך וועל זיך איבער־קלייבען פון מיין דירה אין אייער אַלטער צו פעדאָרען. איך וועל זיך איצט אין קיין פאַל ניט צושיידען מיט אַט דער עהרליכער פרוי. דערצו איז זי נאָך אַזאַ ארבייטסזאַמע. איך האָב נעכטען גוט באַטראַכט אייער אויסגעלעדיגטע דירה. דאָרטען וואו עס זענען געשטאַנען אייער וועב־געצייג און אויף איהם דאָס גענעה, אזוי זענען זיי פאַרבליבען, קיינער האָט זיי ניט גערירט. שטעהען זיי זיך אין ווינקעל. איך האָב באַטראַכט אייערע גענעה און די אַלע פאַרבלי־פאַרבליבענע שטיקלעך. אויף מיין א בריוועל האָט איהר אַנגע־הויבען פאַדים אַנוויקלען. אויף אייער טישעלע האָב איך געפונען א בויגעלע פאַפּיר, און אויף'ן פאַפּיר איז אַנגעשריבען — הויכגע־שעצטער מאַקאַר אַליעקסעיעוויטש, איך אייל" — און שוין. עס זעהט אויס אז אימיצער האָט אייך איבערגעריסען אויף'ן סאַמע אינטערע־סאַנטען אָרט. אין א ווינקעלע, אונטער א שירמע שטעהט אייער בעט־טעל... טייבעלע איהר מיינע! נו, זייט געזונט, זייט געזונט, און ווי גאָט איז אייך ליעב ענטפערט וואָס ניט איז אויף דעם בריוועלע, אבער וואָס אַמשנעלסטען.

מאַקאַר דעוואושקין.

דעם 30טען סעפּטעמבער.

אונשעצבאַרער פריינד מיינער, מאַקאַר אַלעקסיעיעוויטש!

עס איז אַלעס געשעהן! עס איז אויסגעפאַלען מיין גורל; איך ווייס וואָס פאַר א גורל דאָס איז, נאָר איך בין גאָטס ווילען געהאָרכ־זאַם. מאָרגען פאַהרען מיר. איך געזעגען זיך מיט אייך צום לעצטען מאָל, אונשעצבאַרער מיינער, פריינד מיינער, וואוילטעטיגער מיינער, טייערער מיינער! יאָמערט ניט וועגען מיר, לעבט גליקליך, געדענקט וועגען מיר און זאָל קומען אויף אייך גאָטס ברכה! איך וועל אייך אָפט דערמאָנען אין מיינע געדאַנקען און אין מיינע תפילות. — אָט האָט זיך געענדיגט אָט די צייט! איך וועל ווייניג ערפרעהענדעס אוועקטראָגען אין מיין נייעם לעבען פון די עראינערונגען אין דער פאַרגאַנגענהייט. אַלץ, טייערער וועט איהר זיין אין מיין האַרצען. איהר

זענט דער איינציגער פריינד מיינער; בלויז איהר אליין האָט מיך דאָ ליעב געהאַט. איך האָב דאָך אַלעס געזעהן און אַלעס געוואוסט, ווי איהר האָט מיך ליעב געהאַט! מיט מיין שמייכעל בלויז זענט איהר גליקליך געווען, מיט איין שורה פון מיין בריעף. איהר וועט זיך איצט מוזען אָפּגעוואוינען פון מיר! אַ, ווי וועט איהר דאָס דאָ אליין בלייבען, מיין גוטער אונשעצבארער, מיין איינציגער פריינד! איך לאָז אייך איבער דאָס ביכעל, די וועב געצייג, די אָנגעהויבענע בריעף! ווען איהר וועט קוקען אויף די אָנגעפאַנגענע שורות, טאָ לייענט ווייטער מיט'ן געדאַנק, אלץ וואָס עס וואָלט זיך אייך וועלען הערען אָדער איבערלעזען פון מיר, און וואָס נאָר וואָלט איך אייך איצט ניט אָנגעשריבען. דערמאָנט זיך אין אייער אָרימע וואַרינקאַ, וועלכע האָט אייך אַזוי שטאַרק ליעב געהאַט. אַלע אייערע בריעף זענען געבליבען ביי פעדאָרען אין קאָמאָד, אין אויבערשטען שופלאָד. איהר שרייבט אַז איהר זענט קראַנק, און הער בעקאָוו לאָזט מיך היינט אין ערגעץ ניט געהן. איך וועל אייך שרייבען, איך זאָג אייך צו. נאָר איין גאָט ווייס, וואָס עס קען זיך טרעפען. אַזוי אַז מיר וועלען זיך איצט געזעגענען אויף אייביג, פריינד מיינער, טייבעלע מיינס, טייערער מיינער, אויף אייביג זיך געזעגענען!... אַך, ווי איך וואָלט אייך איצט ארומגענומען! זייט געזונט, מיין פריינד, זייט געזונט, זייט געזונט. לעבט גליקליך, זייט מונטער. מיין תפילה וועט שטענדיג זיין מיט אייך. אַ! ווי מיר איז שווער, ווי עס דריקט מיין נשמה. הער בעקאָוו רופט מיך.

אייער אייביג ליבענדע, א. וו.

נ. ב. — מיין נשמה איז אַזוי פיעל, אַזוי פיעל מיט טרערען איצט. די טרערען שטיקען און רייסען מיך. זייט געזונט. אַ גאָט! ווי אומעטיג! געדענקט, געדענקט אייער אָרימע וואַרינקאַ!

מאַמעלע, וואַרינקאַ, טייבעלע מיינע, אונשעצבארע!

מען פיהרט אייך אַוועק, איהר פאָהרט! וואָלטע זיי בעסער דאָס האַרץ ארויסגעריסען פון מיין ברוסט איידער אַוועקנעמען אייך ביי מיר! — אַט, איהר וויינט? און דאָך פאָהרט איהר!! אַט האָב איך איצט פון אייך אַ בריוועלע ערהאַלטען, איז דאָס אינגאַנצען

דורכגעווייקט מיט טרערען. הייסט דאָס אַז אייך ווילט זיך ניט פאַהרען: הייסט דאָס, אַז מען פיהרט אייך אוועק מיט געוואַלד, דאָס הייסט אַז איך טו אייך באַנג, הייסט דאָס אַז איהר האָט מיך ליעב! טאַ ווי אַזוי זשע, מיט וועמען זשע וועט איהר איצט זיין? דאָרטען וועט אייער הערצעלע אומעטיג זיין, קאַלט און נוגענד וועט אייך דאָרטען זיין. ביינקשאַפט און טרויער וועלן אייער האַרץ אויסזויגען און אויף דער האַלב צורייסען. איהר וועט דאָרטען שטאַרבען, דאָרטען וועט מען אייך אַריינלעגען אין דער נאַסער ערד; און עס וועט אפילו ניט זיין זוער עס זאָל אייך באַוויינען! הער בעקאַוו וועט זיך אַלץ נאָר האָזען יאַגען... אַך מאַמעלע, מאַמעלע! אויף וואָס זשע האָט איהר זיך דאָס באַשלאָסען. ווי האָט איהר זיך געקענט באַשליסען אָנעהמען אַזאַ מי־טעל. וואָס האָט איהר געטאָן? וואָס האָט איהר דאָס געטאָן, וואָס האָט איהר איבער זיך געטאָן? זעהט, זיי וועלען דאָך אייך דאָרטען אין קבר אַריינטראַגען, זיי וועלען אייך פאַרמוטשען, מלאכ'ל מיינער! איהר זענט דאָך מאַמעלע, ווי אַ פעדערעל שוואַך! און וואו בין איך דאָס געוועזן? וואָס האָב איך נאַר, געקוקט! איך זעה אַ קינד מאַכט זיך נאַריש, ביים קינד טוט פשוט דאָס קעפּעלע וועה! אַנשטאָט קור־מען און אַלץ פשוט אַזוי טאָן, האַנדלען — אַבער ניין! אַ נאַר בלייבט אַ נאַר, ניט איך טראַכט וואָס, ניט איך זעה עפּעס, און עס זעהט אויס ווי איך בין גערעכט. אַט פונקט ווי די זאַך געהערט זיך מיט מיר גאַר ניט אַן, און איך לויף נאָך אום נאָך די שפּיצען!... ניין, וואַרינקאַ, איך וועל אויפשטעהן, איך וועל, קען זיין, צו מאָרגענדיגען טאָג געז־זונט ווערען, און אַט וועל איך אויפשטעהן! איך וועל זיך, מאַמעלע, אונטער די רעדער וואַרפען; איך וועל אייך ניט לאָזען אוועק פאַהרען! אַבער ניין, וואָס איז דאָ אויף אַן אמת'ן אַזעלכעס געשעהן? מיט וואָס פאַר אַ רעכט טוט זיך דאָס אַלעס? איך וועל מיטפאַהרען מיט אייך — איך וועל נאָך דער קאַרעטע נאָכלויפען, אויב איהר וועט מיך ניט נעהמען. איך וועל לויפען ווי ווייט מיינע כוחות וועלען כאַפּען, אַזוי לאַנג ביז איך וועל אַרויסלאָזען דעם לעצטען אָטעם. ווייסט איהר דען, מאַמעלע, וואָס דאָרטען איז? און אויף וואָס און וואוהין איהר פאַהרט? איהר, קען זיין, ווייסט דאָס ניט, אַבער פרעגט מיך! דאָרטען, טייערע מיינע, זענען די סטעפּעס הוילע, אַזוינע נאַקעטע ווי מיין דלאָני. דאָרטען געהען אום אונוויסענדע פּויערטעס, און ניט געבילדעטע

פויערים,און שבורים געהען דאָרטען אום. אין יענע מקומות זענען איצט אראָפּגעפאַלען די בעלטער פון די בוימער, רעגענס געהען דאָרטען און קאַלט איז דאָרט — און אהין פאָהרט איהר! נו, מילא, הער בעקאוו האָט דאָרטען א בעשעפטיגונג, ער וועט דאָרטען זיין מיט די האָזען, אָבער איהר? איהר ווילט זיין א לאַנד־באַזיצערין, מאַמעלע? ניין, מלאכ'ל איהר מיינער! איהר גיט נאָר א קוק אויף זיך, זענט איהר דען ענהליך צו א לאַנדבאַזיצערין?... טאַ, ווי זשע קען פּאַסירען אזוינס, ווארינקא! צו וועמען זשע וועל איך שרייבען בריעף, מאַמעלע? יא! נעהמט דאָס טאקע אין אנבאַטראַכט, מאַמעלע, — צו וועמען וועט ער טאקע שרייבען בריעף? וועמען וועל איך רופען מאַמעלע, וועמען וועל איך מיט אזא ליעבען נאָמען רופען? וואו זאָל איך אייך געפינען דערנאָך, טייבעלע מיינע? איך וועל שטאַרבען ווארינקא, איך וועל אונ־באַדינגט שטאַרבען. מיין הארץ וועט אזא אומגליק ניט אריבער־טראָגען! איך האָב אייך ווי די שיין פון גאָט ליעב געהאַט, איך האָב אלין אין אייך ליעב געהאַט, מאַמעלע, טייערע מיינע! און אליין האָב איך בלויז פאַר אייך איינער געלעבט! איך האָב געאַרבייט, געשריבען מיינע פּאַפּירען, געגאַנגען שפּאַצירען און איבערגעגעבען מיינע באָאָבאַכטונגען אין דער פאָרם פון פריינדליכע בריעף, בלויז דערפאַר וואָס איהר זענט געווען דאָ אנטקעגען, האָט אזוי נאָהנט גע־וואוינט. עס קען זיין, אז איהר האָט דאָס אלעס ניט געוואוסט, אָבער אזוי איז דאָס געווען! הערט זיך איין, מאַמעלע, זאָגט אליין, טייבע־לע מיינע, מילדינקע, ווי זשע קען דאָס זיין אז איהר זאָלט פון אונז אוועקפאָהרען? טייערע מיינע, איהר טאָרט ניט פאָהרען, עס איז אייך אונמעגליך עס איז פשוט קיין שום מעגליכקייט ניטאָ, אז איהר זאָלט אוועקפאָרען! אָט געהט דאָך א רעגען, און איהר זענט אזא שוואכינקע, איהר קענט זיך נאָך צוקיהלען, אייער קאַרעטע וועט זיך דורכנעצען. זי וועט זיך געווים דורכנעצען, די קאַרעטע וועט זיך גלייך, ווי איהר וועט ארויספאָהרען פון שטאָדט צוברעכען. זי וועט זיך אומיסטען צוברעכען. דאָס אין פּעטראָגראַד מאַכט מען די קאַרעטעס אזוי שלעכט! איך קען זיי אָט די אלע קאַרעטען־מאַכער: זיי דאַגה'ן בלויז ווי אזוי צו מאַכען עפּעס אן אנטיקעל ווי א מין שפּיעלצייג, אָבער ניט שטאַרק, גאָר ניט שטאַרק. איך קען שווערען, אז זיי מאַכען די קאַ־רעטעס זעהר ניט שטאַרק! איך וועל איהם אלץ, אלץ דערוויזען!

אויך איהר, מאַמעלע, דערוווייזט איהם, מיט שכל דערווייזט איהם! זאָגט איהם, אז איהר קענט ניט פאַהרען!... אַך, פארוואָס האָט ער אין מאָסקווע ניט חתונה געהאַט מיט איהר! פאַר איהם איז די קאָפּ־טשיכע בעסער. זי וואָלט זיך פיל בעסער צו איהם געפּאַסט, דאָס ווייס איך שוין פאר וואָס! און איך וואָלט אייך דאָ ביי זיך געהאַלטען. וואָס געהערט ער אייך דען אָן, בעקאָוו, הא? מיט וואָס איז ער דאָס אייך מיט אמאָל אזוי ליעב געוואָרען? אפשר דערפאַר וואָס ער קויפט פאַר אייך אַלץ די פאַלבאַלאַ? אפשר דערפאַר? אָבער וואָס איז אזוינס א פאַלבאַלאַ? און נאָך וואָס דאַרף מען זי? דאָס איז דאָך בלויז ניט מעהר ווי א נאַרישקייט, מאַמעלע! דאָ האַנדעלט זיך וועגען א מענ־שענס לעבען. און די שפּיצען זענען דאָך ניט מעהר ווי שמאַטקעלאַך! מאַמעלע! אַט וועל איך אייך אַליין אָנקויפען אַט די זאַכען, ווי איך וועל נאָר קריגען מיין געהאַלט; איך וועל דאָס אייך איינקויפען, מאַמעלע. איך האָב שוין דאָרטען א באַקאַנטען מאַגאַזין; אַט לאָזט מיך זיך בלויז פאר מיין געהאַלט דערוואַרטען, מלאַכ'ל מיינער, וואַ־רינקאַ! אַך, גאָט מיינער, גאָטעניו! און איהר פאָהרט טאַקע אונבאַ־דינגט אוועק מיט העהר בעקאָוו'ן אין די סטעפּעס? איהר פאָהרט אוועק אום זיך ניט אומצוקערען! אַך, מאַמעלע!... ניין, איהר וועט מיר נאָך אָנשרייבען. איהר וועט מיר כאָטש נאָר איין בריף אָנשריי־בען וועגען אַלעס, און ווען איהר וועט אוועקפאָהרען וועט איהר מיר אויך פון דאָרטען אָנשרייבען א בריף. און די בריף! עס איז דאָך אונמעגליך, עס קען דאָך ניט זיין, אז דאָס זאָל זיין דער לעצטער בריף! אָבער ניין, ניין! איך וועל שרייבען, שרייבט איהר אויך... ביי מיר פאָרמירט זיך איצט א סטיל... אַך, טייערע מיינע, וואָס מיר א סטיל! אַט ווייס איך דאָך איצט אויך ניט וואָס איך שרייב, איך ווייס ניט, קיין זאַך ווייס איך ניט. איך לייען ניט איבער און פאַררעכט ניט מיין סטיל. איך שרייב, בלויז אום צו שרייבען, כדי נאָר וואָס מעהר אייך אָנשרייבען... איהר, טייבעלע מיינס, טייערע מיינע, מאַמעלע מיינע!

ע נ ד ע.

פאַרלאַג

מאַקס יאַנקאָוויטץ

179 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.

THE FLIRT (אין ענגליש) — — — — — — — — .25

ליטעראַרישער דעקלאַמאַטאָר און פאָרלעזער — .30 .70

א בוך צום לאַכען:

הומאָריסטישע פאָרלעזונגען — — — — — 1.50

חיים שוים:

די גרויסע אידישע געשיכטע, 4 בענדער 10.00

לאָרד בייראָן:

אידישע מעלאָדיעס — — — — — — — — .40

ראָמאַן ראָלאַן:

שוועסטער אַנעט און סילוויא — — — — — 1.75

זומער (פאַרכישופטע נשמה) ראָמאַן אין 3 טיילען — — — — — — — — — — 2.25

מוטער און זון, ראָמאַן אין 3 טיילען — — 2.25

ישראל זאַנגוויל:

טרוימער פון דער גהעטא אין 2 בענדער — 4.50

ראָבערט אינגערסאָל:

טעות'ן פון משה רבנו — — — — — — .40 .75

אַרטור שאָפּענהויער:

די חכמה פון לעבען און אנדערע עסייען — 2.00

דר. מוזיקאַנט:

דאָס נייע אָפּערע בוך מיט 40 אָפּעראָס — 2.25

ברוך שפּינאָזא:

טעאָלאָגיש-פּאָליטישער טראַקטאַט — — 2.25

אנאטאָל פראַנס:

דער אויפשטאַנד פון די מלאכים — — — 2.00

אָסקאַר ווײַלד:

דאָס בילד פון דאָריאַן גרעי — — — — — 1.50

מ. אַרציבאַשעוו:

סאַנין — — — — — — — — — — — 1.50

מיליאָנען — — — — — — — — — — 1.20

פרויען — — — — — — — — — — — 1.00

אייפערזוכט — — — — — — — — — .50 1.00

דער לעצטער שטריך (אין 2 בענדער) — 3.50

לאה קאפּילאָוויטש האָפּמאַן:		
אין קינדער לאַנד, פאַר קינדער צו דעקלאַ-מירען — — — — — — — — — —		2.00
לעאָניד אַנדרעיעוו:		
דער רויטער געלעכטער — — — — — — — — —	.40	.70
פ. דאָסטאָיעווסקי:		
אָרימע מענשען — — — — — — — — —		1.00
ערנידעריגטע און באַליידיגטע (אין 2 בענד)		3.00
פאַרברעכען און שטראָף (אין 2 בענד) —		3.50
אידיאָט (אין 2 בענד, 1,000 זייטען) — —		5.00
טאָמאַס פּיין:		
די צייט פון פאַרשטאַנד — — — — — —		2.00
וויניטשענקאָ:		
ערליך צו זיך אַליין — — — — — — — —		2.00
וויקטאָר הוגאָ:		
דער מענש וואָס לאַכט (אין 2 בענדער) —		3.00
אויגוסט סטרינבערג:		
דאָס רויטע צימער, ראָמאַן — — — — — —		1.50
געזאַמעלטע דראַמען (אין 2 בענדער) —		3.00
„די פאַרברעכער" דראַמע — — — — — —		.25
פּראָפ. א. פאָרעל:		
געשלעכטס פראַגע פולשטענדיג אין 2 ב. —		4.00
ס. פּשיבישעווסקי:		
דעם טייוועלס קינדער — — — — — — — —		1.50
מאַרק ארענשטיין:		
מיין ווייב'ס משוגעת, קאָמעדיע — — — —		.20
ה. געלבוים:		
מרדכי עטינגער, ראָמאַן פון אידישען לע-בען אין אַמעריקא — — — — — —		2.50
פּעטער אַלטענבערג:		
ווי איך זעה עס — — — — — — — — —		1.75
ז. לעווין:		
אין לעבען — — — — — — — — — — —		1.50
ראובן לודוויג:		
שריפטען — — — — — — — — — — —		2.00